STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07990

# YOYVL-BUKH TSUM FUFTSIKSTN GEBOYREN-TOG FUN AVRAHAM SUTSKEVER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יובל־בוך

צום פופציקסטן געבוירן־טאָג

פון אַבֿרהם סוצקעווער

אַרויסגעגעבן פון יובל־קאָמיטעט אין יאָר טויזנט נײַן הונדערט דרײַ און זעכציק

תל־אָבֿיבֿ • ישׂראל

ספר היובל

לשנת החמשים של אַבֿרהם סוצקבֿר

נדפס בישׂראל

Printed in Israel 1963

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

# יובל־בוך

## צום פופציקסטן געבוירן־טאָג
## פון אַברהם סוצקעווער

תל־אָביב 1963

רעדאַקציע:

זלמן שזר
דבֿ סדן
מ. גראָס-צימערמאַן

# אינהאַלט


7 זלמן שזר / דער עלטער־פֿעטער און זײַן פּלימעניק

15 מאַרק שאַגאַל / פּאָעט און סימבאָל

17 ה. לייוויק / היטער פֿון ליכטיקע ווערטער

18 א. לעיעלעס / אַן ענטפֿער אויף אַ "פֿאַרצײַטיקן" בריוו

22 מיכאל אַסטור / סוצקעווערס פּאָעטישער אָנהייב

43 חיים גראַדע / אַברהם סוצקעווערס ווילנער מאָטיוון

49 אלחנן וואָגלער / מײַן חבֿר אַבֿרהם סוצקעווער

53 איציק מאַנגער / דער אַריאל פֿון אונדזער מאָדערנעם ייִדישן ליד

55 אַהרן שטיינבערג / אַ תּיקון פֿון ייִדיש

63 שלמה ביקל / אַן אַנדער מין כּוח

70 מ. גראָס־צימערמאַן / "ווערטער און שוויַגנס"

79 מ. ווײַנרײַך / באַגריסונג

80 ש. שלום / באַגריסונג

81 יחיאל האָפֿער / אַ מיצווה להכעיס

85 אַהרן צייטלין / דאָס בילד

86 רחל ה. קאָרן / אין פֿײַער־וואָגן פֿון סיביר ביז מידבר סיני

94 אַריה שמרי / מיט סיבירער ווײַן

101 יעקבֿ גלאַטשטיין / 50 יאָר סוצקעווער — 500 יאָר ייִדיש

105 אַבֿרהם רעגעלסאָן / "אָדע צו דער טויב"

110 אפֿרים אויערבאַך / אַ קאַפּיטעלע סוצקעווער

114 ישעיהו שפּיגל / שטריכן צו אַבֿרהם סוצקעווערס קינסטלערישן פּראָפֿיל

120 יעקבֿ פֿרידמאַן / געזאַנג צום געזאַנג

121 א. מ. פֿוקס / די מאַגיע פֿון וואָרט

123 י. גולה / הערות וועגן דער פּראָבלעם פֿון פּסיכאָרעאַליאַ אין דער פּאָעמע "געהיימשטאָט"

134 מלך ראַוויטש / סוצקעווער און די איינמאָליקייט

139 ישׂראל עמיאָט / "אָאַזיס"

142 ישעיה ראַבינאָוויטש / דער פּאָעטישער דרך פֿון אַבֿרהם סוצקעווער

163 י. זרבבֿל / דער פּאָעט

165 דבֿ סדן / אַ קליינע לעקציע

זלמן שזר

# דער עלטער־פּעטער און זײַן פּלימעניק

ווייסן מיר אַלע זייער ווויל, אַז דער הויפּט־יִחוס פֿון אַ דיכטער איז זײַן י ִ ח ו ס ־ ע צ מ ו. זײַן אייגענע אָריגינעלע פּערזענלעכקייט איז עס פֿון וואַנען עס פֿליסט זײַן דיכטערישע שאַפֿונג. און זי, די שאַפֿונג זײַנע אַליין איז עס וואָס געווינט דאָס האַרץ פֿון זײַן לייענער.

אָבער נאָך דעם ווי דער דיכטער האָט שוין באַוויזן צו געווינען דאָס האַרץ און דעם צוטרוי פֿונעם לייענער־קרײַז, און נאָך דעם ווי דו ווייסט שוין אויף זיכער, אַז דער שרײַבער איז אַ דיכטער און אַז ער געהערט צו ד ײַ נ ע דיכטער, ערשט דענסטמאָל ווילט זיך אָנהייבן דערטראַכטן, וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח דעם י ִ ח ו ס ־ אָ ב ו ת פֿונעם דיכטער, פֿון וואַנען שטאַמט דער בוים, וואָס אויף זײַנע צווײַגן איז ער אויסגעוואַקסן, און ווי ווײַט גרייכן די וואָרצלען זײַנע, און וועלכע וואַסערן האָבן זיי אָנגעטרונקען.

ווייסן מיר ניט גענוי די שײַכות צווישן דעם שעפֿערישן מענטשן און זײַן שלשלת־היוחסין, און יעדער פּאַרלאַנג צו דרשענען גזירה־שווהס אויבן־אויף, איז געוויס אַ וועג וואָס פֿירט נאָך ניט צום אמת. אָבער ערגעץ אַ שײַכות צווישן דער פּערזענלעכקייט און איר מקור איז דאָך זיכער פֿאַראַן. און צו דעם אַלטן קלוגן כּלל: „ווילסטו דעם דיכטער פֿאַרשטיין, מוזסטו אין זײַן לאַנד גייך" וועט מען מסתּמא מוזן צוגעבן אַ הוספה: „און אויך זײַן אָפּשטאַם דערגיין".

כאַפּ איך אַ מאָל אַ שמועס מיט מײַן פֿרײַנד דעם יובילאַר וועגן דעם ענין, ווייס ער גראָד מיר צו דערציילן אַז זײַן זיידע איז געווען דער מיכאַלישאָקער. ווייס איך אַז סתּם דער „מיכאַלישאָקער" איז דער דיכטער אַד"ם הכּהן לעבענזאָן, ווייס ער וועגן אַזאַ קרובֿישאַפֿט גאָרניט, און קיין ווײַטערע ידיעות קען איך פֿון אים וועגן זײַן יִחוס־בוים ניט באַקומען.

מאַכט זיך אַ מעשׂה און אונדזער גוט באַקאַנטער שריפֿטשטעלער ר' אבא גאָרדין, דער רעדאַקטאָר פֿון „פּראָבלימות", וואָס איז מיט מזל אַריבערגעקומען צו אונדז פֿון אַמעריקע און וועלכער איז אַ זון פֿון „לאָמזשער רבֿ" אין סמאָרגאָן, דער היימשטאָט פֿון אונדזער דיכטער, קלײַבט זיך צו רעדאַגירן אַ ספֿר וועגן די סמאָרגאָנער אומגעקומענע קדושים. און געוויסנדיק און פֿלײַסיק ווי ער איז, שיקט ער פֿונאַנדער בריוו אין גאָר דער וועלט צו קלײַבן ידיעות וועגן סמאָרגאָנער גדולים. קריגט ער אַ תּשובֿה פֿון סוצקעווערס אַ פּעטער, ר' אהרן רובין, אַזש פֿון מינכען און אין דעם בריוו דערציילט זיך אויספֿירלעך וועגן דעם פֿאָטער פֿון דעם דיכטערס מוטער ר' ש ב ת י פֿ ײַ נ ב ע ר ג, וועלכער איז געווען רבֿ אין מיכאַלישאָק און מחבר פֿונעם רבנישן ספֿר „אפּיקי מגינים" און וועגן זײַן שווער, דעם עלטער־זיידן סוצקעווערס, דעם חבֿ"דישן חסיד ר' אבֿרהמל איצעלעס, נאָך וועמען אונדזער דיכטער איז עס אַ נאָמען, און זײַן ברודער, דעם גרויסן מתנגדישן למדן ר' אריה־לייב וועמעס זון איז געווען דער באַרימטער מחבר פֿון „אוהל שם", דער רבֿ, ר' שלמה־מרדכי ברודני, וועלכער איז בכן דעם דיכטערס עלטער־פּעטער.

מאַכט זיך אַ מעשׂה בתוך מעשׂה און אַט דער ר׳ שלמה־מרדכי איז עס דער אומפאַרגעסלעכער רבֿ פֿון מײַן שטעטל שטויבץ, וואָס איז פֿאַר מיר דער סאַמע תּמציתדיקער באַגריף פֿון אַ טיפּישן ליטווישן רבֿ בכלל. ער געהערט צום הויפּט־פּערסאָנאַזש פֿון מײַנע פֿריסטע יוגנט־זכרונות, וואָס ווילן אין מיר ניט אויסגעלאָשן ווערן.

ווערט מיר מיט איין מאָל אַ היפּש ביסל קלאָרער דער גאַנצער גאָרטן, פֿון וועלכן עס שטאַמט אונדזער דיכטערישער יובילאַר, און כּדי אים און אונדז נאָך מער צו פֿאַרשענערן די געפּלאַנטע יובֿל־שׂמחה, בעט איך רשות אַוועקצולאָזן זיך אַ ווײַלע אויף מעמואַריסטישע וועגן אין יענעם פֿאַרשניטענעם גאָרטן, פֿון וועלכן ס׳איז שוין לאַנג קיין שׂריד ופּליט ניט געבליבן, און אָפּקלײַבן פֿון דאָרטן עטלעכע אויסטערלישע קווייטן, וואָס בליִען אין מײַן האַרצן הײַנט ווי אַ מאָל.

טראַכט איך זיך קודם־כּל אַרײַן אינעם טשיקאַוון נאָמען פֿונעם דיכטערס זיידנס ספֿר ״אַפּיקי מגינים״, וואָס איז אַרויסגענומען פֿון אַ שווערן פּסוק אין איובֿ (מא,ז). ערשט די צוויי ווערטער זענען צוזאַמענגעזעצט כּמעט פֿון די זעלביקע אותיות ווי זײַן פֿאַמיליע־נאָמען פֿ ײַ נ ב ע ר ג (אַ מאָל איז עס געשריבן געוואָרן פֿ ײַ נ ב א ר ג), און זענען טאַקע בגימטריה פֿײַנבארג (בלויז דער ריש איז פֿאַרביטן אויף די פֿיר אותיות ק, מ, מ, י, י, וואָס באַטרעפֿן ריש). און דער ב׳ איז מרמז אויף די צוויי ווערטער פֿונעם נאָמען. פּונקט ווי דער ספֿר פֿון זײַן עלטער־פֿעטער ״אוהל שם״ איז אַ רמז אויף זײַן נאָמען שלמה־מרדכי, פֿון וואָס שם איז ראָשי תּבֿות.

דעם זיידן ר׳ שבתי פֿײַנבערג האָב איך ניט געקענט. דערפֿאַר אָבער האָב איך גוט געקענט דער עלטער־פֿעטער ר׳ שלמה־מרדכי, אונדזער לאַנגיאָריקן שטויבצער רבֿ, עליו השלום. ווײל איך פֿאַרבעטן זײַן געשטאַלט, וואָס לעבט אין מײַן זכּרון, אַראָפּצוקומען צום יובֿל פֿון זײַן דיכטערישן פּלימעניק.

איך געדענק אים ווי אַ ייִדן אַ זקן, — פּערזענלעך זייער אַ פֿרײַנדלעכער און אָנגענעמער אין פּריוואַטע שמועסן, וואָס שמט ניט נאָר אַלס גוואַלדיקער למדן, נאָר אויך אַלס גרויסער פּקח אין מסחר־ענינים. און דערפֿאַר פֿלעגט מען פֿאָרן צו אים אין בוררות בשעת קאָמפּליצירטע סוחרישע סכסוכים. דערפֿאַר אָבער אין אַלע געטלעכע ענינים איז ער געווען אַ מוראדיקער קפּדן. אין שטאָט האָט ער געגאָלטן פֿאַר אַ כּעסן און איז געווען צעריסן מיט די בעלי־בתּים און אויף די אַסיפֿות פֿון זט״ה פֿלעגט ער שטענדיק אָדער שווײַגן, אָדער בייזערן זיך. די פֿרוי זײַנע, די רביצין דרייזשע, פֿלעגט מיינסטנס זײַן קראַנק און ליגן וואָכן־לאַנג אין איר אַלקער, און אַז ס׳פֿלעגן קומען אורחים, פֿלעגט ער דאַרפֿן זײַן אי דער בעל־הבית אי די בעל־הביתטע.

ווײַל ער איז אַליין געווען אַ פֿאַרמעגלעכער ייִד און זײַנע נגידישע קינדער אין סמאָרגאָן, ווי אויך זײַן רײַכער ברודער דער באַנקיר ר׳ איצע ברודני אין ווילנע האָבן געהאַלטן אין איין רופֿן אים צו קומען צו זיי, האָט ער זיך ניט גערעכנט צו פֿיל מיט די בעלי־בתּים און אויב אַ בעל־הבית פֿלעגט ניט וועלן געבן אויף מעות־חטים וויפֿל דער רבֿ האָט געוואָלט, און ווער רעדט נאָך אויב אַ נגיד פֿון שטעטל האָט ניט געוואָלט מקיים זײַן אַ פּסק־דין אָדער האָט זיך געקליבן אָפּטאָן אַן עוולה צו אַ שכן אַן אָרעמאַן, אָדער ניט אויסגעהאָלפֿן ווי געהעריק אַ ייִדן אַ יורד — פֿלעגט ער

אים שיקן רופֿן צו זיך און אין בײַזײַן פֿון גאַנץ זט׳ה אים אויסזידלען כאחד הריקים, און אַ מאָל אַפֿילו אַרויסטרײַבן פֿון שטוב. באַלד פֿלעגט ער זיך אָבער כאַפּן, אַז גערעכט איז ער טאַקע, און וואָס ער האָט געטאָן איז ער אַלס מרא־דאתרא געווען מחויבֿ צו טאָן, אָבער וואָס טוט מען מיט דעם „המלבין פני חברו ברבים?״ — פֿלעגט ער זיך געשווינד לאָזן לויפֿן איבערן לאַנגן הויף ביז צו דער קאַליטקע און פֿלעגט שרײַען איבער דער גאַנצער גאַס: ר׳ ייִד, ר׳ ייִד, זײַט אַזוי גוט און קומט צוריק, איך וויל בײַ אײַך מחילה בעטן...

צווישן רבנים האָט ער געשמט אַלס איינער פֿון די גרעסטע און שאַרפֿסטע למדנים אין דער גאַנצער ליטווישער געגנט. אַלע האָבן געוווסט אַז ער שרײַבט אַ ספֿר — וואָס וועט פֿאַרפֿלאַמען אַ וועלט מיט זײַנע טיפֿע לומדישע חדושי־תורה. ר׳ אליה־ברוך קאַמאַי אַליין, דער אַלטער ראָש־ישיבֿה פֿון דער באַוואוסטער מירער ישיבֿה פֿלעגט צו אים שיקן זײַנע בעסטע בחורים צו נעמען בײַ אים סמיכה אויף רבנות. און איך געדענק גוט ווי חשובֿע באַבערדלטע עלויים פֿלעגן זיך אָפּוואַלגערן אַ ווינטער־לאַנג אין געמויערטן בית־מדרש, גרייטנדיק זיך יומם ולילה צום שטרענגן יום־הדין, ווען דער רבֿ וועט זיי פֿאַרהערן, און זיי פֿלעגן דערבײַ די גאַנצע צײַט ציטערן פֿאַר זײַן הויך.

אין פֿרומקייט איז ער געווען אַן עקסטרעמער קעגנער פֿון יעטוועדן שינוי, און מען האָט ניט געטאָרט אָנרירן דעם מינדסטן מינהג. און פֿלאַמפֿײַער איז ער געווען אויף השׂכּלה־שרײַבערס און אויף דער גאַנצער מאָדערנער ליטעראַטור. ער האָט זייער חשק געהאַט ניט צוצולאָזן איר קיין שום דריסת־רגל אין זײַן גאַנצער קהילה.

געדענק איך ווי אַ וויץ אַז דווקא פֿון אים האָב איך באַקומען די ערשטע אָנרעגונג צו זוכן און צו געפֿינען די השׂכּלה־ביכער.

געווען איז עס שבת־שובֿה. איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, וואָס האָט געלערנט אין חדר בײַם גמרא־מלמד, און איך בין פֿרום געגאַנגען הערן דעם רבֿס דרשה. געדענק איך אים שטייענדיק אײַנגעוויקלט אינעם לאַנגן טלית אויף דער בימה, די גראָע באָרד באַדעקט דאָס גאַנצע האַרץ, און די קײַלעכדיקע שיינע פּעלצענע שטרײַמל איז אַרויפֿגערוקט אויפֿן ברייטן שטערן. איך בין געשטאַנען און געשלונגען די ווערטער. זע איך ווי זײַן פּנים ווערט רויט פֿון צאָרן, די פֿאַרביקע פֿאַטשיילקע אין זײַן פֿויסט ציטערט פֿון אויפֿרעגונג און זײַן קול דונערט: ״ליליענבלום און אחד־העם ימח שמם וזכרם״!

אַן אָנגעצונדענער בין איך פֿון דער דרשה אַוועקגעלאָפֿן צו אַלטער דעם לערער דערגיין, ווער זענען דאָס אָט די געפֿערלעכע מענער, וועמעס נאָמען איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געהערט, און וועמען דער רבֿ האָט אַזוי ביטער און דווקא מיט אַ גראַם, אַ פּנים כּדי איך זאָל זיי בעסער פֿאַרגעדענקען, אָקערשט ערשט אַזוי פֿײַערלעך פֿאַרשאָלטן. און בײַ אים האָב איך טאַקע באַקומען אי ליליענבלומס ״חטאת נעורים״, אי אַחד העמס ״על פּרשת דרכים״, וואָס כ׳האָב פֿריִער וועגן זייער עקסיסטענץ ניט געוווסט.

מײַן הויפּט־אָפּאָזיציע קעגן דעם רבֿ האָט זיך אָנגעהויבן וועגן דעם ענין ציוניזם. פֿאַר אים איז שוין אייגנטלעך חסידות אויך געווען אַ מין ״חדש״ וואָס איז ״אסור מן התורה״. פֿונעם בריוו פֿון אונדזער יובילאַרס מינכענער פֿעטער

דערוויס איך זיך, אַז די מחלוקת וועגן חסידות איז געווען אין זײַן משפּחה. דעם רבֿס פֿאָטערס ברודער, אַבֿרהמל איצעלעס, דער עלטער־זיידע פֿון אונדזער בעל־יובֿל, איז גראָד געווען אַ גרויסער חב״דער חסיד, אָבער דעם רבֿס פֿאָטער איז געווען אַ געבראָטענער מתנגד, און די מחלוקת צווישן די ברידער איז אָנגע־גאַנגען אַלע יאָרן. און דער רבֿ אַליין איז טאַקע געטרײַ געבליבן זײַן פֿאָטערס טראַדיציע מיט אַ ווערך. אָבער אויב ״צום אומגליק״ פֿון חסידות האָט ער זיך צו ביסלעך צוגעוווינט (ווי ווײַט איך געדענק איז זײַן פֿוס קיין מאָל ניט אַריבער־געטראָטן דעם שוועל פֿון דער דערבײַיִקער חסידישער שטיבל, ניט דער קיידע־נאָווער און ניט אונדזערער, דער חב״דער), איז אָבער די שׂינאה זײַנע צו דער נײַער ״ציוניסטישער אַנשיקעניש״ געווען אין לשער. ער האָט עס באַטראַכט פֿאַר זײַן הייליקן חובֿ ניט אַרײַנצולאָזן דעם ציוניזם אין זײַן שטאָט אַרײַן בשום פּנים ואופֿן, און ווער עס איז שוין ניכשל געוואָרן און האָט זיך אַרײַנגעצויגן אין אָט דער ״טריפֿהנער פֿאַרבלענדעניש״ — אים רודפֿן עד חרמה, ביז דער ציוניסטישער דיבוק זאָל פֿון אים אַרויס.

פֿלעגט מען אין ציוניסטישע קרײַזן אין שטויבץ דערציילן, אַז נאָך אין די צײַטן פֿון חיבת־ציון, ווען ר׳ שלמה־מרדכי איז נאָך אין שטויבץ קיין רבֿ ניט געווען, און על כּסא־הרבנות איז נאָך געזעסן דער באַרימטער ר׳ ישׂראל־נח לעווין, וואָס איז נאָך דעם געוואָרן רבֿ אין מאָסקווע און שפּעטער שטאָט־מגיד אין ווילנע, האָט זיך אין שטויבץ געמאַכט אַ גרויסע בוררות, און דיביידע הויפּט־צדדים פֿונעם סכסוך זענען געווען פֿלאַמיקע חובֿבֿי־ציון. אַז די דין־תּורה האָט זיך פֿאַרענדיקט, האָט דער רבֿ, מיט דער הסכּמה פֿון ביידע צדדים, באַשלאָסן אַז דער אַרויפֿגעלייגטער קנס וואָס ס׳האָט באַטראָפֿן הונדערט רובל זאָל אַוועק־געשיקט ווערן קיין אָדעס צום וועד פֿון די חובֿבֿי־ציון.

דערווײַל איז ר׳ ישׂראל־נח אַוועקגערופֿן געוואָרן קיין מאָסקווע און די שטויבצער רבנות האָט פֿאַרנומען ר׳ שלמה־מרדכי, און דאָס געלט איז געווען דעפּאָזירט אויף דעם רבֿס נאָמען. איז דער נײַער רבֿ געוואָרן אַ פֿאַרציטערטער, אַז פֿון זײַן נײַער שטאָט זאָל מיט זײַן אייגענער הסכּמה אַוועקגעשיקט ווערן געלט צום בעל פּעור רחמנא ליצלן. האָט ער זיך פֿאַרעקשנט אַז דאָס געלט זאָל טאַקע געשיקט ווערן קיין א״י, אָבער צו דער קופּת ר׳ מאיר בעל הנס. האָט עס געהאַלטן בײַ אַ גרויסן סקאַנדאַל. די זאַך איז דערגאַנגען אַזש קיין אָדעס. דער רבֿ האָט טאַקע גוט געוווסט, אַז מען טאָר ניט משנה זײַן מצדקה לצדקה. אַוודאי טאָר מען עס ניט. אָבער ווערן, חלילה, ״אַ נותן יד לפּושעים״ וויל ער נאָך מער ניט. האָבן רבנים פֿאַרבאָטן מען זאָל וועגן דעם עפֿנטלעך ריידן, כּדי פֿאַרמײַדן חלול־השם. אָבער פֿירנדיקע ציוניסטן אין דער געגנט האָבן דעם ענין ניט פֿאַרגעסן. 100 רובל איז, לויט די אַמאָליקע קערות־באַגריפֿן פֿון חו״צ, געווען אַ מטמון מיט געלט. איז אַראָפּגעקומען קיין שטויבץ איין מאָל דער ציוניסטישער רבֿ קאַקעס פֿון טשע־ריקאָוו, וואָס האָט געהאַט אַ ברודער אין שטויבץ, אויסצוטענהן זיך מיטן רבֿ. און דער טשעריקאָווער רבֿ איז געווען אַ פֿײַנער דרשן און אַ רבנישער פּאָלעמיקער, האָט זיך אָבער פֿון זײַן שליחות גאָרניט אויסגעלאָזן. ווײַל די פּערזענלעכע באַ־געגעניש איז גאָר ניט פֿאָרגעקומען. איז אַראָפּגעפֿאָרן קיין שטויבץ דער מינסקער דעלעגאַט צו די באַזעלער קאָנגרעסן, דער ציוניסטישער אַראַטאָר מיכאל שימי

הורביץ, דער בן־יחיד פֿון מײַן רײַכן און לומדישן פֿעטער, דעם מינסקער וואַלד־סוחר ר׳ שמואל־שלמה הורביץ, וואָס פֿון זײַנע וועלדער אַרום שטויבצ האָבן געצויגן חיונה אַ היפּש ביסל יידן אין שטעטל. האָבן ציוניסטן געמיינט, אַז אים וועט דער רבֿ ניט קענען מעיז־פּנים זײַן. געדענק איך אַז איך בין געשיקט געוואָרן זאָגן דעם רבֿ, אַז מיכאל שימי הורביץ איז דאָ און וויל צו אים אַרײַנגיין, פֿרעגט ער ווען וועט זײַן דעם רבֿ אײַנגענעם צו אויפֿנעמען אים.

הייבט זיך אויף דער אַלטער רבֿ פֿון דער גמרא און זאָגט צו מיר מיט אַ קלוגן שמייכל: גיי און זאָג אים, אַז בײַ מיר, גאָט צו דאַנקען, שטייט ניט קיין אַקאַלאָדאַצניק בײַם גאַניק און אויף מײַן טיר הענגט ניט קיין גלעקל, חס־ושלום. וויל אַ ייִד אַרײַן צום רבֿ דאַרף ער קיין דערלויבעניש ניט בעטן, און בפֿרט נאָך אַן אורח און אַזאַ חשובֿער אורח.

אָבער אויך זײַן באַזוך, וואָס איז געווען געוועבט און געשפּונען מיט קלוגע אויסטײַטשונגען און עכט־רבנישע שטעכווערטלעך, האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

האָט מען אַפֿילו דערציילט, אַז אַ מאָל האָט שוין דער מינסקער גדול אַליין צו אים געשריבן ער זאָל מבֿטל זײַן זײַן רצון מפּני רצון חבֿריו און אַזוי פֿאַרהעלפֿן אָפּצוטאָן לזות־שׂפֿתיים. ווייס איך ניט צי די גאַנצע מעשׂה מיטן גדולס בריוו איז אַן אמתע און אַוודאי ווייס איך ניט וואָס דער רבֿ האָט אים געענטפֿערט. איך ווייס אָבער אַז כּל־זמן הרבֿ ר׳ שלמה־מרדכי ברודני איז געזעסן על כּסא־הרבנות בשטויבצ זענען די הונדערט רובל געלעגן אין מינסק אין באַנק אויף זײַן נאָמען, און זענען קיין אַדעס ניט אַוועקגעשיקט געוואָרן.

און קוק איך זיך איצט אײַן אין דער געשטאַלט פֿון שטויבצער רבֿ, האָבנדיק פֿאַר מיר די געשטאַלט פֿון זײַן דיכטערישן תּל־אָבֿיבֿער פּלימעניק, שטײַגן מיר אויף אין זכּרון נאָך כאַראַקטעריסטישע שטריכן: געווען איז אונדזער שטויבצער רבֿ אַן אָנלען און אַ שטיצפּונקט פֿאַר אַלע זײַנע שכנישע רבנים אין די קלענערע שטעטלעך אַרום. מיט געבן הסכּמות אויף אָפּצודרוקן אַן אַרײַנפֿיר צו זייערע חיבורים האָט ער זיך טאַקע ניט געוואָרפֿן. געהאַט האָט ער אַ מוראדיקן אָפּשײַ פֿאַרן געדרוקטן וואָרט. זענען טאַקע די ייִנגערע רבנים געווען אַ ביסל אָנגעשטויסן אויף אים דערפֿאַר. אָבער מחוץ פֿון געדרוקטע הסכּמות איז ער געווען פֿאַר זיי הילפֿסגרייט אין אַלע פּרטים. ער פֿלעגט גערן געבן זיי רעקאָמענדאַציע־בריוו און המלצות צו רבנים און צו נגידים, צו קהילות און צו לאַנד־שדכנים. זײַן אייגענער שטויבצער לאַנד־שדכן פֿאַר רבנים־שטעלעס אין גאָר דער מדינה, ר׳ אליהו מאַכטיי, איז אַלע מאָל געווען צו הילף "מיט ראַט און טאַט" און אַז אַ שכנישער רבֿ איז אַראָפּגעקומען אויף אַ שבת — אויב ער איז נאָר ניט געווען קיין ציוניסט — פֿלעגט ער אים אויפֿנעמען מיטן שענסטן הדר וכּבֿוד. פֿלעגט אים אָפּטרעטן זײַן אייגענעם שלישי אין גרויסן בית־המדרש און פֿלעגט שטעלן צו זײַן רשות די בימה אויף צו דרשענען בין מנחה למעריבֿ.

דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ער זײַן אייגענעם כּבֿוד זייער שאָנעווען, פֿלעגט זײַן זייער שפּירעוודיק אויב אַ זײַטיקער רבֿ פֿלעגט לאָזן פֿאַלן אַ מיינונג וועגן זײַן לומדות אָדער וועגן זײַן דרשנות וואָס האָט בײַ אים ניט נושׂא־חן געווען, און

וועלכער גאון ס׳פלעגט ניט קומען אין זײַן שטוביבל, אַפילו דער מירער ראש־ישיבה אַליין, פלעגט ער אים אויפנעמען ווי אַ גלײַכער אַ גלײַכן.

און זײַן אייגענעם חיבור האָט ער געשריבן בדחילו ורחימו צענדליקער יאָר נאָך אַנאַנד, און ס׳האָט זיך אים אַלע מאָל געדאַכט אַז דער חיבור איז ניט גענוג געשליפן כדי אַרויסצולאָזן אים פון דער האַנט און איבערגעבן אים דער רבנישער עפנטלעכקייט.

איין מאָל האָב איך געזען דעם רבֿ אין זײַן אויפרעגונג און אויפברויז פון טעטיקייט בשעת אַן אַרטיקן יידיש־גוייִשן סכסוך, ווו זײַנער אַן אייניקל, איז געווען דירעקט פאַרמישט; ווילט זיך מיר אויך דעם אייניקלס ליכטיקן אָנדענק פאַרבעטן צו אונדזער שמחה און אויך אים אַרײַנפלעכטן אין אונדזער "גאָלדענער קייט".

הערט אַ מעשה:

צו אים איז אַ מאָל געקומען צו גאַסט זײַנס אַן אייניקל פון סמאָרגאָן, אײַזיק. טאַקע אַט דער אונדז אַלעמען גוט־באַקאַנטער, פון אונדז אַלעמען געשעצטער און ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער דירעקטאָר פון אונדזער אַרבעטער־באַנק אין ארץ־ישראל — אײַזיק ברודני. ער איז געווען אין מײַן עלטער, אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף, און געקומען איז ער צום זיידן אויף די דרײַ קאַניקול־חדשים, וואָס ער האָט געהאַט אין זײַן קאָמערטשעסקער שול. געשמט האָט ער פאַר אַ ייִנגל מיט אַ גוטן קאָפּ, וואָס האָט נאָך געהאַלטן בײַם לערנען און איז געווען אַרײַנגעטאָן אין ציוניזם. זענען מיר באַלד געוואָרן גרויסע ידידים. איך האָב דענסמאָל אָנגעהויבן לערנען בײַם רבֿס דיין, ר׳ יעקבֿ־מאיר דער ווײַסער, וואָס איז פריִער געווען אַ משולח פון מירער ישיבה, און כדי אײַזיק זאָל אין די קאַניקול־חדשים ניט ווערן אָפּגעפרעמדט פון תורה, האָט דער רבֿ אים אַרײַנגעגעבן אין אונדזער כתה, און שבת נאָכן דאַווענען פלעגט ער אַליין מיט אונדזביידן לערנען נדרים מיטן ר״ן. האָבן מיר ביידע אַ מאָל באַשלאָסן שבת פאַרן לערנען כאַפּן אַ שפּאַציר צו דער מיל.

די מיל איז געשטאַנען אויפן רעכטן מיטן וועג צווישן די לעצטע שטעטלדיקע הײַזער פון מינסקער גאַס און צווישן דעם וואָקזאַל. צווישן לייב־אריה דעם בעקער, די לעצטע הויז אין גאַס, און דער מיל האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער געלער באַרג־אַרויף פון לויטער טיפע זאַמדדיונעס. זענען מיר זיך געגאַנגען אַזוי אויסגעפוצטע אין די שבתדיקע זומערדיקע אָנצוגלעך, פאַרטיפטע אין אונדזער שמועס, ווי אונדזערע פיסלעך אין די הייסע זאַמדן ביז די קנעכלעך, ערשט ווי מיר האַלטן שוין בײַ דער סאַמע מיל, גיט זיך אַ לאָז אויף אונדז פון הינטער די מאַהילקעס אַ כאַפּטע שקצים האַלטנדיק די פאַלעס פון זייערע סערמיגלעך אין זייערע קולאַקלעך און שרײַענדיק: "היי, היי, זשיד כאַלאַמיד"; און באַלד דערויף הייבן זיך אַן שיטן אויף אונדז הויפנס זאַמד און שטיינדלעך, פאַרהילכט פון אַ מאָויזמדיקער בילערײַ פון באַגלייטנדיקע הינט.

וועגן אַנטקעגנשטעלן זיך אַליין מיט לײדיקע הענט קעגן אַזאַ גרויסער באַנדע שקצים האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זײַן; און שבת פרי בעת סאַמע דאַווענען, ווען אין גאַנץ יורזיקע עסט מען שוין טשאָלנט, האָט מען קיין איין ייִדיש

ייִנגל אין דער געגנט ניט געקענט געפֿינען אויף אַ רפֿואה. ניט טויט ניט לעבעדיק זענען מיר געלאָפֿן פֿייַל פֿון בויגן צוריק אין שטאָט אַרייַן; און קרוע־בלוע, פֿאַרשוויצט און באַשמוציקט, סאָפּענדיק מיט די לעצטע כּוחות זענען מיר קוים־קוים אַרייַנגעפֿאַלן אינעם רבֿס הויז, ווו ס׳איז געווען פֿאַרזאַמלט גאַנץ פּני צו קידוש.

די טעג זענען דענסטמאָל געווען אומרויִקע, אַלע בעלי־בתּים אין רבֿס הויז זענען אויפֿגעשפּרונגען ווי צערודערטע הערנדיק אונדזער געשיכטע. און באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל אַוועק כּאַדאַראַם. אייניקע האָבן געשריִען אַז ייִדישע ייִנגלעך האָבן גאָר ניט געטאָרט אין אַזעלכע צייַטן זיך לאָזן שפּאַצירן אין אַ גוייִשער געגנט, און אַנדערע האָבן געטענהט אַז מיר טאָרן ניט שווייַגן. מיר מוזן אויספֿאָרשן פֿון וואַנען זענען די שקצים און פֿאַרפֿירן אַ פּראָצעס. בראש פֿון אַלע אויפֿגערעגטע איז געשטאַנען דער אַלטער רבֿ. ווי אַ געטרייַער פּאַסטעך אין וועמעס סטאַדע עס האָבן זיך באַוויזן וועלף, האָט ער אַן אויפֿגעציטערטער געשריִען, מען זאָל תּיכּף אַרויסשיקן שטאָפּעטן אויסצופֿאָרשן לויט די פֿוסצייכנס אין די זאַמדן ווהין די שקצים זענען זיך צעלאָפֿן, און מען זאָל גוט דערגייַן פֿון וואַנען שטאַמען די הינט און מען זאָל זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף גויִשע משפּטים און מען זאָל ניט שווייַגן.

נאָך אַ לאַנגער צייַט האָט דאָס שטעטלדיקע יונגוואַרג ווידער הנאה געהאַט פֿונעם אַלטן רבֿ.

און האַלטנדיק דאָס אויג אויף אונדזער דיכטער דעם יובילאַר, ווילט זיך מיר אַרויספֿירן אין זכרון נאָך איין שטריך; וועגן דעם ענין שיינקייט אין דער משפּחה. דעם רבֿס ברודער, ר׳ איטשע ברודני, דעם ווילנער באַנקיר, וואָס דער מינכענער בריוו־שרייַבער קען זיך ניט אָפּוווּנדערן פֿון זייַן הדרת־פּנים און פֿאַרגלייַכט זייַן אויסזען מיטן פּנים פֿון ד״ר הערצל — האָב איך פּערזענלעך ניט געזען און קען דעריבער וועגן אים ניט אורטיילן.

אָבער איך האָב געהאַט די זכיה גוט צו קענען אַ צווייטן עקספּאָנענט פֿון דער משפּחהדיקער שיינקייט און פֿון באַגייַסטערונג פֿאַר שיינקייט צוגלייַך. האָב איך אַ גליִענדיקן חשק אויך איר וווּנדערלעכע געשטאַלט צו פֿאַרבעטן צו אונדזער יובל־פֿייַער און זאָל אויך איר שייַנענדיק פּנים אַרויסשטראַלן אויף אונדזער יום־טובֿ.

צום רבֿ איז אַ מאָל געקומען צו גאַסט אַ צווייטע אייניקל־טאָכטער, דוכט זיך אויך פֿון סמאָרגאָן. קסעניע האָט זי געהייסן, אַ טאָכטער פֿון רבֿס אײדעם. איז זי געווען אַ זייער שיין מיידל מיט צוויי דיקע לאַנגע באַגילדטע צעפּ און טיף־קלוגע ייִדישע אויגן. גערעדט האָט זי מייַנסטנס רוסיש און איז געווען גוט באַפֿרייַנדט מיט מייַנע שוועסטער. געקומען איז זי קיין שטויבץ מיט אירע עלטערן צו אַ ברית אין רבֿס הויז. העניע, דעם רבֿס יונגע שנור — די פֿרוי פֿון זייַן ייִנגסטן זון זלמן ברודני — אַ נאָענטע ייִנגערע חבֿרטע פֿון מייַן מוטער, האָט געבוירן אַ ייִנגעלע. זלמן ברודני, דער בעל־הברית, איז געווען באַשעפֿטיקט אין זייַן נייַער פֿאַבריק אין דווינסק, אָבער אַנדערע קרובֿים זענען זיך צוזאַמענ־געפֿאָרן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט. זיי זענען געווען באַחנטע און באַטעמטע

לומדיש־נגידישע מענטשן. און קסעניע איז געווען די אָנערקענט שענסטע צווישן זיי אַלע. אײַזיק איז שוין געהאַט געווען אַוועקגעפֿאָרן. געדענק איך ווי באַגליקט איך בין געוואָרן, ווען איך האָב געהערט אַז לויט העניעס באַשלוס וועל איך מיט קסעניען זײַן קוואַטער אויפֿן ברית. זי האָט געשפּרײַזט לעבן מיר ווי אַ יונגע פּרינצעסין טראָגנדיק פֿײַערלעך די אויסגעפּוצטע קישן מיטן יינגעלע פֿון העניעס צימער ביזן רבֿס זאַל. און אין אַ געהויבענער שטילקייט האָבן מיר שפּעטער ביידע אָפּגעוואַרט לעבן דער טיר ביז דער הייליקער אַקט האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ מאַנסבילשן רעש פֿון "מזל־טובֿ" און די קישן מיטן רך הנימול איז אונדז ווידער צוריקגעבראַכט געוואָרן, און מיר האָבן ביידע נאָך אַ מאָל פֿײַערלעך געשפּרײַזט מיטן קישן ביז צו דער בעט פֿון העניען, וווּ עס זענען געווען פֿאַר־זאַמלט אַלע פֿרויען פֿון ביידע צדדים.

אומפֿאַרגעסלעך איז געבליבן אין מײַן זכרון אָט די כמעט קינדישע דערמאָנונג פֿון אָט דער פֿײַערלעכער פּראָצעסיע און די אַזוי עפֿנטלעך־אינטימע בשותּ־פֿותדיקייט מיט דער שיינער קסעניע, דעם רבֿס אייניקל און אונדזער דיכטערס שוועסטערקינד.

אַ סך שפּעטער האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אונדזער אײַזיק ברודני (בראַלי) וועגן זײַן שוועסטערס קינד קסעניע. האָב איך זיך דערוווּסט אַז אויך זי איז געווען אונדזער יובֿילאַרס אַ לײַדן־שוועסטער אין ווילנער געטאָ און איז טאַקע אומגע־קומען אין פּאָנאַר, וואָס פֿון אונטער יענער ערד איז געווען די געהיימשטאָט, פֿון וואַנען ס'איז אויף אַזאַ העראָישן אופֿן אַנטרונען געוואָרן און וואָס עס האָט זי אַזוי איינציקאַרטיק אויסגעוויינט און אויסגעזונגען אונדזער דיכטער.

זאָל אויך איר ליכטיקער אָנדענק אַרײַנגעפֿלאָכטן ווערן אינעם יום־טובֿדיקן בלומענקראַנץ וואָס ווערט דאָ מיט אַזוי פֿיל האַרציקע ברכות צוגעטראָגן צום יובֿל פֿונעם דיכטער און פֿרײַנד אַבֿרהם סוצקעווער, נרו יאיר לאורך ימים ושנים.

מאַרק שאַגאַל

# פּאָעט און סימבאָל

איך בין צופֿרידן צו זײַן צווישן ייִדן און באַגריסן מײַן פֿרײַנד דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, וועלכער איז ניט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, נאָר אויך אַ סימבאָל פֿון יענער טראַגישער און העראָישער צײַט, ווען אונדזער פֿאָלק האָט נאָך געלעבט אין די אַלטע היימען. ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אין די פֿאַרשפּאַרטע געטאָס געפֿיבערט און געקעמפּט קעגן אונדזער פֿײַנד. זײַנע יונגע אויגן האָבן אָנגעזען יענע רעאַליטעט, וואָס אונדזער יוגנט האָט ניט געקענט. נעמען אָן טאַקע אָפּט זײַנע לידער, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרב זיי זאָלן ניט זײַן באַפֿאַרבט און וועגן וואָס זיי זאָלן ניט זינגען — יענעם טראַגישן טאָן פֿון אונדזער נעכטן.

ווען אונדז האָבן זיך אַ מאָל געחלומט אַזעלכע זיסע פֿאַנטאַסטישע שׂרפֿות און צעבראָכענע חופּה־הײַזער, האָט ער, סוצקעווער, דערזען דעם מיאוסן מענטשן אין זײַן פֿיזישער און גײַסטיקער בלאָטע. דערפֿאַר פֿיל איך אַ חובֿ צו סוצקעווערן און זײַנע פֿרײַנד — די אַנדערע העלדן.

אַחוץ דעם אַלעם איז מיר נאָענט סוצקעווער דער פּאָעט, שטיקער פֿון זײַן פּאָעזיע דערמאָנען מיר שטיקער פֿון מײַנע וויטעבסקער גאַסן, ווען איך בין איבער זיי געגאַנגען איבער דעכער און קוימענס, געגלייבט אַז אַחוץ מיר לעבט קיינער ניט אין שטאָט; אַז אַלע מיידלעך וואַרטן אויף מיר; אַז פֿון קבֿרים אויפֿן בית־עולם הערט מען זיך צו; אַז די וואָלקנס און די לבֿנה פֿאַרקערעווען זיך צו־זאַמען מיט מיר אין אַן אַנדער גאַס...

אָבער ס׳איז אויס וויטעבסק, אויס ווילנע. און מיט זיי צוזאַמען האָט זיך אַ טרייסל געטאָן די ייִדישע שפּראַך און וואָס ניט? אַ ווײַטער קלאַנג איז נאָר גע־בליבן, אַזאַ אומקלאָרער געשמאַק אויפֿן שפּיץ צונג. אַ מאָל דערזעט זיך פֿון ווײַטן די באַקאַנטע מצבֿה מיט איר צעריסענער ספֿר־תּורה — דער מאָגערער ייִדישער פּאָעט און קינסטלער וואָס שרײַבט און מאָלט פֿאַר וועמען, וואָס?

נאָר אויב סוצקעווער האָט אָנגעזען דאָס פּנים פֿון יענעם לעצטן טאָג, האָט ער אין אַ גליקלעכן טאָג אָנגעהויבן אַ נײַעם טאָג. ער האָט זיך דערטראָגן צו דעם לאַנד פֿון דעם ייִדישן נאַטירלעכן טרוים, — צו דעם תּנכישן לאַנד. ער לעבט אין ישׂראל.

איך קען זיך ניט אײַנהאַלטן און וויל דערמאָנען דאָ מײַן אַלטן פֿרײַנד, דעם נאַציאָנאַלן פּאָעט ח. נ. ביאַליק, ווי ער פֿלעגט אַרומגיין איבער די גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ ווי אַ נבֿיא און פּלוצעם, שטילערהייט, אָן אַ זײַט, גיט ער אַ זאָג מײַן דעמאָלט קליינער טעכטערל און מײַן פֿרוי (ער האָט אָפּנים געקלערט, אַז פֿרויען זענען נעענטער צו גאָט...) זיי זאָלן בעטן פֿאַר אים, אַז ער, ביאַליק, זאָל אויך אין תּל־אָבֿיבֿ שרײַבן לידער — דאָס האָט ער געהאַט אין זינען די שטאָט אָדעס, וווּ ער האָט געשאַפֿן פֿריִער זײַנע מאָנומענטאַלע לידער...

ס׳איז אָנגעקומען די צײַט, ווען מיר, ייִדן, קענען ווידער אַ מאָל געבוירן ווערן. מיר זענען ניט קיין פֿאָלק וואָס שטאַרבט אָפּ. און עס ווילט זיך ווינטשן

סוצקעווערן, אַז זײַן קונסט זאָל באַקומען נאָך מער דעם נײַעם גלאַנץ, וועלכן איך האָב ניט לאַנג צוריק געזען אויף די פּנימער פֿון די "סאַבּרעס", געבוירענע אין לאַנד. איך ווינטש אים צו געפֿינען די האַרמאָניע פֿון נעכטן צום הײַנט. איך ווייס — עס איז שווער צו געפֿינען אַזאַ באַלזאַם אויסצוהיילן אונדזער גוף און נשמה. אפֿשר איז דער מיטל גוט: לאָזן לײַכטן און באַלײַכטן פֿרײַ דעם אייגע־נעם דימענט, לאָזן זינגען אין זיך פֿרײַ די פֿאַרבן וואָס מען איז מיט זיי געבוירן. און די פֿאָרעם פֿון אַ וועלט וועט נאָכגיין ווי אַ שאָטן. דער שאָטן איז ניט קיין שאָטן — עס איז דער ייִד אין אונדז.

עס ווערט קלערער, אַז וואָס מער מיר זענען פֿרײַ, — מער ייִדן זענען מיר, און וואָס מער ייִדן — מער מענטשן ווערן מיר.

מיר זענען איצט קלענער אין צאָל, דאָך שטאַרקער. איך ווינטש אונדזערע פֿרײַנד — זיי זאָלן צו ביסלעך דערפֿילן, אַז עס איז איבעריק און געפֿערלעך אונדז אָנרירן. ווײַל אונדזער קראַפֿט איז אונדזער אינערלעכער אמת — אַן אמת, ווי דער ריינסטער קלאָרער קאָלאָריט פֿון אַ בילד, ווי די פֿרײַהייט אַליין.

די קונסט, די פּאָעזיע איז געבויט אויף אַזאַ פֿײַערדיקער באַזע. זי נעמט אַרום דעם מענטשן ווי דעם פֿאָלק. איך ווינטש סוצקעווערן אַזוי ייִדישלעך אַרײַנשטראָ־מען אין אונדזער פֿאָלק ווי אַ טײַך, אַ טײַך וואָס שווימט אַרײַן אין ים פֿון דער וועלט. — — —

ה. לייוויק

# היטער פֿון ליכטיקע ווערטער

פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווער

די ליכטיק־גראַניטענע שפּיצן
באַגריסן דײַן ליכטיקן טרויער;
אַ ליכטיקע האַנט טוט פֿאַרקריצן
דײַן טרויער אויף ליכטיקן דויער.

ווער איז ער — דער ליכטיקער קריצער
וואָס צירקלט אויף ליכטיקע ערטער? —
דער ליכטיקער היטער און שיצער
פֿון ייִדישע ליכטיקע ווערטער.

ער בענטשט דיך מיט ליכטיקע ליפּן
און פֿיבערט מיט ליכטיקע פֿינגער
און זיפּט־דורך דורך ליכטיקע זיפּן
דעם קומער פֿון ליכטיקע זינגער.

ער שפּאַנט איבער ליכטיקע זאַמדן
און בענטשט יעדן ליכטיקן בויער,
וואָס קומט־אויף בײַם ליכטיקן לאַנדן
אין האָפֿן פֿון ליכטיקן דויער.

חיפֿה
סעפּטעמבער
1957

א. לעיעלעס

# אַן ענטפֿער אויף אַ "פּאַרצײַטיקן" בריוו

מײַן טײַערסטער אַבֿרהם סוצקעווער,

מיט פֿיר און צוואַנציק יאָר צוריק, אין דעם אימהדיקן יאָר נײַנצן נײַן און דרײַסיק, האָסטו מיר געשריבן אַ בריוו, וואָס איך האָב עטלעכע מאָל פֿון ס׳נײַ איבערגעלייענט — איצט, ווען אונדזער יידישע וועלט יום־טובֿט דײַן יובֿל, דײַן פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג. דײַן בריוו איז דעמאָלט געשריבן געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערדינט צו דעם סטאַטוס פֿון אַ בן־חמישים*.

אין יענעם בריוו צו מיר, ווען דו ביסט קוים אַלט געוואָרן פֿינף און צוואַנציק, האָסטו אַרויסגעזאָגט געוויסע געדאַנקען וועגן פּאָעזיע בכלל, וועגן דעם באַרוף פֿון אַ יידישן דיכטער בפֿרט, וואָס עס איז פֿאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנט, אין געוויסע פּרטים באמת טשיקאַווע נאָך אַ מאָל צו לייענען. איך בין זיכער, אַז אויך פֿאַר דיר וועלן זיי האָבן מער ווי אַ צופֿעליקן אינטערעס און דאָס אייגענע — פֿאַר אַלע יענע, וואָס וועלן אַרײַנקוקן אין דער זאַמלונג, וואָס איז געהייליקט דײַן יובֿל. איך ציטיר:

> וואָס איז פּאָעזיע? ניט יעדער, וואָס שרײַבט גוטע לידער איז אַ וויכטיקער פּאָעט. און ניט יעדער וואָס שרײַבט גראַמען איז אָריגינעל. ס׳איז פֿאַראַן אַן אמתערע מאָס, אויף וויפֿל מען קען דאָ אָנווענדן אַזאַ באַצייכענונג. דאָס איז די מאָס פֿון קינסטלערישער אמתדיקייט, עכטקייט, נײַקייט און זייער אינטימער צוזאַמענהאַנג מיטן שאַפֿער. ווײַל אויב פּאָעזיע — דאָס איז די געשטאַלטיקונג פֿון אינערלעכן כאַאָס, איז פֿונעם קונסטשטאַנדפּונקט געוואַלדיק וויכטיק **ווער** איז דער געשטאַלטיקער און וואָס אַזוינס לאָזט ער אונדז הערן.

און נאָך אַ ציטאַטע:

> נאַציאָנאַל זײַן פֿאַר אונדזערן אַ דיכטער הייסט ניט נאָר האָבן אַ פֿאַרבונד און אַ פֿאַרוואַרצלטקייט מיט דער יידישער טראַדיציע און אַן אינטימע שײַכות מיט אַלע אונדזערע קולטור־ווערטן. דאָס אויך — אָבער נאַציאָנאַל און וויכטיק איז דער, וואָס איז אַ שלײַפֿער און אַ פֿורעמער פֿון אונדזער יידישער שפּראַך. אַ וועגלייגער און אַ בויער פֿון נײַע נאָך ניט געשאַפֿענע ווערטן. ווײַל וואָס טויג מיר ווען מען קומט מיט אַ מינע פֿון נאַציאָנאַלן דיכטער און מען פֿליוכעט מיט שוין מיאוס געוואָרענע באַנאַליטעטן? — דאָס איז אַנטי־ליטעראַטור. עס פֿאַרדאַרבט בלויז דעם חוש פֿאַר שיינקייט און עס פֿאַרליגנערט דעם אמת. ייִד און אמת זענען איינס. ייִד און דיכטער — אַוודאי איינס.

איך לייען אָט די שורות, געשריבענע מיט אַ קנאַפּן פֿערטל יאָרהונדערט צוריק,

* אַ. לעיעלעס־נומער "אינזיך", דעצעמבער 1939: "אַ בריוו צו אַ. לעיעלעס" צו זײַן פֿופֿציקסטן געבוירן־טאָג, זז׳ 143—146.

געשריבענע אין שייַכות מיט מייַן גאַנג אין דער יידישער פּאָעזיע; דורכ־געטראַכטע אין דער ווילנע, ווו דו און מיר אַלע האָבן הייס געגלייבט, אַז דער הימל הייבט אָן שמייכלען מיט אַ נייַער ליכטיקייט איבער דער אַלטער טראַדיציאָ־נעלער שטאָט פון יידן; מיט אַ פרישן באַגינען פאַר יידיש — און עס נעמט מיך אַזש דורך אַ ציטער, וואָס איך קען עס קוים דעפינירן. נאָר איינס פיל איך מיט טיפסטער זיכערקייט: דאָס האָסט דו דאָך דעפינירט דייַן אייגענעם וווּנדערלעכן גאַנג איבער די קיניג־וועגן פון דער יידישער פּאָעזיע; דאָס האָט דאָך דייַן אויער אַזוי מייַסטעריש געלוישט צום יידישן קלאַנג; דאָס האָט דייַן געהער אויפגעכאַפּט די אינטימסטע וויבראַציע פון דעם יידישן וואָרט; דאָס האָט דייַן באַהאַפטנקייט מיט פּאָעזיע שטענדיק־שטענדיק דיר אונטערגעזאָגט די דעצידירנדיקע אַלוויכ־טיקייט פון פאָרעם אין דער קונסט, און ביסט געוואָרן דער מזלדיקסטער פאָרעם־זוכער און איידלסטער פאָרעם־שאַפער אין דעם גאַנצן אָרקעסטער פון דעם יידישן ליד.

פאָרעם, פאָרעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן מסתמא זייער יונג בייַ דיר. זיכער שוין צווישן די סיבירער קריזעס, ווען דו האָסט געמאַכט שניימענטשן און זיך געשפילט מיט דייַן חבֿרל טשאַנגורי. און עס האָט דיך שוין קיין מאָל ניט אָפּגעלאָזן. אַפילו ווען דו ביסט געלעגן אין דעם אָרון אין טויטשרעק פאַר דעם דייַטשן רוצח, וואָס אָט־אָט און זייַן האַק וועט דיך געפינען; אַפילו ווען דו האָסט פון די פאַרכטיקע היילן פון דייַן זכרון אויסגעגראָבן דאָס יידישע אומלעבן אין די ווילנער קאַנאַלן. ווער שמועסט, ווען דו האָסט באַקומען די געלעגנהייט צו זען ארץ־ישראל, צו קוקן אויף די דורותדיקע פייזאַזשן פון מידבר און אָאַזיס, פון די אַלטע און נייַע טאָלן, פון דעם סיני־באַרג. דער גאָלדענער קלאַנג וואָס איז געקומען מיט דיר אין איינעם אויף דער וועלט, האָט געשאָלט איבער יבשה און וואַסער און איבער די אינדזלען פון ים מיט טענער פון יידישער דיכטונג — קיין מאָל ניט געהערטע, פריער ניט געאַנטע. דו האָסט געשליפן און געפורעמט אונדזער שפּראַך און זי דערהויבן העכער מיט פיל שטאַפלען, מיט גאַנצע גאַרנס. דאָס אַליין איז גענוג דיר אויסצושרייַבן מיט אומצעשטערלעכע אותיות אַ פּאַספּאָרט פון ערשט־ראַנגיקן נאַציאָנאַלן דיכטער אין אונדזער פּאָעזיע.

ווי דו זעסט, האָב איך נאָך גאָרניט דערמאָנט דירעקט וועגן דעם אַזוי־גערופע־נעם תּוכן פון דייַנע לידער. אָבער דיר דאַרף איך דאָך ניט זאָגן, אַז עס קען ניט זייַן קיין וויכטיקער אויפטו פון פאָרעם אָן וויכטיקן אויפטו פון אינהאַלט; און אַז ביידע זענען אָרגאַניש איינס מיט דעם, וואָס דו האָסט מיט פיר און צוואַנציק יאָר צוריק אָנגערופן "ווערקייט", דאָס הייסט מיט דעם ווער, מיט דעם שאַפער, הינטער דעם געשטאַלטיקער, מיט דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

פון דעסטוועגן וועל איך דאָ פאַר זיך אַליין פאַרשאַפן אַ ספּעציעל פאַרגעניגן און פּרווון אַרייַנקוקן אין אָן איין־איינציק ליד דייַנס און דורך אים אָנווייַזן, וואָס מען קען דערוואַרטן, ווען מען זאָל מאַכן ריכטיקע גראָבונגען אין די פלאַסטן און די שאַכטן פון דייַן אינהאַלט. איך ברענג דאָס ליד אויך פון יענער יובילעי־זאַמלונג מייַנער אין 1939.

בשעת כ׳האָב מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
אַ ליד געשריבן, האָט מיך פּלוצעם
אַ ברי געטאָן די האַנט, און ווען
איך האָב אַנטוואַכט פֿון שוואַרצן פֿײַער,
האָט פֿון פּאַפּיר אַרויסגעאָטעמט
אַ נאָמען ווי אַ ליליע : גאָט.
נאָר ס׳האָט מײַן פּען פֿון פֿאַרכט און װוּנדער
פֿאַרמעקט דאָס וואָרט און אָנגעשריבן
שטאָט אים אַ וואָרט אַ נענטערס : מענטש.

פֿון דעמאָלט יאָגט מיך נאָך כסדר
אַ שטים ווי אומגעזעענער פֿויגל,
און פּיקט אין מײַן נשמהס בליטן :
— אויף װעמען האָסטו מיך פֿאַרביטן ?

דו האָסט געשריבן אָט די ווערטער ערבֿ דעם גרויסן וועלטבראַך און דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט אַ תּל געמאַכט פֿון אַלע ווילנעס און בײַ יעדן ייִד פֿאַרטיליקט, פֿאַרברענט אַ דריטל פֿון זײַן וועזן עד סוף כל הדורות. האָסט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון היטלער־מאָרד און פֿון סטאַלין־מאָרד. איך האָף, אַז דו האָסט דאָס דאָזיקע ליד ניט רעווידירט און האָסט דערויף קיין חרטה ניט.

עס איז זייער אַ טיף ליד, סוצקעווער. די אידענטיפֿיצירונג פֿון גאָט און מענטש איז אַלט ווי דער וועלטבאַשאַף. און ווי דאָס סאַמע געטלעכסטע אין דעם מענטש — זײַן ליכטיקער און באַלויכטנדיקער פֿאַרשטאַנד. די ברואים, וואָס עס האָבן אויס־געבריט דעם היטלעריזם און דעם סטאַליניזם זענען ניט קיין מענטשן, נאָר אַנטי־מענטשן. זיי זענען דער באַווײַז "על פּי היפּוך", ווי ריכטיק דײַן פּען האָט געטאָן מיטן פֿאַרבײַטן די ווערטער. דער מענטש איז די דורכזיכטיקסטע שויב, די איינציקע אינערלעכע באַהעלונג אין דעם גאַנצן פֿינצטערן געבוי פֿון דעם אוניווערס.

אויך צײַען דײַנע שורות אַ לאַנגן ייִחוס צו אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע אַמאָליקייטן און אורשפּרונגען. עס שטייט אין חומש (בראשית ד, כ״ו) "ולשת גם־הוא ילד בן ויקרא את שמו אנוש אז הוחל לקרא בשם יהוה".

פֿאַראַן אַ וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע, אַז אין אונדזערע אוראַלטע פֿאַרלוירענע מקורים איז אנוש ניט בלויז געוואָרן דער כּלל־נאָמען פֿון מענטש, נאָר אַז דאָס איז געווען דער פּרט־נאָמען פֿון דעם ערשטן מענטש. מיט אַנדערע ווערטער : דאָס באַוווסטזײַן פֿון גאָט האָט אויפֿגעלויכטן ערשט מיטן אויפֿקום פֿון מענטש. דו האָסט מיט דײַן ליד אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר פֿון אַ זייער זעלטענעם, קינסטלעריש אָנגעלאָדענעם מעטאַל. דער קלאַפּ האָט געבוירן עכאָס, אָפּהילכן צו אומענדלעכע מאָרגנס. אַ טאָג וועט אויפֿגיין איבער אַ מענטש־וווינשאַפֿט, וואָס וועט גיין אין דעם ליכט פֿון גאָט־באַוווסטזײַן, ווײַל זי וועט זײַן כּולו מענטשלעכקייט. דו דאַרפֿסט גאָרניט רעווידירן און גאָרניט חרטה האָבן אויף דײַן ליד.

אַזעלכע עכאָס, וואָס זענען ניט עפּעס אַנדערש, ווי סינאָנימען פֿאַר דײַנע אינער־

לעבע אמתן, וואָס האָבן דיך קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזן, קומען אַקעגן פֿון אַלע דײַנע לידער, גרעסערע און קלענערע. איך האָב וועגן דעם אָפּט און אַ סך געשריבן. מיט דײַן יעדן נײַעם ליד ווער איך פֿון דאָס נײַ באַקרעפֿטיקט אין מײַן לאַנגיאָריקער איבערצײַגונג, אַז דו ביסט אַ גרויסער פּאָעט.

מיר איז שווער צו פֿאַרנעמען זיך מיט שאַצונגען צו דײַן יובֿל. עס איז גרויס מײַן פֿרייד און איך דאַנק דער השגחה, וואָס נאָך אַזאַ גרויל־אַנגעזאָפּטן פֿערטל יאָרהונדערט קען איך דיך פּערזענלעך באַגריסן צו דײַנע פֿופֿציק יאָר. דו ביסט דאָ און איך בין דאָ און עס זענען דאָ אַזוי פֿיל יינגערע ייִדישע פּאָעטן. וועגן דעם, אַז די ייִדישע פּאָעזיע איז דאָ — קען דאָך גאָר קיין רייד ניט זײַן. זי איז איינס פֿון די פּנימער פֿון דער אייביקייט.

איך נעם דיך ברידערלעך אַרום און בענטש דיך דו זאָלסט האָבן אַ סך נחת־דיקע איצטקייט. מיט מאָרגנדיקייט, מאָרגן־מאָרגנדיקייט ביסטו שוין אַבסאָלוט באַוואָרנט.

מיכאל אַסטור

# סוצקעווערס פּאָעטישער אָנהייב

## א

מיט צען יאָר צוריק, ווען דער אַרגענטינער ייִדישער קיבוץ האָט געפֿײַערט דעם 40סטן געבוירן־טאָג פֿון זײַן גאַסט אַבֿרהם סוצקעווער, האָט זײַן אַלטער חבֿר שמערקע קאַטשערגינסקי דערמאָנט אין זײַן בײַטראָג צום יובֿל־באַנד [1].

אין מײַן שרײַבטיש, אין בוענאָס־אײַרעס, ליגן אַ פּאָר צענדליק נאָטיצן, געשריבענע אין ווילנער געטאָ, וואָס האָבן באַדאַרפֿט דינען ווי אַ מאַטעריאַל צו אַ סוצקעווער־מאָנאָגראַפֿיע. ווו נעמט מען אָבער איצט די רויִקייט זיך צו נעמען צו אַזאַ גרויסער אַרבעט?

ווייניקער ווי אין אַ יאָר נאָכן אָנשרײַבן די דאָזיקע שורות איז שמערקע קאַטשערגינסקי אומגעקומען אין אַ לופֿט־קאַטאַסטראָפֿע. די ערשטע קאַפּיטלען פֿון דער ניט־פֿאַרענדיקטער מאָנאָגראַפֿיע זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ווי אַ טייל פֿון זײַן ליטעראַרישן עזבֿון [2]. ניט געקוקט אויף עטלעכע קלענערע כראָנאָלאָגישע און אַנדערע אומפּינקטלעכקייטן, גיבן שמערקעס געטאָ־נאָטיצן אַ פֿײַנעם, אַלזײַטיקן און עכטן בילד פֿון סוצקעווערס קינדער־ און יוגנט־יאָרן. אַ שאָד, וואָס זיי רײַסן זיך איבער אויפֿן יאָר 1933. עס ווערט אין זיי עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם יונגן סוצקעווערס פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַ געוויסן ייִנגל, וואָס האָט געהייסן מיקע טשערניכאָוו. דער דאָזיקער מיקע טשערניכאָוו (וואָס האָט זיך זינט 1933 באַנוצט מיטן ליטעראַרישן נאָמען מיכאל אַסטור) האָט, פֿון זײַן זײַט, אויך בשעתו צונויפֿגעשטעלט אַ ביאָגראַפֿיש־מעמואַריסטישן עסיי וועגן סוצקעווערן, און פּונקט ווי שמערקען, איז אים דאָס אויסגעקומען צו טאָן אין ניט אין גאַנצן נאָרמאַלע באַדינגונגען — אין זײַן פֿאַל איז דאָס געווען אין אַ סאָוועטישן שקלאַפֿן־לאַגער. צום באַדויערן האָט דער כּתבֿ־יד געהאַט אַן ערגערן מזל ווי שמערקעס — ער איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען; דערפֿאַר אָבער האָט דעם מחבר זײַנעם צוגעשפּילט דאָס גליק אַרויסצוגיין אויף דער פֿרײַער וועלט מיט גאַנצע ביינער און ניט־אָפּגעשוואַכטן זכּרון און צו דערלעבן צום פֿופֿציק־יאָריקן יובֿל פֿון זײַן יוגנט־חבֿר סוצקעווער. דאָס גיט אים איצט די מעגלעכקייט און די געלעגנהייט ממלא צו זײַן דעם פֿאַרשטאָרבענעם שמערקעס פֿאַרצייכענונגען מיט אַ פּאָר אָפּגעריסענע בלעטלעך פּערזענלעכע זכרונות וועגן סוצקעווערס פּאָעטישע אָנהייבן, ווי ער האָט זיי געקענט אָבסערווירן פֿון זײַן קוקווינקל.

מײַן באַקאַנטשאַפֿט מיט אַבֿרהם סוצקעווערן דאַטירט זיך פֿון מאַרץ 1930, ווען

1. ש. קאַטשערגינסקי, "מײַן חבֿר סוצקעווער", ז' 63 פֿונעם בוך: אַ. סוצקעווער, "פֿון דרײַ וועלטן" (אַנטאָלאָגיע). אַרויסגעגעבן צום 40סטן געבוירנטאָג פֿון מחבר פֿון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין "ה. ד. נאָמבערג". התשי"ג — בוענאָס־אײַרעס — 1953. איבערגעדרוקט אין "שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך", בוענאָס־אײַרעס 1955, ז' 315.

2. "אַ. סוצקעווער", "שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך", זז' 295—310.

פֿריִער ער, דערנאָך איך, זענען געוואָרן מיטגלידער פֿון דער ווילנער ייִדישיסטישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע „בין". איך בין דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר מיט 3 חדשים; סוצקעווער איז געווען מיט פֿערטהאַלבן יאָר עלטער, מיר האָבן אָבער געהערט צו איין רינג — דעם 4טן ייִנגלרינג 1טע קייט. ער איז געווען אַ דינער, שלאַנקער בחור מיט אָריגינעלע און אײגנאַרטיקע שטריכן פֿון פּנים; דער יונגער בינישער אָנפֿירער חיים מעקלער (לייזער וואָלפּס ייִנגערער ברודער) האָט אָנגעצייכנט פֿון אים אַ שאַרזש, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ קאָמבינאַציע פֿון לויטער דרײַעקן און האָט זייער טרעפֿלעך אויפֿגעכאַפּט זײַן תּוכיקע כאַראַקטעריסטיק. פֿון אונטער אַ געדיכטער טשופּרינע טונקל־בלאָנדע האָר האָבן אַרויסגעקוקט העל־בלויע אויגן, וואָס אַט זענען זיי געווען פּאָעטיש פֿאַרחלומט און אַט האָט אין זיי אויפֿגעבליצט אַ פֿײַערל פֿון איראָניע. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד און אַ גוטער חבֿר, צונויפֿגעלעבט און צונויפֿגעבונדן מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער סבֿיבֿה; ס'איז אָבער אוממעגלעך געווען ניט אויסצוטיילן אים פֿון איר כּמעט אויפֿן ערשטן בליק. צו מײַן 14טן געבוירן־טאָג האָב איך פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי אונדזער גאַנצן רינג — 14 חבֿרה בײַ יענעם טאָג. ווען אַלע האָבן זיך צעזעצט אַרום דעם טיש, איז סוצקעווער צופֿעליק אויסגעקומען מיטן רוקן צו אַ בילד, וואָס איז גע־האַנגען אויף דער וואַנט. דאָס איז געווען אַ רעפּראָדוקציע פֿון אַ דעטאַל פֿון דעם איטאַליענישן מאָלער דזשאָרדזשאָנעס בילד „דער קאָנצערט"; זי האָט פֿאַרגעשטעלט דעם קאָפּ פֿון אַ מענטשן, טיף אײַנגעהערט אין דער מוזיק. דאָ האָט מײַן מוטער באַמערקט, אַז בשעת ווען אַלע האָבן געגעסן גוטע זאַכן, געלאַכט און געטומלט, האָט זיך סוצקעווער ניט געקענט באַפֿרײַען פֿונעם בילד: ער איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס, פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע אויסדרייען אויף צוריק, אָדער גאָר אויפֿשפּרינגען פֿון אָרט, צולויפֿן צום בילד און זיך ווידער אַוועקזעצן.

— דאָס דאָזיקע ייִנגל איז אַנדערש פֿון אַלעמען! — האָט מיר מײַן מוטער געזאָגט נאָכן גלעזל טיי. — ער מוז האָבן אַ נשמה פֿון אַ קינסטלער.

דאָס איז געווען דער ראָמאַנטישער פּעריאָד פֿון אונדזער זײַן אין „בין". אירע דעפֿעקטן זענען אונדז קלאָר געוואָרן ערשט שפּעטער, דערווײַל האָבן מיר אָן באַ־וואָרענישן הנאה געהאַט פֿון אַלץ, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אונדז געקענט געבן: דער געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט צו אַ קאָלעקטיוו, דאָס חבֿרישע אויסלעבן זיך אין אַ רינג, די „צוזאַמענס", אָוונטן און פֿאָרשטעלונגען, אָבער דער עיקר — די עקס־קורסיעס און לאַגערן אין די מאָלערישע ווינקלען פֿון ווילנער קאַנט. פֿאַר סוצקעווערן איז דער קולמינאַציע־פּונקט געווען זײַן אָנטייל אינעם פֿערטן בינישן זומער־לאַגער (1931) אין בויווידז. ער איז דאָרט געווען די אמתע נשמה פֿון דער געזעלשאַפֿט און האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפֿן, אַז אַט דער לאַגער זאָל שפּעטער דערמאָנט ווערן ווי דער בעסטער אין דער געשיכטע פֿון „בין". מיר זענען שנעל אויסגעוואַקסן פֿונעם בינישן בגד און גענומען שטרעבן צו עפּעס גרעסערס, אָבער יעדערער פֿון אונדז האָט אײַנגעהאַלטן אין זכּרון אַ שלל עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פֿון יענער צײַט. מיט אַ זיבן יאָר שפּעטער האָט זיך איין מאָל בײַ מיר אין צימער צונויפֿגעקליבן אַ הײַפֿל אַלטע חבֿרים. די „בין" האָט שוין לאַנג ניט עקסיסטירט, סוצקעווער האָט שוין אַרויסגעגעבן זײַן ערשטן בוך און איז געווען אַ באַוווסטער אָנערקענטער דיכטער, איך האָב באַוויזן צו ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, אַ דריטער חבֿר (אַהרן

בּרעסטאָוויצקי) איז געווען אַן אַספּיראַנט פֿון יִיוואָ, אויך די איבעריקע זענען שוין ניט געווען קיין קינדער. פֿון דעסטוועגן האָבן אַלע (און סוצקעווער מער פֿון אַלע־מען) לעבעדיק און שפּאַנענדיק דערמאָנט די בויווידזער און אַנדערע בינישע טרעפֿענישן און אַזוי האַרציק געלאַכט, אַז סוצקעווער האָט מיט אַ מאָל אויסגערופֿן:

— אָט וועט איר זען, חבֿרה: אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום, ווען מיר וועלן שוין האָבן גרויע האָר, וועלן מיר זיך נאָך אַלץ צונויפֿקומען און קלײַבן נחת פֿון די זעלביקע זכרונות!

די דאָזיקע נבֿואה האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ריכטיק, ווען סוצקעווער און איך האָבן זיך ווידער צונויפֿגעטראָפֿן אין פּאַריז, אין 1959, נאָך אַ צעשיידונג פֿון צוואַנציק יאָר — און נאָך וואָסערע צוואַנציק יאָר!

עס קען ניט זײַן קיין ספֿק (ווי דאָס האָט אויך באַמערקט שמערקע קאַטשערגינסקי), אַז סוצקעווערס אײַנגעבאָרענע פֿעיִקייט צו זען, צו פֿילן, צו פֿאַרשטיין און איבער־צוגעבן די נאַטור איז סטימולירט געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אַ דאַנק די בינישע עקסקורסיעס און לאַגערן. ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען די השפּעה פֿון "בין" אויף סוצקעווערס באַציִונג צו ייִדיש. ער איז געווען מסתּמא דער איינציקער מיטגליד פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט געלערנט אין קיין ייִדיש־וועלטלעכער שול. די "בין" האָט ניט געהאַט קיין שום שטעלונג אין געזעל־שאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, אָבער איין זאַך איז בײַ איר געווען קלאָר און קאָנסעק־ווענט: אַן אינטעגראַלער, אײַנזן־פֿעסטער ייִדישיזם, אַ גוואַלטיקע ליבשאַפֿט צו דער ייִדישער שפּראַך און דער גאַנצער ייִדישער קולטור־שאַפֿונג. אָט דאָס האָט זי באַוויזן אײַנצוגעבן סוצקעווערן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן.

מיר ביידע זענען אַוועק פֿון "בין" אַנטוישטע און פֿאַרביטערטע. אָבער, אין תּוך גענומען, האָבן מיר גאָרניט צוגעלייגט צו די פֿאַר יאָר, וואָס מיר האָבן אין איר פֿאַרבראַכט. אַפֿילו דער פֿאַרשפּילטער קאַמף פֿאַר אויסבעסערן און איבערבויען די "בין" איז פֿאַר אונדז געווען אַ גוטע שול פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיווקייט. חוץ אַלע איבעריקע זאַכן, האָבן מיר ביידע מיטגענומען פֿון "בין" אַ ירושה אויף לאַנגע יאָרן: איך — די ניט־פֿאַרווירקלעכטע אָנוווּרפֿן פֿון דער אָפּאָזיציע־פּראָגראַם, וואָס פֿון איר איז אויסגעוואַקסן די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע "שפּאַרבער"־אַסאָציאַציע; סוצקעווער — אַן איבערגעגעבן, ליבנדיק מיידל, וואָס האָט געדאַרפֿט ווערן זײַן לעבנס־באַגלייטערין פֿריִער אויפֿן האַרבן וועג צו פּאָעטישער אָנערקענונג, דערנאָך דורך די גרויליקע יאָרן פֿון געטאָ און וואַלד, דורך וואַנדערונגען און צום סוף אין דער נײַער היים — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ב

גאַנץ שנעל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין "אַבראַשקע" סוצקעווערן האָט די "בין" באַקומען ניט נאָר אַ געניטן פֿאָטאָגראַף אויף צו פֿאַראייביקן אַלע געשעענישן אין בינישן לעבן, נאָר אויך אַ פּאָעט אויף צו באַזינגען זיי. דאָס איז אַרויס אויפֿן אייבערפֿלאַך בײַ אַזאַ געלעגנהייט: צום טראַדיציאָנעלן בינישן ספּעקטאַקל־אָוונט (אָקטאָבער 1930) האָט אונדזער רינג באַשלאָסן צו קומען מיט אַן אייגענעם נומער. סוצקעווער (וואָס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אונטערן פֿרישן רושם פֿון משה לייב

האַלפּערנס פּאָעזיע) האָט צוגעשטעלט אַ פּאַראָדיע אויף "גינגעלי", געווענדט קעגן "האַצמאַכס", "לעמאַכס" און "ציפּעס", ווי מען האָט אויפֿן בינישן לשון גערופֿן אָפּשטייענדיקע אָדער אָפּגעלאָזענע בינען. היות ווי דער נומער האָט געדאַרפֿט זײַן אַ סורפּריז, האָט מען די רעפּעטיציעס געמאַכט בײַ מיר אין צימער. סײַ אַ דאַנק דעם צוגענגלעכן סאַטירישן טעקסט, סײַ צוליב דער געלונגענער אָריגינעלער אינסצעניזאַציע האָט דער נומער גוואַלדיק אויסגענומען. סוצקעווער, אָנגעטאָן אין אַ פֿראַק און אַ צילינדער, האָט געשפּילט די ראָלע פֿונעם "פּאָעט" גופֿא.

אין דעצעמבער פֿונעם זעלביקן יאָר, ווען סוצקעווער און איך זענען געווען צווישן די 14 אָנטיילנעמער פֿונעם ווינטער־לאַגער אין רענקאַצישעק, האָט ער עקספּראָמטאָ צוגעטראַכט אַ ליד אויף דער מעלאָדיע פֿון אַ פּוילישן זעלנער־לידל:

גיט אַהער די פֿײַנע נאַרטעס!
אויף די פֿעלדער, ווײַס פֿאַרדאַרטע,
וווּ די ווילדע ווינטן שמאָרען,
וועל איך זיך אַ לאָז טאָן פֿאָרן!

היי, היי, בראַווע בינען,
אונדזער וועג איז אונדזער הימען,
אונדזער ליד איז אונדזער ווילן,
שטענדיק זינגען! שטענדיק שפּילן!

דאָס ליד איז פֿעסט אַרײַן אין בינישן רעפּערטואַר און איז אויך אַרײַנגענומען געוואָרן אינעם געדרוקטן ביכל "בינישע לידער" (סוף 1931). אויפֿן זומער־לאַגער אין בויווידז האָט ער צוגעטראַכט נאָך עטלעכע געלעגנטלעכע לידלעך אויף פּאָ־פּולערע מעלאָדיעס. אָבער, ווי עס האָט אַ ביסל שפּעטער געשריבן אונדזער חבֿר אָסקע ליפֿשיץ אין דער אָפּאָזיציאָנעלער וואַנטצײַטונג "גרייט!", "ניט אומזיסט 'לידלט' מען און 'פּאָעטעוועט' מען אַזוי אין 'בין'". סוצקעווערס לידער זענען טאַקע געשטאַנען העכער פֿאַרן דורכשניטלעכן ניוואָ מיט זייערע פֿײַנע גראַמען, אַסאָנאַנסן און אַליטעראַציעס, מען האָט אָבער לויט זיי ניט געקענט זיך אָנשטויסן, אַז חוץ די דאָזיקע לײַכטע שפּילעוודיקע זאַכן פֿאַרן עפֿנטלעכן געברויך פֿאַרנעמט ער זיך מיט שרײַבן פּאָעזיע לשמה. דאָס איז אַ צײַט געבליבן זײַן סוד.

דער ערשטער, פֿאַר וועמען ער האָט זיך אַנטפּלעקט, איז געווען לייזער וואָלף. מיט דרײַ יאָר עלטער פֿון סוצקעווערן, איז ער געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון "יונג־ווילנע" און האָט שוין באַוויזן צו ווערן ביז גאָר פּאָפּולער בײַם ווילנער עולם. זיי האָבן זיך געקענט פֿון פֿריִער (געווען כּמעט שכנים), אָבער פֿרילינג 1931 איז צו דעם צוגעקומען לייזער וואָלפֿס אַרײַנטריט אין "בין"; דאָס האָט זיי בײדן שטאַרק דערנעענטערט. לייזער וואָלפֿס באַציִונג האָט גורם געווען, אַז סוצקעווער האָט אָנגעהויבן ערנצטער צו קוקן אויף זײַנע שרײַבערײַען. דעמאָלט טאַקע, נאָכן בויווידזער לאַגער, האָט מען סוצקעווערן צוגענומען פֿון אונדזער רינג און ער האָט אַוואַנסירט אויף אַ רינגער. און ערשט פֿון יענעם מאָמענט אָן

האָט ער זיך מיט מיר אויף אַן אמתן פערזענלעך באַפֿרײַנדט — אַ סך מער ווי בשעת מיר זענען ביידע געווען אין איין רינג. אפֿשר איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס בינתּיים האָב איך אַליין געגעבן אַ היפשן וווקס פֿיזיש און אינטעלעקטועל — אָבער אַזוי צי אַנדערש, סוצקעווער האָט מיט אַ מאָל אַנטדעקט אין מיר אַ ליבהאָבער פֿון פאָעזיע און אַ פאַסיקן מיטשמועסער. ענדגילטיק האָט אונדז פֿאַרבונדן אונדזער ביידנס באַטייליקונג אין דער בינישער אָפּאָזיציע (צוזאַמען מיט לייזער וואָלף, די פֿריִער אָנגערופֿענע אָסקע ליפֿשיץ און אַהרן ברעסטאָ־וויצקי און נאָך חבֿרים).

איך בין געוואָרן אַן אָפֿטער אַרײַנגייער צו סוצקעווערן, און ער — צו מיר. סוצקעווער און זײַן מוטער האָבן געוווינט אין צוויי קליינע צימערן אויפֿן צווייטן גאָרן פֿון אַן אַלטן הילצערנעם הויז אויף גרויס־שניפּישאָק 14, מיט די פֿענצטער צו אַ פֿאַרלאָזענעם סאָד און צו דער ווילִיע. דאָרט האָט ער מיר מיט ברען געלייענט זײַנע פאָעטישע שאַפֿונגען. עס וואָלט געווען אַ גוזמא צו זאָגן, אַז עס האָט זיך שוין אין זיי אַנטפּלעקט יענער סוצקעווער, וואָס מיר קענען פֿון זײַנע ביכער. דער נוסח זייערער איז געווען שטאַרק פֿאַרשיידן פֿון זײַנע שפּעטערדיקע ווערק. ליריק איז אין זיי געווען זייער שוואַך פֿאַרטראָטן. דאָס רובֿ זענען דאָס געווען ווערסיפֿיצירטע דערציילונגען אויף פֿאַנטאַסטישע אָדער גראָטעסקע סוזשעטן, מיט אויסקוקן אויף הומאָר און איראָניע און אויף אָריגינעלע עפֿעקטן. דער גורם פֿון זײַנע דעמאָלטיקע שאַפֿונגען איז געווען דער שפּרודלדיקער דראַנג צו פֿאַנטאַזירן און עקספּערימענטירן. דאָס זענען געווען עטיודן, פּרעלימינערע געניטיקונגען פֿאַר דער אייגנטלעכער אַרבעט, וואָס איר קומענדיקער מהות איז נאָך ניט געווען קלאָר פֿאַרן דיכטער גופֿא. עס האָבן זיך אין זיי דורכגעריסן בלי שום ספֿקדיקע פֿונקען פֿון עכטן טאַלאַנט און המצאהדיקייט, ווי למשל די געראָטענע אַנטיטעזע אין דער באַלאַדע וועגן דעם קאַליף פֿון באַגדאַד און זײַן געטרײַען דינער — דעם קאַט:

פֿאָרן זיי אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿון ווײַטער.  
די קעמלען ווערן מיד פֿון זייערע רײַטער.  
די רײַטער ווערן מיד פֿון זייערע קעמלען —  
און דרעמלען.

מער פֿון סוצקעווערס פאָעטישער פּראָדוקציע האָט מיך צו אים צוגעצויגן זײַן אומרוִקע, נײַגעריקע, וויסנדאָרשטיקע, הומאָרפֿולע פּערזענלעכקייט. מיט אים איז קיין מאָל ניט געווען לאַנגווײַליק. כאָטש איך האָב ניט געקענט צוגיין צו זײַן פאָעזיע מיט אַ הונדערט פּראָצענטיקער ערנסקייט, אָבער אין זײַן מויל האָט זי געקלונגען שפּאַנענדיק און אינטערעסאַנט. אין גיכן האָב איך אויסגעדריקט מײַנע אײַנדרוקן און שטימונגען אין אַ געגראַמטער "כּתיבֿה צו מײַן באַרימטן פֿרײַנד" (געשריבן, ווי דאָס רובֿ מײַנע פאָעטישע פּרוּוון, אויף רוסיש): אין אַ לײַכטן טאָן, האַלב ערנצט, האַלב אין שפּאַס, אָבער מיט אַן אויפֿריכטיקן חבֿרישן געפֿיל. נאָכן אויסרעכענען די ראָשי־פּרקים פֿון אַ ריי פֿון זײַנע שאַפֿונגען, האָב איך אין דער לעצטער סטראָפֿע גערופֿן אים "צו שרײַבן פֿערזן און ראָמאַנען —

און וואָס מער!״ און פֿאַרויסגעזאָגט אים אַ באַרימטקייט איבער גאַנץ פּוילן און איבער דער גאַנצער וועלט — אין וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין טעות. ניט געקוקט אויפֿן לײַכטן טאָן — אָדער דווקא צוליב דעם — איז מײַן ליד סוצקעווערן זייער געפֿעלן געוואָרן.

שוין אין יענער צײַט האָט סוצקעווער געהאַט אַ באַליבטע טעמע פֿון שמועסן: זײַנע קינדער־יאָרן אין אָמסק — סיבירער ווינטער — אומרו און דחקות פֿון בירגערקריג — עקזאָטישע קירגיזן, וואָס פֿלעגן קומען אויף זייערע צווייהויקער־דיקע קעמלען פֿון די סטעפּעס און פֿאַרקויפֿן אין מאַרק דעם זויערן שוימיקן קומיס. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט שרײַבן וועגן די קירגיזן, אָבער זײַנע קינדער־זכרונות האָבן אים געגעבן צו ווייניק קאָנקרעטע פֿאַקטן. צופֿעליק האָט זיך צווישן מײַנע ביכער געפֿונען אַן עטנאָגראַפֿיש ווערק וועגן טורקמענער און קירגיזן. מיט מײַן הילף (דאָס בוך איז געווען אויף רוסיש) האָט סוצקעווער גענומען זיך באַקענען מיטן שטייגער לעבן פֿון די קירגיזן און האָט אַפֿילו פֿאַרנאָטירט עטלעכע קירגיזישע פּערזענלעכע נעמען. ער האָט אָבער כּמעט ווי ניט אויסגענוצט די דאָזיקע טרוקענע ידיעות. אויב אין זײַן פּאָעמע ״סיביר״ זענען אַרײַנגעגאַנגען אַזעלכע געראָטענע סטראָפֿעס וועגן די קירגיזן, האָט ער דאָס צו פֿאַרדאַנקען בלויז זײַן קינסטלערישער אינטויציע.

זעלטן זענען יענע פּאָעטן, וואָס זייערע ערשטע שעפֿערישע טריט ווערן גלײַך באַגעגנט מיט אָנערקענונג און דערמוטיקונג. אויך סוצקעווער האָט ניט געהערט צום קליינעם מיעוט פֿון די גליקלעכע.

אין יאָר 1932 האָט סוצקעווער געמאַכט זײַן ערשטן פּרוּוו אָנגענומען צו ווערן אין דער גרופּע ״יונג־ווילנע״. די גרופּע איז נאָך דעמאָלט געווען באמת זייער יונג, קיין גוואַלדיקן אויטאָריטעט האָט זי נאָך ניט געהאַט, קיין ביכער האָבן נאָך אירע מיטגלידער ניט אַרויסגעגעבן (דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער) — אָבער די אָנגעהעריקייט צו איר האָט פֿאַרט געגעבן אַ שטיקל סמיכות אויף שרײַבערײַ, אַ מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין רעציטאַציע־אָוונטן, אַ צוגאַנג צו דער פּרעסע. שמערקע קאַטשערגינסקי, מיט צען יאָר שפּעטער, האָט איבער צוויי זײַטן פֿון זײַן געטאָ־עסיי וועגן סוצקעווערן אָפּגעגעבן צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע — ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירן, אַז ״יונג־ווילנע״ האָט דעמאָלט צוריקגעוויזן סוצקעווערס בקשה:

> סוצקעווער איז אָבער נאָך דעמאָלט ניט אַרײַן אין ״יונג־ווילנע״. ניט לײַכט איז אָנגעקומען סוצקעווערן אַרײַנגענומען צו ווערן אין אונדזער יונגער שרײַבער־משפּחה. ניט לײַכט דערפֿאַר — ווײַל ער איז אונדז געווען פֿרעמד. קלאָרער געזאָגט — זײַן שאַפֿונג. אונדזער אויג איז געווען צוגעוווינט צו אויסגעטראָטענע וועגן... פֿאַר אונדז איז די נאַטור געווען בלויז אַ שמאָלע סטעזשקע צו אונדזער שאַפֿן. בײַ סוצקעווערן איז דער נאַטור־עלעמענט געווען דער ברייטער שליאַך, אויף וואָס מיר האָבן געקוקט מיט חשד... ווער ווייס אים, ווו האָט ער געפּאַקט זײַנע מאָדנע לידער. אָט זאָל ער ווערן מיט עטלעכע יאָר עלטער — וועט מען זען...[3]

3. דאָרט גופֿא, זז׳ 308—309.

די יונג־ווילנעיאַנער האָבן סוצקעווערן געמאַכט אַ פֿאַרהער — און ער האָט פֿאַר זיי איבערגעלייענט איינע פֿון זײַנע לעצטע זאַכן — "די באַלאַדע וועגן די זיבן קירגיזן":

די ווילדע קירגיזיכע בראַסקאַ־בי
האָט אין די אויגן אַ קופּערנעם גלי...

דער גאַנצער שבט איז געווען פֿאַרליבט אין אָט דער קירגיזישער שיינקייט — "אַפֿילו דער הייליקער טאַכטאַמיש" פֿלעגט ניט קענען רויק אײַנזיצן, ווען זי פֿלעגט פֿאַרבײַגיין. זיבן העלדישע יונגען האָבן געוואָלט געווינען איר האַנט — און זי האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט דעם, וואָס וועט איר אין אַ יאָר אַרום ברענגען די שענסטע מתנה. זענען זיי אַוועק זוכן די מתנה אין ווײַטע מקומות.

די לבֿנה איז געהאַנגען ווי אַ רויטע צונג
— — — — — — — — — — —
ווען די זיבן קירגיזן, פֿאַרשיכּורט פֿון פּײַן
ווי פֿון ווײַן,
זענען צו בראַסקאַן אין כוטער אַרײַן.

איך קען זיך ניט דערמאַנען, וואָסערע מתנות זיי האָבן איר געבראַכט, חוץ איינער:

איך האָב דיר געבראַכט אַ פֿאַרפֿראָרענעם שניי,
דעם בעסטן מיטל קעגן וואַנצן און פֿליי...

נאָר דער זיבעטער קירגיז איז געשטאַנען שטום, און ווען זי האָט אים געפֿרעגט וועגן זײַן מתנה, האָט ער געענטפֿערט:

איך האָב דאָ געבראַכט מײַן שטאָלענעם שפּיז
און כ'וועל דיך טייטן, אויב וועסט נעמען אַן אַנדער קירגיז.

האָט די ווילדע קירגיזיכע בראַסקאַ־בי
זיך צעלאַכט אויפֿן קול: כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי — —

און האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן האַלדז דווקא דעם זיבעטן קירגיז — און דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט די באַלאַדע.

אויפֿן פֿאַרהער בין איך ניט געווען, אָבער כ'האָב זיך זייער לעבעדיק פֿאַרגעשטעלט, מיט וואָסערע פּנימער האָבן זיך די יונג־ווילנעיאַנער געמוזט צוהערן צו סוצקעווערס דעקלאַמאַציע. זיי האָבן ניט באַמערקט דעם געהאַמערטן אַקצענטישן פֿערז פֿון דער באַלאַדע, דעם פֿײַן סטיליזירטן עקזאָטישן קאָלאָריט, דעם שלל פֿאַנטאַזיע, דעם דינעם איראָנישן שמייכל. זיי האָבן אַלץ געזוכט דעם פּשט,

דעם נימשל, די טענדענץ, דעם נוצן, וואָס אַזאַ מין ליד קען ברענגען דער זאַך פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. "קונסט לשם קונסט?" פֿון דעם האָט מען דעמאָלט אין "יונג־ווילנע" ווייניק געהאַלטן. פֿון זײַן זײַט האָט סוצקעווער אַרויס־געוויזן אַ היפּשע איגנאָראַנץ פֿון רעאַלע באַדינגונגען, קומענדיק פֿאַרן מישפּט פֿון "יונג־ווילנע" מיט אַזאַ עקסצענטריש ליד. איז טאַקע דער תּירוץ געווען, ווי ש. קאַטשערגינסקי האָט עס איבערגעגעבן — "מיר פֿאַרשטייען אים ניט".

דאָס אַלץ האָט אָבער סוצקעווערן ניט אַנטמוטיקט און ניט צוגענומען בײַ אים דעם גלויבן אין זײַן פּאָעטישן באַרוף.

ג

זומער 1932 זענען מיר שוין אַלע דרײַ — לייזער וואָלף, סוצקעווער און איך — געווען מחוץ דער "בין". אַנשטאָט אויפֿן בינישן זומער־לאַגער, האָט סוצקעווער אַ גאַנצן חודש פֿאַרבראַכט מיט מיר און מײַנע עלטערן אויף אונדזער זומער־וווינונג אין וואָלאָקומפּיע, 6 קמ צו צפֿון פֿון ווילנע, ניט ווײַט פֿון דער ווילִיע. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכע, רויִקע צײַט, אַ הפֿסקה צווישן צוויי פּעריאָדן פֿון אַנטוישונגען. מיר האָבן געוווינט אין אַ צימערל אונטערן דאַך. בײַ טאָג פֿלעגן מיר שפּאַצירן איבער די אַרומיקע וועלדער, באָדן זיך און שפּילן זיך איבער דער ווילִיע; נאָך מיטאָג — לייענען, צוזאַמען אָדער באַזונדער, אָדער שרײַבן יעדערער דאָס זײַניקע. אין די אָוונטן פֿלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען מיט מײַנע עלטערן און לייענען אויפֿן קול פּושקינען. אַזוי האָבן מיר איבערגעלייענט גאַנץ "יעווגעני אָנעגין" און אַ ריי לירישע לידער. סוצקעווער האָט זיך צוגעהערט מיט געשפּאַנטן אינטערעס און אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ריטעם און דעם גײַסט פֿון פּושקינס פּאָעזיע. עס האָבן געמוזט אַריבערגיין נאָך 5 יאָר פֿון כּסדרדיקער פּאָעטישער געניטיקונג, ביז די דעמאָלט פֿאַרזייטע קערנער האָבן געפֿונען אַדע־קוואַטע קינסטלערישע מיטלען זיך אויסצודריקן. אין 1937 האָט סוצקעווער איבערראַשט די לייענערס מיט זײַן קורצער פּאָעמע "אין אַ דיכטער־שענק"[4], וואָס וועגן איר האָט אַ. לעיעלעס מיט התפּעלות אויסגערופֿן אין אַ בריוו: "ענדלעך האָט זיך אין דער ייִדישער פּאָעזיע דערהערט דער פּושקינישער פֿערז!"

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט צו אונדז קומען פֿון שטאָט לייזער וואָלף. צווישן אונדז דרײַ האָט זיך געשאַפֿן אַן אייגנאַרטיקער נוסח פֿון שמועסן, געבויט אויף איראָניע, חבֿרישע שטעכווערטער און גלײַכווערטלעך, ליטעראַרישע רעמיניס־צענצן, רמזים אויף בלויז אונדז באַקאַנטע פֿאַקטן און געשעענישן און קאָנווענ־ציאָנעלע, כּמו פֿאַרשיפֿרירטע, אויסדרוקן. איין מאָל איז אין אונדזער קאָמפּאַניע אַרײַנגעפֿאַלן אַ זײַטיקער בחור — האָט ער אין פֿאַרוווּנדערונג געגלאָצט די אויגן, בשעת מיר האָבן זיך פֿלינק איבערגעוואָרפֿן מיט רעפּליקעס, און ער האָט ניט געוווּסט, אויף וועלכער וועלט ער איז.

דער האַרבסט, וואָס איז געקומען נאָך אָט דעם פּאָעטישן זומער, איז געבליבן אין מײַן זכּרון ווי זייער אַ חושכדיקע צײַט. אומעטום האָט געהערשט נערוועזקייט און דעפּרעסיע. בײַ דער ווילנער ייִדישער יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־

4. צום ערשטן מאָל געדרוקט אינעם "אַלמאַנאַך" פֿון ווילנער ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין אין 1938. איבערגעדרוקט אין סוצקעווערס צווייטן בוך לידער "וואַלדיקס" (ווילנע, 1940).

לויפּעניש איבער דער "גרינער גרענעץ" צום אויסגעבענקטן ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט זי באַגעגנט מיט תּפֿיסות, "פּראָפֿילאַקטישע" קאָנצענטראַציע־לאַגערן, יאָרן פֿאַרשיקונג, און דערנאָך, אין 1937, מיט 10־יאָריקע פֿאַרשליסונג־טערמינען שוין אין די אַלגעמיינע שקלאַפֿן־לאַגערן. אויך סוצקעווערן האָט מען שטאַרק אײַנגערעדט צו לויפֿן מיט אַלעמען אויף מיזרח — ממש אַ נס סײַ פֿאַר אים, סײַ פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ער איז בײַגעשטאַנען דעם נסיון. סײַ ווי האָט מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט אים און מיט לייזער וואָלפֿן געפּלאַצט בײַ דער ערשטער געלעגנהייט. אין נאָוועמבער 1932 זענען זיך אונדזערע וועגן אויף אַ צײַט פֿונאַנדערגעגאַנגען. יעדער האָט זיך פֿאַרנומען מיט זײַנס און האָט ניט געשטערט דעם אַנדערן. איך בין אַוועק אויפֿן וועג צום "שפּאַרבער", צום סאָציאַליסטישן טעריטאָריאַליזם, צו דער פֿרײַלאַנד־ליגע. סוצקעווער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן פּאָעזיע. איך האָב שוין אָבער ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין זײַן פּאָעטישן וואַרשטאַט. איך האָב געקענט זען בלויז זײַנע געדרוקטע לידער — און זייער צאָל איז ניט געווען גרויס.

זײַן ערשט פֿאַרעפֿנטלעכט ליד האָט זיך באַוויזן אין דער וואַרשעווער "וואָכנשריפֿט" אין פֿעברואַר 1933. דערנאָך, אין מײַ, האָט דער "ווילנער טאָג" אָפּגעדרוקט זײַן ליד "אונטער רעגנס מײַיִקע". ביידע זאַכן זענען געווען געשריבן אין אַ נײַער מאַניר. אַנשטאָט אָפּקלאַנגען פֿון מ. ל. האַלפּערן, האָט זיך אין זיי גיכער געשפּירט אַ השפּעה פֿון משה קולבאַק, באַזונדערס אין צווייטן ליד, זייער אַ שטימונגספֿולן און אויפֿריכטיקן. אַפֿילו "דער גרינער סאָלאָוויי" (אַ מרידה קעגן זאָאָלאָגישע פֿאַקטן) איז אין זײַן קאָנטעקסט אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַן אימפּרעסיאָניסטישער גאַנג, ווי אַ קאָליר־אויסדרוק פֿון דער פֿרישקייט און זאַפֿטיקייט פֿון דעם סאָלאָווייס זינגען. סוצקעווער האָט זיך בולט אויסגעלערנט צו זײַן ליריש. אָבער איין סאָלאָוויי, פּונקט ווי איין שוואַלב, מאַכט נאָך ניט קיין פֿרילינג. דער דאָזיקער דעביוט אין דרוק האָט אַ היפּשע צײַט ניט געהאַט קיין המשך.

אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך באַנײַט דורך קאָרעספּאָנדענץ אין יאַנואַר 1935, ווען איך בין געווען אויפֿן ערשטן קורס פֿון דער סאָרבאָנע. ס'איז בײַ אונדז אַוועק זייער אַן אינטערעסאַנטער בריוואויסטויש וועגן פּאָליטישע און, דער עיקר, וועגן פּאָעטישע פּראָבלעמען. ביידע האָבן מיר פֿאַר די איבער צוויי יאָר פֿון אונדזער צעשיידונג געמאַכט אַ היפּשן פּראָגרעס אויפֿן פּאָעטישן פֿעלד — איך, געוויינטלעך, מער אויפֿן געביט פֿון טעאָריע, ער — פֿון פּראַקטיק. לויט די צוויי־דרײַ לידער, וואָס סוצקעווער האָט מיר געשיקט, איז נאָך שווער געווען זיך צו שאַפֿן אַ השגה וועגן דעם פֿולן דיאַפּאַזאָן פֿון זײַן שאַפֿן, עס האָט זיך אָבער געמוזט וואַרפֿן אין די אויגן די געוואַלדיקע פֿאַרבעסערונג פֿון דער פֿאָרעם און טעמאַטיק פֿון זײַנע פּאָעטישע ווערק. דער אינהאַלט איז געוואָרן ליריש און פּערזענלעך, די אָפּגעשפּיגלטע עמאָציעס און שטימונגען זענען געווען ערנצט און עכט. אויב זײַנע לידער פֿון פֿאַר דרײַ־פֿיר יאָר האָט מען געקענט צוגלײַכן צו אַ קונציקן מאַריאָנעטן־טעאַטער מיט צוגעטראַכטע העלדן, איז איצט אויף דער סצענע אַרויס דער אַרטיסט גופֿא.

אויף מאָרגן נאָך מײַן קומען אַהיים אויף זומער־פֿעריען האָט מיך סוצקעווער

באַזוכט אין דער זעלבער וואָלאָקומפּיע. ער האָט אויסגעזען מיד און אויסגע־מאַגערט. עס איז געווען אַ סך וועגן וואָס צו שמועסן נאָך אַזאַ היפּשער הפסקה, אָבער מער פֿאַר אַלץ האָט סוצקעווער פֿון מיר געשלעפּט נײַע לידער, וואָס איך האָב פֿאַר דער דאָזיקער צײַט באַוויזן איבערצולייענען און צום טייל צו פֿאַר־געדענקען. צו סוצקעווערן האָט מען געקענט אָנווענדן דעם יונגן מאַיאַקאָווסקיס ווערטער: "איך באַגער נאָר איין סם: צו טרינקען און צו טרינקען לידער". אויף מאָרגן איז ער אָפּגעפֿאָרן זיך אָפּרוען אינעם שטעטל ראַדאָשקאָוויטש, ניט ווײַט פֿון דער פּויליש־סאָוועטישער גרענעץ.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַגעגנט אין שטאָט מײַנע אַן אַלטע חבֿרטע פֿון "בין" — צוזאַמען זיך באַטייליקט בשעתּם אין עקסקורסיעס, לאַגערן און אין דער בינישער אָפּאָזיציע. זי האָט נאָך דעמאָלט געהייסן פֿריידקע לעוויטאַן, ס'איז איר אָבער באַשערט געווען אין אַ געוויסער צײַט אַרום צו בײַטן איר פֿאַמיליע אויף סוצקעווער. דער שמועס איז, נאַטירלעך, אַוועק וועגן אונדזער שותּפֿישן פֿרײַנד.

— וואָס טוט מען מיט אַבראַשקען? — האָט זי געזאָגט אויפֿריכטיק און מיט אַ טיפֿער זאָרג. — ניט מען דרוקט אים, ניט מען אָנערקענט אים. אין "יונג־ווילנע" האָט מען אים סוף־כּל־סוף אָנגענומען, אָבער פֿון זײַן פּאָעזיע האַלט מען דאָרט אויך ניט. ער שרײַבט, לייגט אַרײַן זײַן גאַנצע נשמה אין די לידער — און אַלץ אומזיסט. ער ווײַזט עס ניט אַרויס, אָבער ער לײַדט, און בײַ מיר טוט פֿאַר אים דאָס האַרץ וויי. איך גלייב אין זײַן טאַלאַנט, אָבער אפֿשר קען איך ניט זײַן צו אים אָביעקטיוו? אפֿשר איז די וועלט פֿאַרט גערעכט? אַט האָט ער אַנומלט געכאַפּט אַ גאַנצן הויפֿן אַלטע כּתבֿ־ידן און געוואָלט פֿאַרברענען, האָב איך זיך אײַנגעבעטן — גיב זיי בעסער אַוועק מיר.

— און דו האָסט זיי נאָך?

— יאָ.

— קענסט מיר זיי ווײַזן?

— יאָ, אויב דו וועסט אים ניט דערציילן.

מיר זענען אַוועק צו איר (זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אויפֿן דאָמי־ניקאַנער געסל), און דאָרטן האָט זי אַרויסגעצויגן פֿון אונטער איר בעט אַ גרויסן קוואַדראַטן קאַסטן, פֿול מיט אָנגעהויפּטע פּאַפּירן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און גענומען זיך פֿונאַנדער־קלײַבן אינעם תּוכן פֿונעם קאַסטן. דאָרט האָבן זיך, ווי עס ווײַזט אויס, אָנגעקליבן כּתבֿ־ידן, אָנוואָרפֿן און ברוליאָנען פֿאַר גוטע צוויי־דרײַ יאָר. עס זענען דאָרט געווען לידער וועגן זײַנע באַליבטע קירגיזן, אָבער שוין מיט אַ טענדענץ צו מאַכן זיי פּאָליטיש אַקטועלער. "דער בראַנדזענער טאַכטאַמיש" (ניט צונויפֿמישן מיטן "הייליקן טאַכטאַמיש" פֿון דער "באַלאַדע וועגן די זיבן קירגיזן") האָט דאָרט אַרויסגעזאָגט אָפּטימיסטישע מיינונגען וועגן באַפֿרײַונג, בויונג, אויפֿשטײַג וכדומה אַזעלכע פּאָפּולערע זאַכן. סוצקעווער, הייסט דאָס, האָט געפּרוּווט "גיין אין פֿוס מיט דער צײַט", דאָס האָט בײַ אים אָבער לאַנג ניט געדויערט. עס האָבן זיך אַלץ מער און מער גענומען טרעפֿן מוסטערן פֿון לגמרי אַן אַנדער נוסח — ריין לירישע, מוזיקאַלישע, מיט אײדעלע און צאַרטע אימאַזשן.

— ער האָט עפּעס יעסיענינישס אין זיך! — האָב איך אויסגערופֿן מיט פֿאַרוווּנדערונג.

— ער האָט קיין מאָל ניט געלייענט יעסיענינען, — האָט געענטפֿערט פֿריידקע.

— זענען זיי, הייסט עס, קרובֿישע נאַטורן.

איך האָב זיך נאָך אַ צײַט געגראַבלט אינעם פּאַפּירענעם הויפֿן, אַרויסגעכאַפּט באַלד איין בלעטל, באַלד אַ צווייטס, לויט די אָנהייב־שורות געפּרוווט אָפּשאַצן דאָס גאַנצע ליד, אייניקע אָפּגעלייגט, אייניקע געלייענט אויפֿן קול און זיך אײַנגעהערט אינעם קלאַנג. ענדלעך האָט זיך פֿריידקע צו מיר אָפּגערופֿן:

— איצט זאָג — אָבער ערלעך! — וואָס טראַכטסטו וועגן דעם?

— פֿריידקע! — האָב איך געענטפֿערט מיט אַ פֿײַערלעכן טאָן. — אונדזער חבֿר אַבראַשקע איז אַן אמתער פּאָעט, אַן אָריגינעלער פּאָעט פֿון גרויסן קאַליבער. זאָלן זיי לאַכן פֿון אים, די שוטים — אַ מכּה וועלן זיי אָנשרײַבן אַזעלכע לידער, ווי די, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסוואַרפֿן! דאָ פּאַסט זיך צו דערמאָנען, וואָס דער יונגער פּושקין האָט געזאָגט: ״וואָס זשוקאָווסקי וואַרפֿט אַרויס, וועט אונדז נאָך גאַנץ גוט צו נוץ קומען״.

אָנהייב אויגוסט 1935 איז סוצקעווער צוריקגעקומען פֿון ראַדאָשקאָוויטש — אַן אויסגערוטער, אַ מונטערער, מיט אַ בינטל פֿרישע לידער — איינס בעסער פֿאַרן אַנדערן (צווישן זיי אַזעלכע שעדעווערס, ווי ״באַשאַפֿונג״ און ״אַרום די פֿײַערן״). נאָך עטלעכע יאָרן זוכענישן האָט ער ענדלעך געפֿונען זיך אַליין, געקראָגן אַן אייגענעם פּרצוף. ווידער איז ער געוואָרן אַן אָפֿטער גאַסט אין וואָלאַקומפּיע. איין מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין שטאָט אין אַ צושטאַנד פֿון שרעקלעכער אויפֿרעגונג און רגיזה צוליב געוויסע פּערזענלעכע טעמים, וואָס זענען מיר ניט אין גאַנצן געווען קלאָר. איבערלאָזן אים אין אַזאַ מצבֿ־רוח האָב איך ניט געוואָלט. כּמעט ביגוואַלד האָב איך אים אַרײַנגעשטופּט אין אויטאָבוס און אַוועקגעפֿירט אויף אונדזער זומער־וווינונג. דעם גאַנצן וועג האָט ער מרה־שחורהדיק געשוויגן. געקומען צו אונדז, האָט ער זיך קוים באַגריסט מיט מײַנע עלטערן, זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט ווי עמעצער וואָלט אים אײַנגעביסן, און אײַליק אַוועקגעשפּאַנט אין וואַלד. ער איז נעלם געוואָרן אויף צוויי אָדער דרײַ שעה. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער ניט געווען צו דערקענען. איך האָב אַ סך געהאַט געהערט וועגן דער גוטער ווירקונג פֿון דער נאַטור אויף דער פּסיכיק, אָבער דאָ האָב איך דאָס דערזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. פֿון כּעס און צערייצטקייט איז קיין סימן ניט געבליבן. אַ באַרויִקטער, אַ צעשמייכלטער, האָט סוצקעווער מיט מיר געשמועסט ביזן אָוונט, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט עפּעס שרײַבן. דאָס איז געווען, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס ליד ״ווידער ליגט די ערד אין פֿײַערפֿאַרבן״:[5]

ווידער ליגט די ערד אין פֿײַערפֿאַרבן.
ס׳איז פֿריִער האַרבסט. עס זינגט די פּען: ס׳איז שיין!
די פֿײַער־שיינקייט שמעקט מיט רײַפֿע גאַרבן,
אין פֿײַער־שיינקייט וואַנדערט מײַן געביין.

5. גייט אַרײַן אין סוצקעווערס ״לידער״ (וואַרשע, 1937).

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אָט דאָס װוּנדערלעכע ליד, און עס האָט זיך אויס־געלאָזט:

האָב איך װען געהאַט אַזאַ דערהייבונג?
האָב איך װען אַזוי פֿיל מוט געהאַט,
ווי איצטער, װען מײַן יעדער נערוו איז גלייביק
און ס׳פֿאַרוועלקט מײַן צווייפֿל ווי אַ בלאַט?

ניין, ס׳איז ניט דער רייץ פֿון פֿאַר אַ יאָרן,
ניין, ס׳איז ניט די בענקשאַפֿט פֿון געוועזן.
ווי די ערד מיט פֿרוכטן און מיט קאָרן,
איז איצט רײַף מײַן לעבן און מײַן פּען.

דאָס דאָזיקע ליד איז געווען צו באַשײַמפּערלעך גוט, דער "ווילנער טאָג" זאָל עס אָפּוואַרפֿן. װען עס האָט זיך דאָרטן באַוויזן אין דרוק, האָט עמעצער פֿון שותּפֿישע באַקאַנטע, וואָס פֿאַר אים איז סוצקעווער נאָך אַלץ געבליבן אַבראַשקע דער אָנהייבער, געפּרוּווט פֿאַר מיר אויסדריקן זײַן ספֿק:

— איז דאָס פֿון זײַן זײַט ניט צו פֿיל אַליין־זיכערקייט אַזוי פֿעסט צו דעקלאַרירן: "ס׳איז איצט רײַף מײַן לעבן און מײַן פּען"?

— לחלוטין ניט, — האָב איך דערווידערט. — ער פֿילט זײַנע כּוחות און האָט ניט קיין טעות. הײַיאָר איז ער געוואָרן אַ פֿאַרענדיקטער רײַפֿער פּאָעט.

מילא, די אָפּשאַצונג פֿון אַ יונגן סטודענט איז ניט געווען מאַסגיבנדיק פֿאַרן יידישן ליטעראַרישן וועלטל. אָבער, ווי אַ באַשטעטיקונג פֿון סוצקעווערס ווערטער, האָט זײַן פּאָעזיע (טאַקע דעם זעלביקן האַרבסט) באַקומען אַ הויכע אָנערקענונג מצד אַ קריטיקער און אַ מבֿין, וואָס זײַן וואָג אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען גרויס און באַטײַטיק. אין ענטפֿער אויפֿן צוגעשיקטן פּעקל לידער האָט אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס אָנגעשריבן סוצקעווערן אַ באַגײַסטערטן בריוו, הייס געלויבט זײַנע שאַפֿונגען און פֿאַרבעטן אים צו ווערן אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פֿונעם ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל "אינזיך". אַנשטאָט אַ ליד אַ יאָר אין די העפֿטן פֿון "יונג־ווילנע" אָדער אין "ווילנער טאָג" האָט איצט סוצקעווער באַקומען צו זײַן דיספּאָזיציע אַן ערשטראַנגיקע טריבונע פֿון מאָדערנער עקספּערימענטאַלער פּאָעזיע, און אַנשטאָט די היימישע גלײַכגילטיקע קריטיקערס האָט ער געקראָגן אַ הויך קוואַליפֿיצירטן רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער. און אַז סוצקעווערס לידער האָבן זיך גענומען רעגולער באַווײַזן אינעם "אינזיך", האָט זיך שוין פֿאַר אים געפֿונען אַן אָרט אויך אין "ווילנער טאָג", אין "ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערשוווּ. אַזוי האָט זיך פֿאַר אים ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אַ נײַער פּעריאָד.

דערווײַל, אין סעפּטעמבער 1935, האָט "יונג־ווילנע" אײַנגעאָרדנט אַן עפֿנט־לעכע אַקאַדעמיע לכּבֿוד דעם אַרויסגיין פֿון דעם ערשטן בוך לידער פֿון אירן אַ מיטגליד — א. וואָגלערס "אַ בלעטל אין ווינט". דער גרויסער זאַל פֿון קאָנסערוואַטאָריע איז געווען פֿול געפּאַקט. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די יונג־ווילנע־

יאַנער און זייערע געסט פֿון אַנדערע שטעט געלייענט זייערע לידער. ס'איז געקומען די ריי פֿון סוצקעווערן. מיט אַן אַנגעכמורעטן פּנים, אַרומשפּרייזנדיק איבער דער בינע, האָט ער מיט האַרץ דעקלאַמירט אַ ליד, פֿול נאָסטאַלגיע צו זײַן ווײַטער סיבירער קינדהייט און אַנטוישטקייט מיט זײַן ווילנער איצטיקייט:

וי פֿײַערלעך פֿון וועלף
אין ווײַטן צאַנק,
זע איך, ווי עס ציִען זיך די שפּורן
פֿון מײַן העל־סיבירישן געזאַנג.

הערנדיק די שורות:

אַ פֿײַער־פֿויגל קומט פֿון ווײַטע שטעגן
און שיט מיך אָפּ מיט פֿיל־קאָלירטן שניי
פֿאַר מײַנעט וועגן...

האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע רעגנבויגנדיק־דימענטיקע ליד איז עפּעס אַ פֿײַער־פֿויגל, וואָס איז פֿאַרפֿלויגן פֿון אַ ווײַטן צויבערלאַנד אין אונדזער אומעטיקער גרויקייט [6].

ד

אין זײַן געטאָ־עסיי וועגן סוצקעווערן שרײַבט ש. קאַטשערגינסקי: [7]

סוצקעווער טאָגט שטענדיק בײַ מיקען, וועלכער פֿירט אים אַרײַן אין דער מאָדערנער אייראָפּעִישער ליטעראַטור, מאַכט אים באַקאַנט מיט דער רוסישער... און דער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע... ביז איצט קען סוצקעווער ניט פֿאַרגעסן די גרויסע השפּעה, וואָס מיקע האָט געהאַט אויף אים.

סוצקעווער האָט געקענט די גאַנצע ייִדישע פּאָעזיע אַזוי, ווי זעלטן ווער. אויך מיט דער פּוילישער פּאָעזיע איז ער געווען פֿונדאַמענטאַל באַקאַנט. איך האָב אים געהאָלפֿן זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין פּאָעטישע שאַפֿונגען אויף שפּראַכן, וואָס ער האָט ווייניק אָדער אין גאַנצן ניט געקענט בײַ יענעם טאָג. געוויס האָבן מײַסטערווערק פֿון פֿרעמדע ליטעראַטורן פֿאַרברייטערט סוצקעווערס האָרי־זאָנט און אין אייניקע פֿאַלן דירעקט אָדער אומדירעקט אינספּירירט זײַנע לידער. ווי אַן עד ראיה, וועל איך דאָ ברענגען דרײַ פֿאַלן, ווען סוצקעווער גופֿא האָט מיר אָנגעוויזן אויפֿן מקור פֿון זײַן אינספּיראַציע. זיי זענען אינטערעסאַנט פֿון פֿאַרגלײַכנדיק־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. ביים פֿאַרגלײַכן ווערט בולטער סוצ־קעווערס אינדיווידועלקייט.

6. דאָס ליד איז אַרויס צו ערשט אין "ליטעראַרישע בלעטער" און אין "אינזיך", דערנאָך אַריין אין "לידער".

7. "שמערקע קאַטשערגינסקי אָנדענק־בוך", ז' 307.

באַלד אין דעם טאָג פֿון אונדזער ערשטער באַגעגעניש נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס האָב איך צווישן אַנדערן איבערגעלייענט סוצקעווערן איינס פֿון די פּרזע לידער פֿון וואַלערי בריוסאָוו — "שעפּערישקייט", וואָס איך ברענג דאָ אין אַ פּראָזאַישער איבערזעצונג:

דער שאָטן פֿון אומבאַשאַפֿענע שאַפֿונגען / וויגט זיך אין חלום / אַזוי ווי די פֿלאַכן פֿון לאַטאַניעס / אויף דער עמאַלירטער וואַנט[8].
פֿיאָלעטע הענט / אויף דער עמאַלירטער וואַנט / האַלב־פֿאַרשלאָפֿן צייכענען קלאַנגען / אין דער הילכיק־קלינגענדיקער שטילקייט.
און דורכזיכטיקע קיאָסקן / אין דער הילכיק־קלינגענדיקער שטילקייט / וואַקסן אויס אַזוי ווי גלימערלעך / בײַ דער לאַזוריקער לבֿנה.
ס׳גייט אויף דער אַנטבלויזטער מולד / בײַ דער לאַזוריקער לבֿנה[9]. / קלאַנגען שוועבן האַלב־פֿאַרשלאָפֿן, / קלאַנגען צערטלען זיך צו מיר.
שאָטנס פֿון באַשאַפֿענע שאַפֿונגען / צערטלען זיך צו מיר מיט צערטלעכקייט, / און עס ציטערט דער שאָטן פֿון לאַטאַניעס / אויף דער עמאַלירטער וואַנט.

דאָס דאָזיקע ליד האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט סוצקעווערן — סײַ מיט דער קאַלטער מײַסטערשאַפֿט פֿון פֿאָרעם, סײַ מיט די ראַפֿינירטע פּאַראַדאָקסן פֿון ווערטער און פֿאַרגלײַכן, דער עיקר אָבער — מיט דער עצם אידעע פֿון איבערגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס פֿון פּאָעטישער שעפּערישקייט דורך אַ קייט אימאַזשן. געקומען פֿון ראַדאָשקאָוויטש, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָט וועסטו הערן, אויף וואָס דײַן בריוסאָוו האָט מיך אָנגעשטויסן — און האָט איבערגעלייענט זײַן "באַשאַפֿונג", וואָס מיט אָט דעם ליד עפֿנט זיך דער צווייטער ציקל ("פֿאַרב און קלאַנג") פֿון זײַן ערשטן לידערבוך (1937). באמת, דער גרונטגעדאַנק — צו שילדערן, ווי אַ פּאַרענדיקט ווערק קומט אויף פֿון אומקלאָרע אינטויִטיווע פֿאַרגעפֿילן — איז אָנגעוויזט דורך בריוסאָוון. אָבער סאַראַ קאָנטראַסט אין צוגאַנג און אינהאַלט! אַנשטאָט בריוסאָווס מײַסטערדיקן, אָבער טרוקענעם און אַבסטראַקטן סימבאָליזם, טרעטן בײַ סוצקעווערן אַרויס גאָר אַנדערע, עכט סוצקעווערישע שטימונגען און אימאַזשן — אָנגעהויבן פֿונעם טרעפֿלעכן בילד פֿון "פֿאַרקאַשערטע אַרבל" און געענדיקט מיטן אויסרוף פֿון געפֿלעפֿטער שטאָלצקייט בײַם אָנבליק פֿון דער פֿאַרענדיקטער אַרבעט. אויף דער זעלביקער טעמע האָט אויך געשריבן אַן אַנדער רוסישער דיכטער, דער גרעסטער פֿון די סימבאָליסטן, אַלעקסאַנדער בלאָק ("דער קינסטלער"). בײַ

8. לאַטאַניעס — קליינוויקסיקע פּאַלמעס מיט קײַלעכדיקע בלעטער. בײַ די בריוסאָווס אין שטוב זענען טאַקע געשטאַנען אַ פּאָר לאַטאַניעס אין פּעסלעך.

9. בריוסאָוו נוצט דאָ אויס, וואָס אויף רוסיש זענען דאָ צוויי ווערטער פֿאַר "לבֿנה": לונאַ און מיעסיאַץ. איך האָב געמוזט לפֿי־ערכדיק איבערזעצן דעם סינאָנים פֿון "לבֿנה" דורך "מולד". די קריטיק האָט זיך שטאַרק געטשעפּעט צו בריוסאָוון פֿאַר אַרויסברענגען אויפֿן הימל מיט אַ מאָל צוויי לבֿנות. האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז אַזוי דיקטירט אים זײַן פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע.

בלאָקן איז געניאַל איבערגעגעבן די ביטערקייט פֿון אַן אַנטוישטן פּעסימיסט, וואָס פֿאַר אים איז שעפֿערישקייט — בלויז אַ קורצער מאָמענט פֿון באַפֿרײַען זיך פֿון "טויטלעכן לאַנגווײַל", און די עצם באַשאַפֿונג פֿון אַ פּאָעטישער זאַך איז ניט קיין טריומף, נאָר אַ מאָרד פֿון דער אינעוויייניקסטער נשמה־עמאָציע. בײַ סוצקעווערן שפּרודלט פֿרייד, ליכט און גלויבן פֿון געזונטער שעפֿערישקייט.

פֿון וואַנען האָט זיך צו סוצקעווערן גענומען אָט דער אָפּטימיזם, אָט דאָס ליכטיקע אויפֿנעמען דאָס לעבן? די דרײַסיקער יאָרן זענען דווקא עלול געווען אָנצווייזן פּונקט פֿאַרקערטע שטימונגען. אויב אַפֿילו סוצקעווער איז פֿאַר־טרויערט, איז דאָס זעלטן אַ שוואַרצער טרויער פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, גיכער — אַ וואָלקן, וואָס פֿאַרשטעלט אַ ווײַלע די זון. סוף 1936 האָט מיר סוצקעווער געזאָגט וועגן דעם ליד "האַנאַראַר", אַז ער האָט עס אָנגעשריבן אונטערן אײַנדרוק פֿון אַלעקסאַנדער בלאָקס "דרײַ כּתיבֿות". צו ערשט האָב איך ניט געוואָלט גלייבן, בײַ אַ גענויערער באַטראַכטונג האָב איך אָבער באמת באַמערקט אַ ריי פּאַראַ־לעלן — ניט מער, מיט אַ פּונקט פֿאַרקערטער טענדענץ.

...וואַלענטינע, שטערן, דימיון, / ווי עס זינגען דײַנע סאָלאָווייען! / שרעק־לעכע וועלט! זי איז ענג פֿאַרן האַרצן! / אין איר איז דאָ דער דעליר פֿון דײַנע קושן, / דער שוואַרצער טומאַן פֿון ציגײַנער־לידער, / דער אײַליקער פֿלי פֿון קאָמעטן!

אַזוי האָט געשריבן בלאָק אין איינעם פֿון זײַנע שטאַרקסטע ליבעלידער. זײַן באַנעם פֿון ליבע איז טראַגיש, ס'איז אַ מקור פֿון לײַדן און עינויִים:

און, גרייט צו נײַע יסורים, / דערמאָן איך זיך יענע זאַוויעס, שנייען, / דײַנע ווילדע שוואַכע אָרעמס, / די פּערל פֿון דײַן געמורמל.

בײַ סוצקעווערן — גענוי דער היפּוך. דאָס וואָס בײַ בלאָקן איז אַ טייל פֿון דער "שרעקלעכער וועלט", איז פֿאַר סוצקעווערן אַ טרייסט און אַ רפֿואה אין דער "פֿײַנלעכער וואָר"[10]:

גוט נאָך, וואָס צאַרטע אָרעמס דערפֿרייען,
לײַכטן אין שיינקייט. און ווײַט, אויפֿן סטעפּ,
זינגען ציגײַנער. און סאָלאָווייען
פֿלאַטערן איבער געבויגענע קעפּ.

איין מאָל, האַרבסט 1936, האָב איך אים איבערגעלייענט און איבערזעצט דאָס ליד "אולאַלום" (Ulalume) פֿון עדגאַר אַלען פּאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בזה הלשון:

10. די סטראָפֿע מיט די ווערטער "פֿײַנלעכע וואָר!" איז ניט אַרײַן אינעם פֿאַרעפֿנטלעכטן טעקסט פֿונעם ליד.

The skies they were ashen and sober;
The leaves they were crisped and sere,
The leaves they were withering and sere;
It was night in the lonesome October
Of my most immemorial year.
It was hard by the dim lake of Auber,
In the misty mid region of Weir;
It was down by the dank tarn of Auber,
In the ghoul-haunted woodland of Weir [11].

אין אַזאַ חושכדיקן אומהיימלעכן טאָן איז געווען געשריבן דאָס גאַנצע ליד און עס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ קלימאַקס פֿון מיסטישער שרעק און יִאוש. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מיר סוצקעווער באַוויזן אַ נײַ ליד "בלעטערפֿאַל אויף דער אָזערע" [12] מיט אַזאַ אָנהייב:

כ׳ווייס ניט ווי דײַן וווּנדער צו דערקלערן,
מיסטעריעזער טאַנץ אַרום מײַן קאָפּ.
רויטע הערצער פֿלאַטערן און ווערן
אויסגעברענט אין מאַטעווען ציגאָבער,
אויסגעברענט אַרום מײַן סיוון קאָפּ.
כ׳וואָלט זיך איצט פֿאַרגליכן צו אַ סנאָפּ,
וואָס מען האָט פֿאַרגעסן אין אָקטאָבער.
כ׳האָב שוין איין מאָל אַזאַ סנאָפּ געזען
און געמיינט: עס איז אַ סנאָפּ פֿון טרערן.
איצטער, אינעם מאַטעווען ציגאָבער,
זע איך אים, ווי כ׳האָב אַ מאָל געזען.

— דאָס האָט מיך אָנגערייצט "אולאַלום", — האָט ער מיר געזאָגט נאָכן פֿאַרענדיקן דאָס ליד. ווען ער וואָלט עס ניט געהאַט געזאָגט, וואָלט איך מן הסתם זיך ניט געקענט אָנשטויסן, אַז צווישן די צוויי לידער איז דאָ אַ סמיכות הפּרשות. דער ריטעם פֿון פֿערז, דער געבוי פֿון סטראָפֿע, און קודם־כּל די אַלגעמיינע שטימונג זענען געווען אין גאַנצן אַנדערש. אמת, עס זענען געווען בנמצא סײַ די אָזערע, סײַ די פֿאַלנדיקע בלעטער, סײַ די עלנטקייט, סײַ אַפֿילו דער גראַם אויף "אָקטאָבער" — אָבער אַל דאָס איבעריקע איז געווען סוצקעוועריש. אַנשטאָט פּאָ׳ס פֿינצטערער שפּעט־האַרבסטיקער נאַכט האָט סוצקעווער געמאָלט אַ ליכטיקן זוניקן פֿרי־האַרבסטיקן טאָג. די בלעטער, וואָס בײַ פּאָ זענען זיי בלויז פֿאַרוועלקט, צעקנייטשט און טרוקן, האָבן בײַ סוצקעווערן געשײַנט מיט "מאַטעוון

11. "די הימלען זענען געווען אַשיק און אומעטיק, / די בלעטער זענען געווען צעקנייטשט און טרוקן, / די בלעטער זענען געווען פֿאַרוועלקט און טרוקן. / ס׳איז געווען אַ נאַכט פֿונעם עלנטן אָקטאָבער / פֿון מײַן סאַמע ניט פֿאַרגעדענקטן יאָר. / ס׳איז געווען האַרט בײַ דער טונקעלער אָזערע אָ ב ע ר, / אין דער נעפּלדיקער געגנט ו ו י ר; / ס׳איז געווען אונטן בײַם פֿײַכטן סטאַוו אָ ב ע ר, / אין דעם געשפּענסטער־באַוווינטן וואַלדלאַנד ו ו י ר".

12. דאָס ליד גייט אַרײַן אינעם דריטן ציקל (אונטער דעם זעלביקן נאָמען) פֿון סוצקעווערס "לידער".

צינאָבער״. אין וואָסער האָבן זיך געשפּיגלט ״ווערבעס אין דער גאָלד־באַקרוינונג״. דער בלעטערפֿאַל האָט אויסגעזען ווי אַ ״וווּנדער״. די עצם אָזערע איז ביי פּאָ געווען אַ צוגעטראַכטע ניט־עקסיסטירנדיקע אָזערע אין אַ פֿאַנטאַס־טישער געשפּענסטער־געגנט. סוצקעווער האָט געהאַט פֿאַר די אויגן איינע פֿון אונדזערע מאַלערישע ליטווישע אָזערעס — אפֿשר די וווּנדערלעכע גרינע אָזערע, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פֿאַר דעם האָבן מיר זיך ביידע איבער איר געשיפֿלט צוזאַמען מיט די איבעריקע אָנטיילנעמער פֿונעם פֿריילאַנד־יוגנט־לאַגער אין טורנישעק. דער טרויער אינעם ליד איז געווען ניט נאָך אַ געהיימעניש־פֿולער פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי מיטן צוגעטראַכטן (צוליבן גראַם) נאָמען אולאַלום, נאָר נאָכן ״מיידל — זומער״ — און ווידער אַ מאָל איז דאָס געווען אַ ליכטיקער, שטילער טרויער.

אַלע דריי אויבן דערמאָנטע לידער (בריוסאָווס, בלאָקס און פּאָ׳ס) זענען שאַ־פֿונגען פֿון הויכן קלאַס. קיין צוויי־טראַנגיקע לידער וואָלטן אים ניט משפּיע געווען. ער האָט זיך אינספּירירט מיט אָט די קונסטווערק ווי מען אינספּירירט זיך מיט אַ מאָלערישן פּייזאַזש, מיט אַ שיינעם פּנים. און ווי ביי אַ מאָלער איז וויכטיק ניט נאָר וואָס ער מאָלט, נאָר אויך, און דער עיקר, ווי אַזוי ער מאָלט, איז אויך ביי סוצקעווערן דאָס וויכטיקסטע — דער פּערזענלעכער עלעמענט אין די דריי אויסערלעך־סטימולירטע לידער.

ה

דעם גאַנצן ווינטער 1935/36 האָט סוצקעווער געאַרבעט איבער זיין ערשטער לאַנגער פּאָעמע — אַ לירישע דערציילונג וועגן זיין סיבירער קינדהייט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער מיר צושיקן קיין פּאַריז איינצלנע קאַפּיטלען. צו ערשט האָט ער בדעה געהאַט אָנצורופֿן די פּאָעמע ״פֿליִענדיקער אינדזל״, דערנאָך געביטן אָט דעם נאָמען אויף אַ מער פּאַסיקן — ״פֿון מיין היים ביים אירטיש״; אין דרוק האָט זי שוין באַקומען דאָס קעפּל ״שטערן אין שניי״ (סיבירער פּאָעמע), און איצט, אין אַ נייער ווערסיע, הייסט זי פּשוט ״סיביר״. דער דיכטער גופֿא האָט זי שפּעטער עטלעכע מאָל גרינטלעך איבערגעאַרבעט. צו אַרבעטן איבער זיינע שאַפֿונגען און צו פֿאַרבעסערן זיי פֿון אויסגאַבע צו אויסגאַבע איז דעם דיכטערס רעכט. אַ סכּנה דערביי איז, אַז עס ווערן פֿאַרווישט די צייט־סימנים. צי צוליב דעם, וואָס כ׳ביִן, אַזוי צו זאָגן, ביי׳געווען ביים געבורט פֿון דער פּאָעמע, צי צוליב אַנדערע טעמים, (אין סאָוועטישן לאַגער האָב איך לויטן זכּרון איבערגעזעצט אויף רוסיש די קאַפּיטלען, וואָס כ׳האָב באַוויזן צו פֿאַרגעדענקען), איז מיר דער ערשטער, תּמימותדיק־פֿרישער וואַריאַנט פֿון ״סיביר״ מיט עפּעס נעענטער ווי די שפּעטערדיקע פּערפֿעקציאָנירטע ווערסיע.

האַרבסט 1936 האָט סוצקעווער אָנגעהויבן סיי די רעדאַקציאָנעלע, סיי די טעכנישע אַרבעט איבערן אַרויסגעבן זיין ערשטן לידערבוך. איך האָב זיך גראָד פֿאַרהאַלטן אין ווילנע לענגער ווי תּמיד, און געווען אַן עדות פֿון זיין אַרבעט איבערן אָפּקלייב און רעוויזיע פֿונעם מאַטעריאַל. ער האָט דורכגעקוקט, אויפֿ־מערקזאַם און קריטיש, אַ ליד נאָך אַ ליד (אַ סך פֿון זיי זענען שוין געווען גע־דרוקט אין דער פּעריאָדיק), באַזייטיקט קליינע שאַרשקעדיקייטן, געביטן אייניקע

ווערטער און שורות. בעת דער דאָזיקער אַרבעט איז מיר געוואָרן (אין דעצעמבער 1936) 20 יאָר. ס'איז מיר אַ שאָד געווען זיך צו געזעגענען מיט דער יוגנט, מיטן עלטער, וואָס מען רופֿט אָן אין ענגליש teen-age. אָט מיט דעם האָט סוצקעווער אָנגעהויבן זײַן עקספּראָמטאָ־ליד צו מײַן געבורטסטאָג. דאָס ליד איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען מיט אַלע מײַנע פֿאַרמלחמהדיקע פּאַפּירן, אָבער כ'וועל זיך דאָ דערלויבן צו ברענגען די ערשטע עטלעכע סטראָפֿעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעהאַלטן אין מײַן זכרון:

אַזוי, עס איז אַ פּנים וואָר,
מײַן ליבער פֿרײַנד, מײַן טרײַער,
אַז צוואַנציק גאַרבן — צוואַנציק יאָר —
שוין רוען אין דײַן שײַער.

שוין צוואַנציק יאָר! איך פּרוּוו אַליין
די גלײַכע צאָל באַקלערן:
צי מיינט עס "יונג" צי "אַלט"? נאָר ניין!
דאָס מיינט — אין סאָמע ווערן.

דאָס מיינט: דער לויפֿנדיקער שליאַך
פֿון בענקשאַפֿט און פֿון האָפֿן,
האָט דיך געבראַכט צום שוועל, ווו וואַך
עס ליגט אַ וועלט דיר אָפֿן.

די וועלט איז יונג און פֿול מיט רייץ
און זאָגט דיר: "ברודער, נעם מיר,
און שעפּ מײַן ליכטיקייט, וואָס פֿלייצט,
מיט די געדאַנקען־עמער!"

דו זעסט: די וועלט איז פֿול מיט שײַן...
נאָר באַלד באַפֿאַלט אַ רעיון:
"איך וויל, מײַן פֿאָלק זאָל אַנדערש זײַן!
איך וויל מײַן פֿאָלק באַפֿרײַען!"

אָבער נאָך מער בין איך אים טײַער, האָט ממשיך געווען דער פּאָעט, ווען איך לייען אים לידער ("פּושקין" האָט זיך געגראַמט מיט "און ס'ווילט זיך דיך אַ קוש טאָן"), און ווען מיר זיצןביידע איבערן "פֿאַוסט", דאַכט זיך אים, אַז "מעפֿיסטאָס פֿערדנפֿוס / טוט באַלד אַ קלאַפּ אין צימער". פֿאַרענדיקט האָט ער מיט אַזאַ חבֿריש־פּאַטעטישן ווונטש:

טאָ טראָג זשע שטאָלץ די צוואַנציק יאָר
אין אונדזער וועלט פֿאַרהאַסטער,

און זאָל דײַן נאָמען, שאַרף און קלאָר,
נאָך אויפֿגיין העל אין אונדזער דור:
מיכאל אַסטור!

פֿון זײַן זײַט, האָט ער מיך ממש געצוווּנגען צו פֿאַרענדיקן מײַן ייִדישע איבערזעצונג פֿון פּושקינס "הערבסט", איך זאָל זי באַוויַיזן אָפּדרוקן אינעם ספּעציעלן נומער פֿון "ווילנער טאָג" לכּבֿוד פּושקינס הונדערטסטן יאָרצײַט. ער האָט מיר אויך געהאָלפֿן צו געפֿינען די פּאָר גראַמען, וואָס אָן זיי האָב איך ניט געקאָנט פֿאַרטיק ווערן מיט דער איבערזעצונג.

ענדלעך איז סוצקעווערס זאַמלבוך געווען צונויפֿגעשטעלט און רעדאַגירט, אַ ביסל געלט האָט ער אויך געשאַפֿן, און ס'זענען פֿאַרבליבן נאָר צוויי זאַכן: געפֿינען אַ קעפּל — און אַרויסגעבן. דאָס ערשטע איז געגאַנגען שווערלעך. צו ערשט האָט סוצקעווער פּראָיעקטירט אָנצורופֿן דאָס בוך "געבונדענער שטראָם", דערנאָך — "ווײַסע מגילה", דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט אויף "גילדענע פּײַערן" (דווקא אַ פֿײַן קעפּל), און אַזוי איז שוין וועגן דעם צוגעגרייטן בוך געמאָלדן געוואָרן אין "ליטעראַרישע בלעטער", אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט ער דאָס, ווער ווייס פֿאַר וואָס, אָפּגעוואָרפֿן, און דאָס בוך איז אַרויס אונטערן נייטראַלן קעפּל "לידער". דערפֿאַר אָבער מיטן צווייטן — ד"ה מיטן אַרויסגעבן — איז אַלץ אומגעריכט אַוועק גלאַטיק און אויפֿן בעסטן אופֿן. אַ שטיקל שײַכות דערצו האָט געהאַט אַ צופֿעליקער עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בײַ מיר אין שטוב און וואָס עס איז כּדאַי וועגן אים צו דערציילן.

געווען איז דאָס אַן ערך סוף פֿעברואַר 1937. ער, איך און צוויי מיידלעך זענען געזעסן בײַ מיר אין צימער און געפּלוידערט, ווען מיט אַ מאָל איז אַרײַנגעקומען מײַן פֿאָטער און געזאָגט צו מיר מיט אַ געוויסער פֿאַרוווּנדערונג אין קול:

— גיי אין עסצימער — ס'איז צו אונדז געקומען יאָזעף ראָט.

אין יענע יאָרן איז דער דאָזיקער עסטרײַכישער שרײַבער געווען זייער גוט באַקאַנט אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אַ סך זײַנע זאַכן זענען אַרויס אין פּוילישער איבערזעצונג. אַ זון פֿון אַ קאַטוילישן פֿאָטער און אַ ייִדישער מוטער, איז ער אויסגעוואַקסן אַ טיפּישער דײַטש און אַ גלייביקער קאַטויל, אָבער שטענדיק געווען נאָענט צו ייִדן און געשריבן דערציילונגען פֿון גאַליציאַניש־ייִדישן לעבן. ווי קומט ער צו אונדז? ער איז געקומען קיין ווילנע אין שײַכות מיט צוגרייטן אַ פֿילם לויט זײַנעם אַ ראָמאַן. מען האָט אים אין וואַרשע געגעבן אַ פּאָר ווילנער אַדרעסן. האָט ער געהאַלטן, אַז אַ ייִדישער כּלל־טוער און פּובליציסט איז מער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ווילנע ווי אַ גאַליציאַנער פּראָפֿעסאָר פֿון ווילנער אוניווערסיטעט.

— איך גיי אויך! — האָט אויסגערופֿן סוצקעווער.

מײַן פֿאָטער האָט באַשריבן דעם שמועס מיט ראָטן אין אַן אַרטיקל מיט צוויי יאָר שפּעטער[13]. צווישן אַנדערן האָט ער פֿאָרגעשטעלט דעם גאַסט מיך און

13. י. טשערניכאָוו, "יאָזעף ראָט" (אַ בינטל אײַנדרוקן פֿון אַ באַגעגעניש מיטן פֿאַרשטאָרבענעם שריפֿטשטעלער), "אונדזער טאָג", דעם 9טן יוני 1939. דאָרט איז די באַגעגעניש על־פּי־טעות דאַטירט מיט מאַרץ 1938. אין דער אמתן איז זי פֿאָרגעקומען מיט אַ יאָר פֿריִער.

סוצקעווערן. ראָטן האָט פֿאַראינטערעסירט די דאָזיקע נײַע פֿאַר אים יוגנט, וואָס לעבט זיך אויס און שאַפֿט אין ייִדיש. ער האָט געבעטן סוצקעווערן איבערלייענען זײַנס אַ ליד. סוצקעווער האָט גענומען לייענען "באַשאַפֿונג". ראָט האָט זיך צוגע־הערט מיטן גרעסטן אינטערעס, געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך פֿאַסמאַקעוועט מיט איינצלנע ווערטער און בילדער, אָבער דעם גרעסטן אײַנדרוק האָבן אויף אים געמאַכט די צוויי שורות פֿון דער פֿאַר־לעצטער סטראָפֿע:

אין מאַרגנרויט נעמען זיך אַנטאָן
אַ וואַלד. אַ מדינה. אַ וועלט.

אפֿשר האָט פֿאַר זײַן דײַטשן אויער באַזונדערס עקזאָטיש געקלונגען דאָס סע־מיטישע וואָרט מ ד י נ ה. ווי עס זאָל ניט זײַן, ער האָט הייס געליובט דאָס ליד און עטלעכע מאָל באַגײַסטערט איבערגעחזרט מיט זײַן יעקישן אַקצענט:

A Wald! A Medine! A Welt!

זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדז, איז ער צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין וואַרשע און איז אַרײַן אינעם ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

— וועמען האָט איר געזען אין ווילנע? — האָבן אים געפֿרעגט די ליטעראַטן.

— דעם אַדוואָקאַט טשערניכאָוו מיט זײַן משפּחה, און בײַ אים אין דער היים — אַ יונגן ייִדישן דיכטער, אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטן בחור!

— ווי הייסט ער?

— כ'האָב פֿאַרגעסן זײַן פֿאַמיליע, אָבער דאָס איז אַ פּאָעט פֿון ערשטן קלאַס! ער האָט מיר איבערגעלייענט אַ ליד — אויסערגעוויינלעך! פֿאַראַן אינעם ליד אַ שורה:

A Wald! A Medine! A Welt!

די ליטעראַטן האָבן זיך מיט פֿאַרווונדערונג איבערגעקוקט: וועמען מיינט דאָס ראָט? צום סוף האָט זיך איינער אָנגעשטויסן: "דאָס מוז זײַן סוצקעווער!"

— ריכטיק! — האָט זיך דערפֿרייט ראָט. — אַזוי הייסט ער טאַקע!

אַהאַ! אויב אַן אָנגעזעענער אויסלענדער לויבט אַזוי סוצקעווערן, מוז דאָס זײַן כּשר פֿאַרדינט! סוצקעווערס אַקציעס האָבן גלײַך אַ שפּרונג געגעבן אויף דער וואַרשעווער ליטעראַרישער בערזע. ווען מיט עטלעכע טעג נאָך ראָטן האָט זיך סוצקעווער בכּבֿודו ובעצמו באַוויזן אויף טלאָמאַצקע 13, האָט מען אים אויפֿגע־נומען מיט אַזאַ גדולה, אַז ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך. דעם כּתבֿ־יד האָט מען בײַ אים צוגענומען און אין איין הרף־עין אַרויסגעגעבן אונטער דער פֿירמע פֿון ייִדישן פּען־קלוב. דער באַקאַנטער מאָלער יאַנקל אַדלער האָט דאָס בוך באַצירט מיט סוצקעווערס פּאָרטרעט. נאָך איידער דאָס בוך האָט זיך פֿאַרענדיקט דרוקן, זענען שוין פֿאַרטיק געווען עטלעכע פֿײַנע רעצענזיעס. זייער צאָל וואָלט געקענט זײַן נאָך אַ ביסל גרעסער, ווען אויפֿן פֿײַערלעכן באַנקעט וואָלט דער בעל־שימחה, אונטערן רושם פֿון די אויסגעטרונקענע כּוסות, ניט אַרויסגעזאָגט מיט צו פֿיל אויפֿריכטיקייט זײַן מיינונג וועגן אייניקע אַנוועזנדיקע

קאַלעגן. עפּיזאָדן פֿון אַזאַ מין האָבן טאַקע געגעבן סוצקעווערן דעם גרונד אָנ־צוהייבן (אינעם זעלביקן יאָר 1937) זײַן פּאָעמע "אין אַ דיכטער־שענק" מיט אַזעלכע ווערטער:

אַ, צווינגט מיך ניט צו טרינקען מערער:
ס'איז ניט פֿאַר מיר, כ'בין ניט געווינט.
מײַן פּלאַנעטער ווערט דערפֿון ניט קלערער
און מײַן געדאַנק ווערט ניט באַקרוינט
מיט לאָרבער־בלעטער...

ווען סוצקעווערס "לידער" זענען זיך צעגאַנגען איבער די תּפֿוצות ישׂראל (אָדער לפּחות איבער ייִדישע רעדאַקציעס), האָט דאָס ביכל אומעטום אַרויס־גערופֿן לאַנגע רעצענזיעס, פֿול מיט איבערראַשונג פֿאַרן דערשײַנען פֿון אַ נײַער, אָריגינעלער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך ניט אַלט זײַענדיק קיין 24 יאָר, בלויז וואָסערע 6 יאָר נאָך דעם, ווי ער האָט געלייענט לייזער וואָלפֿן און מיר זיינע ערשטע פֿעדערפּרווון, איז סוצקעווער געוואָרן אַן אָנערקענטע פֿיגור אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער פּאָעזיע. סוצקעווערס אָ נ ה י י ב איז געווען פֿאַרענדיקט. פֿאַרויס זענען געלעגן יאָרן פֿון ווײַטערדיקן אויפֿשטײַג.

אין סוצקעווערס ערשטן בוך זענען נאָר דרײַ לידער געווען עמעצן געווידמעט. "מײַן אויסגעבענקטער שבֿט" איז געווען אַ מתּנה אַ. לעיעלעסן. אַ צאַרט ליבע־ליד האָט געהאַט די ווידמונג "פֿריידקען". איבערן ליד "אידעע" איז געשטאַנען "מיכאל אַסטורן". איך בין געווען שטאָלץ, וואָס כ'האָב זיך געפֿונען צווישן די דרײַ, וועמען דער פּאָעט האָט אויף אַזאַ אופֿן אויסגעדריקט אַ דאַנק פֿאַר זייער גלויבן אין זײַן טאַלאַנט און פֿאַר זייער דערמוטיקונג אין די שווערע יאָרן פֿון זײַן פּאָעטישן אָנהייב.

הונדערטער עפּיזאָדן פֿון די דרײַסיקער יאָרן, מיט סוצקעווערן אין זייער צענטער, שטייען אַצינד פֿאַר די אויגן פֿון מײַן זכּרון. איך וואָלט געקענט דערציילן וועגן סוצקעווערן ווי אַ מענטש און אַ חבֿר, וועגן אונדזער פֿאַרברענגען מיט אים אויף דרײַ שפּאַרבערישע לאַגערן אין טורנישעק און בויווידז אין 1936, 1937 און 1938, וועגן זײַן אומפֿאַרגלײַכלעכן הומאָר און שאַרפֿזין. איך וואָלט געקענט ברענגען אַ גאַנצע אַנטאָלאָגיע פֿון סוצקעווערס חכמות און ווערטערשפּילן, וואָס עס האָט מיט זיי געקלונגען אונדזער גאַנצע יונגע סבֿיבֿה. אָבער דאָס וואָלט גע־פֿאָדערט אַרײַנצופֿירן צו פֿיל אַנדערע פֿיגורן און געשעענישן און וואָלט פֿאַר־נומען אפֿשר אַ גאַנצן מעמואַרן־באַנד. זאָלן די דאָזיקע עטלעכע פֿראַגמענטאַרישע פֿאַרצייכענונגען וועגן דעם אַמאָליקן סוצקעווערן העלפֿן לעבעדיקער מאַכן זײַן יוגנטבילד אינעם טאָג, ווען מיר פֿײַערן דעם דיכטערס 50־יעריקן יובֿל.

חיים גראַדע

# אַבֿרהם סוצקעווערס ווילנער מאָטיוון

אַבֿרהם סוצקעווער האָט געשטאַמט פֿון דער זעלבער אָרעמקייט ווי די אַנדערע יונג־ווילנער. נאָר ווי להכעיס דעם כּלל, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿאָרמירן די פּסיכיק פֿון מענטשן, האָט סוצקעווער געהאַט אין גאַנצן אַן אַנדער געמיט ווי זײַנע חבֿרים. דעם יונג־ווילנער פּאָעט לייזער וואָלף, וואָס זײַן אמתער פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען מעקלער, האָט געפּאַסט זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים "וואָלף", ווײַל די וועלפֿישע איינזאַמקייט איז געלעגן אַפֿילו אויף זײַן אויסזען און איז אַרײַנגעוואַקסן אין זײַנע לידער. אויך דער פּאָעט אלחנן ראַזשאַנסקי האָט זיך ניט אומזיסט אַ נאָמען געגעבן "וואַגלער". ער איז געווען אַ פֿאַרוואָגלטע נשמה, אַ יתום, און די פֿאַריתומקייט ווייַנט אַרויס פֿון זײַנע פּאָעמעס. אָבער סוצקעווער איז געווען פֿאַרליבט אין זון, אין ליכט, אין קאָלירן און קלאַנגען. זײַנע צוויי ערשטע ביכער פֿון פֿאַר דער מלחמה זענען כּמעט אין גאַנצן אויסגעפּילט מיט נאַטורלידער. סוצקעווער אַנטלויפֿט ניט צו דער נאַטור אויס שרעק פֿאַרן מענטשן, ווי דאָס טוט זײַן יונג־ווילנער חבֿר וואַגלער. ער בלאָנדזשעט אויך ניט אַוועק, ווי דער איינזאַמער לייזער וואָלף, אין אַן אויסגעטראַכטער פּאַפּירענער וועלט פֿון ביכער. סוצקעווער גייט צו דער נאַטור, כּדי צו קומען נעענטער צום מקור פֿון דער וועלט, צום אורקוואַל פֿון באַשאַף, ווען פֿאַרב און קלאַנג און מחשבֿה זענען נאָך געווען איין זאַך, איידער זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט און זענען געוואָרן באַזונדערע דער־שײַנונגען. דעריבער טרעפֿט מען אין סוצקעווערס פֿאַרמלחמהדיקע לידער אויס־דרוקן און בילדער וועגן די מחשבֿות פֿון דער נאַטור, ווי זונאויפֿגאַנג און שקיעה און אַלע צײַטן פֿון יאָר, אין איינעם מיט זייערע קאָלירן, וואָלטן געווען אַנט־פּלעקונגען פֿון די געדאַנקען וואָס די נאַטור דענקט.

אין פֿעלד פֿילט זיך סוצקעווער צוזאַמענגעוועבט מיטן גאַנצן באַשאַף. ער הערט זיך צו מיט אַ פֿאַרשפּיצטן אויער און אָנגעשפּאַנטן געהער צו אַלע ווײַטקייטן. ער וויל די האָריזאָנטן פֿאַנגען און בינדן אין זײַנע פֿערזן. עס זעט מיר אויס ווי סוצקעווער וואָלט אין זײַנע ערשטע ביכער זיך פֿאַרמאָסטן צו אַ ב ס ט ר אַ ה י ר ן אַלע לעבנס־דערפֿאַרונגען, כּדי ער זאָל קענען אַריבערשפּרינגען די שווער־לײַביקעווירקלעכקייט, וואָס האָט זײַנע חבֿרים פֿון "יונג־ווילנע" געמאַכט אַזוי כמאַרנע־ערנסט. ער האָט געזוכט ווערטער פֿאַר די באַגריפֿן פֿון זאַכן און ניט פֿאַר זייערע קאָנקרעטע דערשײַנונגען.

אויסער אין וואַלד און אין פֿעלד איז סוצקעווער געלאָפֿן — אין יִיוואָ, דאָרט האָט זיך געפֿונען זײַן בת־מלכּה — ייִדיש. ער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דער שלײַפֿונג פֿון אונדזער לשון, מיט אַלט־ייִדיש און נײַע וואָרט־קאָמבינאַציעס. אין סוצקעווערס לידער האָט איטלעך וואָרט אַן אייגן פּנים. ער וויל ניט אָננעמען דאָס שוין־פֿאַרטיקע צווייטע וואָרט, וואָס קומט ווי פֿון זיך אַליין גלײַך נאָכן ערשטן וואָרט; ער פּרובירט אויס די ווערטער, ציט זיי אַרויף איינציקווײַז אויף די שורות פֿון זײַנע לידער. זײַן דיכטערישער ציל איז: די זינגעוודיקייט פֿון די שורות, דאָס ליד פֿאַר זיך אַליין און צוליב זיך אַליין. פֿאַר דער מלחמה האָט

זיך סוצקעווער געשטעלט פּאָעטישע אויפֿגאַבעס ווי מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, און ער איז געווען אַנטציקט ווען ער האָט די דיכטערישע אויפֿגאַבן פֿאַרענטפֿערט.

און דווקא אים, דעם האָפֿערדיקסטן, האָט דער גורל געשטעלט פֿאַרן נסיון צו לעבן אין ווילנער געטאָ. די השגחה עליונה האָט ווי פֿאַרטראַכט, אַז סוצקעווער זאָל בלײַבן לעבן אין גיהנום, נאָר לאָמיר זען צי ער וועט ניט צעבראָכן ווערן. וועט ער האָבן געגנוג מיטלייד מיטן לײַדנדיקן מענטשן? וועט ער באַנעמען די גרויס פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, די היסטאָרישע צײַט און דעם יידישן גורל? וועט ער נאָך קענען זינגען? וועט ער זײַן בכּוח אײַנצוהאַלטן זײַן שעפֿערישע רו און גלײַכגעוויכט? דווקא ער, דער פֿאַרליבטער אין וואָרט און קלאַנג, וואָס האָט שטענדיק געזען אין דער נאַטור יום־טובֿ און האַרמאָניע — זאָל ער שטיין פּנים־אל־פּנים מיט דער בלוטיקער צײַט, זאָל ער צוזען ווי אַלץ אין וואָס ער האָט געגלייבט און איז געווען פֿאַרליבט, ווערט צעטראָטן פֿון די דײַטשישע געפֿאַד־קעווטע שטיוול, און לאָמיר זען צי ער וועט אויך גײַסטיק ניצול ווערן. סוצקעווער האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און איז דיכטעריש אַרויס גאַנץ. ס'איז מיט אים געשען אַ דאָפּלטער נס: ע ר האָט זיך געראַטעוועט און אויך זײַן דיכטערישער קוואַל איז ניט פֿאַרשאָטן געוואָרן אונטער די חורבֿות.

אין זײַנע פֿאַרמלחמהדיקע לידער האָט סוצקעווער אויסגעמיטן יעדע קאָנקרעטע סיטואַציע, וואָס קומט פֿאָר אין אַ באַשטימטער צײַט און אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. ער האָט ניט געשילדערט וואָס עס געשעט, נאָר אויסגעזונגען וואָס ער פֿילט. אָבער אין אַ טייל פֿון די לידער, געשריבן אין ווילנער געטאָ, איז ער דורכויס שילדערער. ער באַהאַנדלט גרויליקע סיטואַציעס ווי אַ טעמע, בעת ער אַליין בלײַבט רויִק, מיט אַ קינסטלערישער און אַפֿילו גרויזאַמער רויִקייט — אין דרויסן פֿון דער טעמע. סוצקעווערס קינסטלערישער חוש האָט אים אין באַ־שטימטע פֿאַלן אונטערגעזאָגט, אַז אין די חורבן־סצענעס האָבן מיר שוין אַריבער־געשפּאַנט די מעגלעכקייט, מיר זאָלן זײַן בכּוח אויסצודריקן אונדזערע איבער־לעבונגען. וואָס דער דיכטער זאָל ניט זאָגן, קען עס ניט ווירקן אַזוי שטאַרק ווי דאָס באַשרײַבן די עצם פֿאַקטן, די נאַקעטע פֿאַקטן. דער אונטערשייד פֿון דעם כראָניקער, דער זאַמלער פֿון פֿאַקטן, און דעם קינסטלער באַשטייט אין אַזאַ פֿאַל דער עיקר אין דעם, וואָס דער כראָניקער זאַמלט צונויף און גיט איבער אַלע פֿאַקטן, בעת דער קינסטלער קלײַבט אָפּ, ער שילדערט פֿאַר אונדז בלויז איינצלנע מאָמענטן פֿון דעם גאַנצן סכום פֿאַקטן, און אָט די איינצלנע מאָמענטן גיבן אונדז אַזאַ שנײַדיק־קלאָרע פֿאַרשטעלונג פֿון די געשעענישן, אַז זיי פֿאַר־וואַנדלען זיך אין סימבאָלן. די אָפּגעקליבענע פֿאַקטןריידן פֿאַר זיך אַליין מער און ווירקן אויף אונדז שטאַרקער ווי בעת דער קינסטלער וואָלט געפּרוווט עפּעס צוגעבן. אַזאַ ליד איז בײַ סוצקעווערן "די לערערין מירע", וווּ דער דיכטער באַשרײַבט ווי דער דײַטש נעמט יעדן טאָג אַוועק אַ טייל פֿון די שולקינדער, נאָר די פֿאָלקסלערערין לערנט ווײַטער מיט די איבערגעבליבענע קינדער. אין דעם דערמאָנטן ליד און אין אַנדערע לידער פֿון זעלבן כאַראַקטער דערשטוינט אונדז דער דיכטער מיט זײַן "אָביעקטיווער" שילדערונג. איך האָב בײַם לייענען די לידער געהאַט אַ געפֿיל ווי בעת מען פֿירט אײַן אין קערפּערטייל, מען זאָל ניט פֿילן דעם ווייטאָג פֿון דער אָפּעראַציע.

אין נאָך אַ גרעסערן טייל פֿון סוצקעווערס געטאָ־לידער נעמט ער יאָ אַנטייל אין די סיטואַציעס וועלכע ער שילדערט; ער נעמט אין זיי אָנטייל ניט בלויז מיט דער נשמה, נאָר אויך מיט די נערוון. אין אַ ליד "סטראַשון־גאַס צוועלף" באַשרײַבט ער באַהאַלטענע ייִדן אין אַ קעלער, בעת אויבן אין דרויסן קומט פֿאָר אַ געטאָ־אַקציע, דער דײַטש פֿירט אַרויס ייִדן צום טויט. סוצקעווער גיט איבער מיט אַ מעסערדיקע שאַרפֿקייט, דינקייט און פֿאַרשפּיצטקייט ווי אַזוי די באַהאַלטענע ייִדן לעבן איבער דעם פּחד פֿון טויטגעפֿאַר. ניט קיין טעאַטראַלישע סצענעס, ניט קיין רעזאָנירנדיקע סענטענצן, בלויז אַ ציטערניש פֿון נערוון, אַ פּאָעזיע פֿון נערוון. סוצקעווער נוצט אויס אַלע דיכטערישע מיטלען, און מיט זײַנע אויסגעשליפֿענע פּאָעטישע כּלי־זיין גיט ער אונדז איבער דאָס שטומע צאַפּלעניש פֿון אַ צונויפֿגעפּלאָנטערטער מענטשן־מאַסע ערבֿ טויט, ביז ער אַליין ווערט אויך אַ בינטל עלעקטריזירטע נערוון, אַ דינער בויגעוודיקער טײַוול פֿון אָנגעגליטע דראָטן. ער באַווײַזט אונדז מענטשן אין אַ סיטואַציע פֿון הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג און אָט וואָס עס טוט דער "תּלין הונגער":

ער צווינגט פֿאַרזוכן פֿײַכטן זאַמד,
ער שיילט אַראָפּ פֿון מאַרך דעם דרימל,
פֿאַרבײַט אויף האָניק דעם געשטאַנק
און מאָלט אין אויג אַ ברויט מיט קימל.

— — — — — — — —

און שאָרך נאָך שאָרך מיט שאָטנטריט,
עס קריכן גופֿן, קריכן, זשיפּען,
און ציינער ציִען זיך פֿאָרויס,
און ליפּן שליסן זיך אין ליפּן.

די איבעראַפּֿינירטקייט פֿון קערפּערלעכע ליידן, אָט די נערוון־פֿאַרשפּיצונג און שרעקבילדער דערפֿירט סוצקעווער צו אַזאַ הויכפּונקט, ביז ער גופֿא נעמט הנאה האָבן פֿון זיך פּײַניקן. ער באַשטראָפֿט זיך אַליין דורך אַרויסרײַסן פֿון זײַן מאַרך די דערמאָנונגען און די גרוילבילדער און זיי איבערגעבן אין געשליפֿענע פֿערזן, אין אַן אָפּגעמאָסטענער צאָל טראַפֿן. ער שטרענגט זיך מוראדיק אָן אַרויסצוברענגען דאָס ניט־געוויינטלעכע, דאָס סאַמע אויסטערלישע סײַ אין סיפּור המעשׂה און סײַ אין די דיכטערישע אַסאָציאַציעס און פֿאַנטאַזיעס. אין ליד "גאָלדע" באַשרײַבט ער ווי אַזוי אַ קאָמענדאַנט פֿון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד קושט די אָפּגעריסענע האַנט פֿון אַ פּאַרטיזאַנקע, נאָכדעם ווי זי איז אומגעקומען אין איינעם מיטן דײַטשישן באַן וואָס זי האָט אויפֿגעריסן. די טעמע איז זיכער ניט קיין "פּאָעטישע", זי איז אַפֿילו אַן אומעסטעטישע, אַ צו־אַכזריותדיקע. מיר שליסן־צו די אויגן און ווילן זיך עס ניט פֿאָרשטעלן, מיר ווילן עס פֿאַרגעסן. אָבער סוצקעווער האָט זיך אַזוי אײַנגעלעבט אין פֿיבער און אין שווידער פֿון די אימהדיקע בילדער, אַז ער פֿילט זיך גוט ווען ער שווידערט און פֿיבערט.

אין ליד "צו דרײַסיק יאָר" דערציילט דער פּאָעט אַז זײַן טאַטע איז צו דרײַסיק יאָר געשטאָרבן אין סיביר בײַם שפּילן פֿידל. קינדווײַז האָט סוצקעווער אײַנגע־

זאַפּט אין זיך ליכט און שניי, ווײַסע פֿרעסט און די שטראַלן פֿון סיבירער זון ווען עס שמעלצט זיך דאָס אײַז. האָט זײַן טאַטנס פֿידל־שפּיל און אַ זוניקע פֿרייד אַרויסגעזונגען פֿון זײַנע לידער. ער איז פֿאַר דער מלחמה אַריבערגעשפּרונגען איבער דער ווילנער אַרעמקייט און זיך פֿאַרכליניעט מיט דער פֿרייד פֿון לעבן. אָבער דער דײַטש האָט אים אַרײַנגעטריבן אין אַ לעבן פֿון טויטגעפֿאַרן, וואָס שטײַגן איבער יעדע אַפּאָקאַליפּטישע פֿאַרשטעלונג. איז אויך נאָכדעם ווי סוצקעווער איז קערפּערלעך אַרויס פֿון די טויטגעפֿאַרן, האָט נאָך לאַנג געלעבט אין אים — און לעבט נאָך ביז איצט — די משוגעת פֿון שרעק, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרלאַנג, עס נאָך אַ מאָל איבערצולעבן אין דער דיכטונג.

אָבער דער דאָרשט און באַגער צום לעבן איז אין געטאָ און אין וואַלד געוואָרן אין אים נאָך שטאַרקער פֿון פֿריִער. דווקא אין די מינוטן ווען ער שטייט אין דער גרעסטער סכּנה, רײַסט ער זיך צום לעבן מיט זײַן גאַנצן באַוווסטזײַן און אַלע זײַנע ניט־באַוווסטזיניקע כּוחות. אין ליד ״עקזעקוציע״ דערציילט ער ווי ער גראָבט אַ גרוב און מיט זײַן רידל צעהאַקט ער אַ וואָרעם אויף עטלעכע טיילן. ער זעט ווי אַלע טיילן פֿון וואָרעם צאַפּלען זיך און ער רופֿט אויס:

קומט ווידער די זון אין מײַן טונקל געמיט,
און אַ גלויבן נעמט שטאַרקן מײַן אָרעם:

אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט,
ביסטו ווינציקער דען פֿון אַ וואָרעם?

סוצקעווער באַשרײַבט ווי ער באַהאַלט זיך אין אַ טויטן־קאַסטן: ״איך ליג אין אַן אָרון, ווי אין הילצערנע קליידער״, און ער לעבט דערבײַ איבער אַ משונהדיקע פֿרייד ווי ער וואָלט זיך געוויגט אין אַ שיפֿל אויף כוואַליעס. אין אַ צווייט ליד שילדערט ער ווי ער ליגט אין אַ פֿינצטערן קאַרצער און געפֿינט דאָרט אַ שפּליטער גלאָז. ער וויל זיך איבערשנײַדן דעם האַלדז, נאָר אין שפּליטער גלאָז שפּיגלט זיך אָפּ די לבֿנה, און אָט דער שטרײַף פֿון לבֿנה־ליכט אין פֿינצטערן קעלער וועקט אין אים דעם חשק צום לעבן, ער זאָל ניט באַגיין זעלבסטמאָרד, אפֿשר וועט ער זיך פֿאַרט ראַטעווען. סוצקעווער איז מתפּלל:

און גיב מיר ליבשאַפֿט צו מײַן מידער שינאה,
צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט.
אין לעצטן גורל ברענג מיך אין דער בחינה
צו פֿילן, אַז דאָס ערגסטע לעבן, אויב עס ב ע נ ק ט — איז גוט.

אָבער וואָס איז זײַן ציל אין לעבן? אַפֿילו ווען אַ מענטש לעבט בלויז פֿאַר דער הנאה פֿון לעבן, אַן אַ ציל, אָן אַ חשבון, איז אין מאָמענט פֿון טויטגעפֿאַר, ווען ער דאַרף זיך פֿאַר זײַן לעבן ראַנגלען — דערזעט דער מענטש פֿאַר זײַנע אויגן אַ ציל. ער זאָגט זיך אַליין אַז ער וויל בלײַבן לעבן צוליב עפּעס. אַלץ צו וואָס אַ מענטש גאַרט און וויל עס דערגרייכן, נאָר מחמת אַ סך סיבות שטופּט ער עס אָפּ אויף

שפּעטער און לעבט דערווײַל אַזוי זיך, סתּם, אָן זײַן דערגרייכטן ציל, אַפֿילו אָן דער האָפֿענונג ווען ניט איז צו דערגרייכן זײַן ציל — איז אין מאָמענט פֿון סכּנה דערמאָנט ער זיך צוליב וואָס ער לעבט, פֿאַר וועלכן חלום און תּכלית. אין די געפֿאַר־טעג פֿון סוצקעווערס לעבן זעען מיר אין זײַן שאַפֿונג, אַז ער וויל זיך ראַטעווען, כּדי ער זאָל קענען ווײַטער שאַפֿן. ער וויל לעבן כּדי זיך צו באַגײַסטערן מיט דער שיינקייט פֿון דער וועלט און שרײַבן לידער. זײַן גאָט איז דער גאָט פֿון שיינקייט. דער צענטער פֿון זײַן מאַרך און געמיט איז — התפּעלות פֿאַר שיינקייט. דער גרונט־שטריך פֿון זײַן שאַפֿן איז אַן עסטעטישער דראַנג, אַ קינסטלערישער הונגער. עס ברענט אין אים אַ דאָרשט צו געניסן די שיינקייט פֿון לעבן, כּדי עס שפּעטער צו פֿאַרוואַנדלען אין דער שיינקייט פֿון קונסט, אין פּאָעזיע. אויך אין מינוטן פֿון דער גרעסטער סכּנה לאָזט אים ניט אָפּ זײַן קינסטלערישער נײַגער. די שרעק האָט ניט פֿאַרפֿינצטערט זײַנע אויגן, ער זאָל ניט זען וואָס אַרום אים קומט פֿאָר. אין בטחון זיך צו ראַטעווען פֿאַר זײַן שאַפֿונג, זעט ער זײַן תּיקון. די לידער, וואָס ער האָפֿט נאָך צו שרײַבן, זענען עס די גוטע מלאָכים וואָס דאַרפֿן אים אַרויספֿירן פֿון אַלע סכּנות. אין ליד „צו מײַן רעטעריך", וועגן דער קריסטין, וואָס האָט אים מציל געווען, דערציילט דער פּאָעט, אַז ווען זי קומט אין זײַן באַהעלטעניש און ברענגט אים ברויט, מילך און פֿרישע לופֿט מיט אירע האָר — ברענגט זי אים אויך: „אַ בלעטל פּאַפּיר ווי פֿון ווײַנשל דער בליט, / אַ בלעטל אויף וועלכן ס'זאָל וואַקסן מײַן ליד". און גראָד אין זײַנע אינטימסטע לידער, אין די לידער וועגן זײַן אומגעקומענער מאַמען, קומען אויפֿן בולטסטן אופֿן צום אויסדרוק סײַ זײַנע אָנגעגליטע נערוון, סײַ זײַן לוסט צום לעבן און סײַ זײַן לײַדנשאַפֿטלעכע ליבע פֿאַר שיינקייט, וואָס איז דער אָפּגאָט פֿון זײַן לעבן.

ער באַשרײַבט אין אַ ליד ווי ער דערקענט זײַן מאַמעס שיך אין אַ וואָגן מיט שיך וואָס מען ברענגט פֿון פּאָנאַר. ווען סוצקעווער שרײַבט וועגן זײַן מאַמע, האָט ער מער ניט דעם כּוח און דעם ווילן צו שטיין אין דרויסן פֿון ליד, בלויז צו באַשרײַבן, ווי אין ליד „די לערערין מירע"; ווען ער רעדט וועגן דער מאַמען רײַסט זיך סוצ־קעווער דאָס לײַב מיט אײַזערנע נעגל. ער זוכט אין שטיבל פֿון וואַנען מען האָט זײַן מאַמען אַוועקגענומען און געפֿינט איר העמד. „ס'איז מער ניט קיין העמד, ס'איז דײַן ליכטיקע הויט, / ס'איז דײַן קאַלטער דײַן איבערגעבליבענער טויט". אָבער אויך אין דעם מאָמענט איבערגעוועלטיקט אים אַ ווילן צום לעבן. די מאַמע זאָגט אים אָן אין איר ניט־געשריבענער צוואה, אַז ער זאָל ניט פֿאַרצווייפֿלען, ווײַל זי איז אין אים, „ווי אין יאָדער פֿון פֿלוים איז שוין דאָ דער גאַנצער בוים, אַפֿילו דער פֿויגל און זײַן נעסט". ווען ער איז אַרויף אין זײַן מאַמעס שטיבל און די טרעפּ פֿון שטיבל זענען פֿאַר אים געווען אַ קעסלגרוב, ווי ער באַשרײַבט, אין מינוטן פֿון דער העכסטער פֿאַרצווייפֿלונג און ווייטאָג ביז משוגעת, באַהערשט אים ווידער זײַן לײַדנשאַפֿט צו שיינקייט און אין זײַן מוח צינדט זיך אָן אַ בילד, ווו ער פֿאַרגלײַכט די דרײַ קוילן וואָס דער רוצח האָט אַרײַנגעשאָסן אין זײַן מאַמען — צו דרײַ בלוטיקע רויזן. עס קומט אים אויפֿן זינען אַ טויב, אַ טראָן און די זון. „עס קנאַלן די ביקסן. / זי פֿאַלט ווי אַ טויב אויפֿן טראָן פֿון דער זון".

סוצקעווער אַליין האָט צו זיך אַ טענה הלמאי זײַן גלוסטונג צו שיינקייט שטײַגט אין אים אַלץ אַריבער. אין איינע פֿון די גרויל־און גורל־מאָמענטן פֿון

זײַן לעבן, ווען ער איז געלעגן אין אַ באַהעלטעניש, אַנטציקט ער זיך מיטן ווינט וואָס שפּילט זיך מיט שניי־פּערל. און דאָס — שרײַבט ער — האָט אים פֿאַרשאַפֿט תּענוג. אָבער פֿאַרגעטערן שיינקייט האָט אים געגעבן כּוח און קאָנטראָל שטענדיק צו געדענקען וועגן דער קינסטלערישער פֿאָרעם. ער פֿאַרלאָזט זיך ניט בלויז אויף דער טראַגישקייט פֿון דער טעמע, אַז דער אינהאַלט וועט שוין זײַן ליד גרויס מאַכן. אין אַ צײַט ווען דאָס לעבן איז געווען הפֿקר, איז דאָס וואָרט בײַ אים ניט געוואָרן הפֿקר. סוצקעווער זוכט ניט וואָס מער ווערטער, נאָר וואָס וויניקער. ער פּרוּווט אַזוי לאַנג אויס די פֿאַרגלײַכן, די מעטאַפֿאָרן, ביז ער דערשלאָגט זיך צו בילדער וואָס זענען נײַ און אָריגינעל. ער בלײַבט שטענדיק קינסטלער.

אַ גאָר הויכן שטאַפּל אין זײַן שטרעבונג צו שיינקייט האָט דער דיכטער דערגרייכט אין זײַן פּאָעמע "געהיימשטאָט", וווּ ער באַשרײַבט די ווילנער ייִדן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין קאַנאַליזאַציע־רערן. זײַן פּאָעמע "געהיימשטאָט" זעט מיר אויס ווי אַ גרויסער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ, וואָס סוצקעווער האָט אויפֿגעבויט מיטן כּישוף פֿון זײַן פּאָעטיש וואָרט, און דעם פּאַלאַץ אַרונטערגעלאָזט אין די אונטערערדישע וואַסער־רערן, וווּ די ייִדן האָבן געלעבט אין שטענדיקער פֿינצטערניש, אין ענגשאַפֿט און אין סאַמע גרעסטן שמוץ.

איך האָב מיך באַגרענעצט אויף סוצקעווערס ווילנער מאָטיוון פֿון פֿאַר דער מלחמה און בעת דער מלחמה, וואָס ער האָט געשריבן אין ווילנער געטאָ גופֿא אָדער וועגן דער געטאָ. אָבער אויך אין זײַנע שפּעטערדיקע שאַפֿונגען קומט ער כּסדר צוריק צו יענע גרויליאָרן פֿון וועלכע ער קען זיך ניט באַפֿרײַען און וויל זיך ניט באַפֿרײַען. סוצקעווער האָט נאָך פֿאַר זיך אַ לאַנגן שעפֿערישן וועג, אפֿשר אין אַ זיגזאַג, ווײַל זײַן קינסטלערישער נײַגער זוכט שיינקייט אומעטום. אָבער ווי מיר דאַכט זיך קען מען שוין זען, אַז דער הויפּטוועג פֿון זײַן שאַפֿן פֿירט צו יענעם באַרג, וווּ די חרובֿע ירושלים־־דליטא באַגעגנט זיך און קריגט איר תּיקון דורך דער אייביקער ירושלים.

אלחנן וואָגלער

# מײַן חבֿר אַבֿרהם סוצקעווער

## א

מיט אַבֿרהם סוצקעווער פֿאַרבינדן מיך פֿעדעם פֿון יאָרן פֿרײַנדשאַפֿט, פֿון געמיינ־זאַמע לײדן און פֿרײדן, זײַן ניגון ציטערט אין מיר ווי מײַן אייגן ליד, וואָס איז נאָך פֿײַכט און ניט אָפּגעטריקנט פֿון טינט אין דער נאַכט אויפֿן פּאַפּיר.

איך שטאַר באַגינען צופֿוסנס פֿון מאָנמאַרט אַ פֿאַרוויקלטער אין שאָטנס און וואָרעם זיך אין זײַן ליבשאַפֿט, ווי אין דער זון וואָס גייט אויף אין מדינת ישׂראל.

מיר האָבן געהאַט איין חלום צו וועבן די שיינקייט פֿון דער ווילנער לאַנדשאַפֿט און עס אויסגעלייגט אויפֿן פּאַפּיר. דער חלום איז געווען אונדזער ווירקלעכקייט, נאָר יענע ווירקלעכקייט איז שוין הײַנט אַ חלום.

געציילטע זענען מיר פֿאַרבליבן פֿון דער גרופּע "יונג־ווילנע", צעזייטע און צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט. מיר וואַנדערן אויף די שטיינערנע וועגן פֿון אייראָפּע און מעבֿר לים. און אומעטום, אין וועלכן לאַנד, אין וועלכער שטאָט מיר קומען, האָבן מיר דאָס געפֿיל, אַז די היים האָבן מיר געלאָזט הינטער זיך.

הינטער אונדזערע אַקסלען, ווײַט, איבער הונדערטער מײַלן, וועלדער און פּליינען, לויכטן די וויגן פֿון אונדזער אָרעמער היים. אויף גרויס־שניפּעשאָק, סטעפֿן־גאַס און יאַטקעווער געסל, זענען פֿאַרבליבן די טריבע הונגער־יאָרן פֿון אונדזער קינדהייט. בלויז די בענקשאַפֿט פֿירט אונדז צו דער אַלטער היים.

לאַנג איז דער מהלך פֿון דאַנען ביז ווילנע, מיט קיין אויג ניט צו דערלאַנגען. ווי מען קען ניט דערלאַנגען צוריק די קינדהייט. מען קען עס ניט מעסטן מיט קיין וויאָרסטן און מײַלן און מיט קיין צײַט.

ווי דורך אַ נעפּל טויכט אַרויס דאָס געבוירן־אָרט, דער ווילנער שולהויף און גיטקע־טויבעס־זאַווולעק, ווו די שטיינער אין גאַס האָבן גערעדט ייִדיש און די כוואַליעס אין טײַך האָבן געזונגען אונדזער ייִדיש ליד.

ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזסטו אין זײַן לאַנד אַרײַן גיין. באַטרעטן די ערד ווו זײַן וויגל איז געשטאַנען און דערקענען די אַטמאָספֿער, וועלכע פֿורעמט אויס דעם פּאָעטס נשמה.

איך בין געווען אין דעם פּאָעטס קעניגרײַך און קען די לאַנדשאַפֿט ווי די פֿינגער פֿון מײַן האַנט.

כ׳האָב זיך צוגעהערט צו דער וויסטער געגנט. די טיפֿע וועלדער האָבן מיך געלערנט שווײַגן. און דאָס מינדסטע גרעזל אויף דער ליטווישער ערד איז דער איינציקער אַנלען און דער מקור פֿון וואַנען איך שעפּ מײַן יניקה.

## ב

אַבֿרהם סוצקעווער איז געבוירן אין סמאָרגאָן, וואָס אַרום ווילנע. אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה — פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן פֿון דער היים. ער האָט פֿאַרבראַכט זײַן קינדהייט אין סיביר און די רחבֿות פֿון דער טײַגע איז פֿאַרבליבן אין זײַן שאַפֿן. איר אָטעם האָט ער אַרײַנגעהויכט אין זײַנע לידער, וואָס האָבן

זיך צעבליט מיט רויזן אוןביימער פֿון בעז. און מיט אַן אײַזערנער עקשנות און פֿאַרקאַשערטע אַרבל האָט ער זיך געראַנגלט מיטן וואָרט פֿון גראַניט און עס אויסגעשיילט פֿון כאָאָס. די ביימער זענען געוואָרן באַשאָטן מיט צוויט און יעדער שורה האָט געבלאַנקט ווי דער שניי. פֿון זײַנע פֿערזן באַהויכטע מיט עטער האָט געשלאָגן דער אָטעם פֿון פֿרילינג.

איך געדענק אים ווען ער איז געווען אַ יינגל און געצייכנט זײַנע ערשטע טריט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָדלער, וואָס שוועבט אין די הייכן און לענט אַן די פֿליגל אויף דער ערד. און אַ פֿאַרשלאָסענער, ווי אין זײַן לירע וואָלט געדרימלט אַ קעניגרײַך.

צווישן די דלד אָמות פֿון מײַן אַלקער, אויפֿן אַלטן מאַנמאַרט, בלעטער איך זײַנע כתבֿים. מיש אויף די פֿאַרגאַנגענע יאָרן, די מגילה פֿון אונדזערע ליידן און פּײַן. כ׳לייען זיי אויסנווייניק ווי אַ תּפֿילה. אין זיי איז פֿאַראייביקט דער גײַסט פֿון אונדזער אַלטער היימשטאָט:

און אויבן צאַנקט די אַלטע שטאָט,
פֿאַרגייט אין איינעם מיטן זומער.
און ס׳ליגט דער נבֿיא אינעם אַש
מיט אויסגעברענטער צונג — אַ שטומער.

עס איז אַ באַזונדערע זכיה צו שרײַבן וועגן סוצקעווערן. זײַן ליד איז אַ מחיה צו ציטירן. זײַנע שורות זענען אַ מוסטער פֿון ריינקייט און האַרמאָניע, פֿון קלאַנג און פֿאַרעם, פֿון דעם וואָס מיר רופֿן אַן דיכטונג. צי דאָס איז אַ געזאַנג פֿון נגבֿ, אָדער אַן אָדע צום באַרג סיני. אין זײַן ליד פֿאַרגייט קיין מאָל ניט די זון. זײַן אַנגעשטרענגטער אויער איז וואַך פֿאַר ריטעם און פֿאַרנעמט ניט קיין איבעריקן זילב, און דאָס אויג — קיין שאָטן אויף דער ליכטיקער שײַן.

ער איז פֿון סאַמע אָנהייב געווען דער זוניקסטער פֿון אונדזער קאַפּעליע אין דער מרה־שחורהדיקער ירושלים־דליטא. ער טראָגט אויף די פֿליגל דעם צאַפּל פֿון דער ווילנער עדה, וועלכע לעבט ווײַטער אין זײַן ליד. און ער וועקט מיטן ניגון די טויטע פֿון די קבֿרים.

ג

אַבֿרהם סוצקעווער איז פֿאַרליבט אין שניי. אַפֿילו זײַנע לידער פֿון נגבֿ האָט ער אויסגעוועבט אויפֿן פֿאָן פֿון דער סיבירער לאַנדשאַפֿט. אין זיי זענען פֿאַרבליבן די שפּורן פֿון זײַן קינדערישן חלום אויפֿן ווײַסן שניי, און זיי ציטערן ווי אַן עכאָ אינעם דיכטערס געמיט.

דער דיכטער בענקט נאָך דער אָונטיקער כאַטע פֿון סיבירער טײַגע און בעט זיך בײַ די פֿייגל פֿון חרמון, זיי זאָלן אים אַראָפּברענגען אויף די פֿליגל אַ שניי. „אָנעם שניי וועט קאַלט זײַן אין דער פֿלאַמיקער מדינה״.

מאי קא משמע לן דער שניי, וואָס אויפֿן חרמון אויבן?
ער אַנטפּלעקט מיר אַ באַשנייטע, אָוונטיקע כאַטע,

ווען באַגאַרטלט מיט אַ זעג עס קומט אַרײַן מײַן טאַטע,
און די זון וואָס בלאַנדזשעט אינעם וועלדל אויף די שויבן,
פֿינקלט אין זײַן באָרד זײַן אַנגעאײַזיקטע, אין כאַטע.

ער דערמאָנט מיר אין די ייִדן, וואָס ווי שנייען קלאָרע
זענען זיי גֿעפֿאַלן שטומערהייט אַ גאַנצן ווינטער
און זיי ליגן הינטער מײַנע שוואַרצאַפּלען, — אַהינטער,
בענקען אַז אַ פֿרילינג זאָל זיי מאַכן אַ הזכּרה.
נאָר איז דען פֿאַראַן אַזאַ מין פֿרילינג אַ צעגרינטער?

לויבנדיק אַ דיכטער פֿאַרטיידיקט דער מחבר פֿון די שורות זײַן אייגענע מוזע. אים גייט לחלוטין ניט אינעם נאָמען. אים גייט בלויז אינעם ווערק. יעדע גוט ליד, וואָס ווערט געשריבן אין ייִדיש, געהערט אויך אים.

די מאָס פֿון אָפּשאַצן אַ צווייטן שרייבער דאַרף זײַן ליבע און אַחריות. מען טאָר ניט גרינגשעצן און פֿאַרמינערן זײַן ווערט. מיטן אָנערקענען די מעלות פֿון אַ חבֿרס שאַפֿן ווערט מען אויך אַליין דערהויבן.

דאָס האָט געדאַרפֿט זײַן די קרעדאָ פֿון אונדזער לעבן און איז חל אויף יעדן איינעם, וואָס וויטיקט איבער זײַן ליד און דערציילונג.

עס איז דאָ בײַ אַבֿרהם סוצקעווער אַ פּאָעמע "אָדע צו דער טויב". די טויב שוועבט נאָך אין זײַן ווערק פֿון יהודה הלוים צײַטן, דורך ווײַטע דורות איבער טיפֿן פֿון אָפּגרונט.

ס'איז די זעלבע טויב, וואָס קומט באַגינען צו מײַן פֿענצטער אויפֿן אַלטן מאַנמאַרט און טרינקט זיך אָן מיט מײַנע טרערן. זי וואָרקעט אַצינד אין די פֿאַר־נאַכטן בײַם מערבֿ־ראַנד, ווו איך לען אָן דעם מידן קאָפּ.

ד

דער וועג פֿון דיכטער איז ניט אויסגעשפּרייט מיט קיין רויזן. ער ציט זיך באַרג אַרויף אין אַ פֿינצטערער נאַכט, פֿון ווילנער געטאָ, ביז דעם טויער פֿון נירענבערגער פּראָצעס. מיר זעען אים אין זעמליאַנקע פֿון די נאַראָטשער וועלדער און אין קאַנאַלן פֿון "געהיימשטאָט" מיט אַ בלײַער און אַ שטיקל פּאַפּיר אין האַנט, ווי ער פֿאַרצייכנט זײַן וווּנדערלעכע שריפֿט.

ווי שטערן האָבן אויפֿגעגליט אין האַרץ די ווונדן איבער די אַנגעוואָרפֿענע שורות מיט קבֿרים. אין אַ הייסן געפּל האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים די ערד. און ער האָט דערזען פֿון טאָג די שײַן.

"וואָס איז אַ דיכטערס לעבן אָן לײַדן? און אַ ים אָן געוויטער און שטורעם?" האָט אַ גרויסער רוסישער ליריקער, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, בײַם גאָט פֿון רום אין איינזאַמקייט געפֿרעגט.

לאָמיר צוגעבן: וואָס איז דער צוועק פֿון אונדזער בלאָנדזשען אונטער די שטערן?

טײַכן טרערן זענען פֿאַר דער צײַט פֿאַרלאָפֿן און אומשולדיק מענטשלעך בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ערד. די בעסטע זין פֿונעם ייִדישן פֿאָלק געפֿינען

זיך ניט מער צווישן די לעבעדיקע. מלכים זענען געפֿאַלן און די אַלטע דעמבעס האָט דער שטורעם אויסגעריסן מיט די וואָרצלען.

אַבֿרהם סוצקעווער פֿאַרענטפֿערט די אייביקע פֿראַגע אין אַ ליד פֿון זײַן בוך "אָאַזיס":

לערן זיך בײַם ווײַנשטאָק: שאַפֿן, שאַפֿן,<br>
אײַנזאַפּן דעם גאַנצן ווײַן פֿון איטלעכער מינוט.<br>
שטענדיק פֿילן: זויבערע, מעלאָדישע געלאַפֿן,<br>
רעגנס מאַכן צײַטיק יונגע טראַפֿן,<br>
שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט<br>
און — שאַפֿן.

וואָרעם אינעם שאַפֿן ליגט דער זין פֿון אונדזער זײַן. דאָס איז דער שׂכר פֿון אונדזער געבוירן ווערן אויף דער ערד.

די ייִדישע מאַרטיראָלאָגיע און קינסטלערישע רײַפֿקייט זענען די געהיימע וועגן, וואָס האָבן דעם דיכטער געבראַכט אין מידבר סיני און ער איז אַרויס פֿון די ליידן אַ געלײַטערטער.

דאָס ליד, וואָס איך האָב אויבן ציטירט, איז אַ מאָטאָ צו אַבֿרהם סוצקעווערס ווערק.

איציק מאַנגער

# דער אַריאל פֿון אונדזער מאָדערנעם ייִדישן ליד

אַזוי גאָר, אַבֿרהם סוצקעווער, דער ייִנגסטער פֿון דער פּלעיאַדע טאַלענטירטע פּאָעטן אין געוועזענעם פּוילן ווערט אַ בן־חמישים. בײַ דער געלעגנהייט דאַרף מען אויסטרינקען דעם טראַדיציאָנעלן בעכער וויַין און טאַקע כאַפּן אַ בליק אין שפּיגל פֿון זכּרון:

אַ דין שלאַנק ייִנגל פֿלאַטערט איבער די געדרייטע, קרומע און ענגע ווילנער געסלעך. די פּאַטלע צעשויבערט, ווי עס פּאַסט פֿאַר יעדן יונגן פּאָעט. זײַנע טריט זענען גרינג. ער גייט ניט נאָר ער שוועבט. שוועבט אַריבער אַלע הויקערס פֿון דער שטאָט. אין זײַן דמיון ווערט אַלץ סימעטריש איבערגעסדרט. פֿון דאָס נײַ באַשאַפֿן. ניט אומזיסט הייסט ער זיך לערנען בײַם באַשאַפֿער פֿון אַלץ, ווי אַזוי צו באַשאַפֿן לידער.

אָט זע איך אים אין וואַרשע. טאַקע אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פֿאַראיין. ער קוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף די עלטערע פּאָעטן. אַראָגאַנט־זעלבסטבאַוווּסט. ער איז ניט "אַלטמאָדיש" נאָר "מאָדערן". ער ציט זײַן ייִחוס־בריוו פֿון יהואָשן און די איג־זיכיסטן פֿון אַמעריקע.

נאָר פֿאַר איינעם פֿון די אַלטמאָדישע פּאָעטן האָט ער דרך־ארץ. ניין, ער האָט אים ליב. משה קולבאַק.

פֿאַר משה קולבאַק איז פֿאַראַן אין ווילנע אַ פּיעטעט, אַ ליבשאַפֿט אָן אַ גרענעץ. אַ קולט. אַלע יונג־ווילנער פּאָעטן ריידן אַלאַ קולבאַק. דעקלאַמירן זייערע לידער מיט קולבאַקס טאָן און שטייגער.

אַפֿילו בײַ וועלפֿקע אוסיאַן אין דער קנײַפּע, רעדט מען וועגן משה קולבאַק. ער איז "אונדזער מייסקע" וואָס האָט נאָר וואָס געלייענט זײַנע לידער דורכן מינסקער ראַדיאָ.

משה קולבאַק איז דער פּאָעט פֿון דער ערד, דער רײַסישער לאַנדשאַפֿט, בילדעריש שוואַרץ, סוגעסטיוו. אַ מין פּאָעטישער קאַליבאַן וואָס ראַנגלט זיך מיט די שאַפֿערישע און די צעשטערערישע עלעמענטן אין דער נאַטור.

סוצקעווערס פֿליגל זענען גרינגערע. ער שוועבט עלעגאַנטער. אַ מין באַפֿליגלטער אַריאל. דער אַריאל פֿון אונדזער מאָדערנעם ייִדישן ליד.

פֿאַרגלײַכט זײַן פּאָעמע "סיביר" מיט לייוויקס סיבירער לידער. לייוויקס סיביר איז ווי דאָסטאָיעווסקיס. פֿול מיט פּײַן, קייטן און טרויער. סוצקעווער האָט פֿון סיבירער שניי און ווינט אויסגעמײַסטערט אַ געזאַנג, אַ הימען פֿון פֿרייד און שיינ־קייט. אַ שיר השירים פֿון פֿראָסט און פֿרייד. די שורות גליטשן זיך ווי די קינדער־יאָרן איבערן געפֿרוירענעם שניי.

פֿאַראַן הייזעריקע פּאָעטישע מגידים וואָס האָבן טענות, הלמאַי דער זינגענדיקער פּאָעט הערט ניט אויף צו זינגען. זיי מאַכן אַ קולט פֿון זייער הייזעריקייט און ווילן אַז אַלץ זאָל ווערן הייזעריק ווי זיי.

זיי שאַפֿן זיך טעאָריעס, אַז דער זאָגער איז בילכער ווי דער זינגער, דער קעלעמער מגיד ווערסוס אַפּאָלאָ.

דאָס אַפּאָלינישע אָבער איז אין יעדער אמתער פּאָעזיע בײַ אַלע פֿעלקער דאָס פּרימערע. די האַרף איז דער אייביקער סימבאַל פֿון אַלץ וואָס איז שיין און עכט בײַ אַלע פֿעלקער.

איך מיין ווען ס׳רעדט זיך וועגן לירישן ליד. אין עפּאָס, פֿאַרקערט, נעמט די אויבערהאַנט דאָס דערציילערישע, דאָס געשילדערטע און גערעדטע וואָרט.

סוצקעווער איז אַ ליריקער. צו אַלץ וואָס ער רירט זיך צו ווערט בײַ אים אַ ליד, ווי בײַם לעגענדאַרן קעניג מידאַס איז אַלץ געוואָרן גאָלד צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט.

אַפֿילו די לערערין מירע מיט אירע קינדער וואָס ווערן געפֿירט פֿון די דײַטשן צום טויט ווערט געזאַנג. דאָס מעלאָדישע אַבסאָרבירט דאָס דראַמאַטישע און סובלימירט עס.

אַפֿילו די קאַנאַלן ווו ייִדן באַהאַלטן זיך אויס פֿאַר די דײַטשן ווערט בײַ אים אַ שאָפּענישער טרויערמאַרש.

איז טאַקע אַ פֿרייד צו זען ווי סוצקעווער, אַ באַפֿרײַטער פֿון געטאָ־קאָשמאַרן, פֿלאַטערט ווי אַ גרויסער פֿאַרביקער שמעטערלינג איבער דער לאַנדשאַפֿט פֿון ישׂראל. פּיקט אויף אַ זערנע שיינקייט דאָ, אַ טראָפּן שיינקייט דאָרט, און פֿאַראייביקט עס אין זײַן ליד.

ער איז אייגן און נײַ אין זײַנע שפּראַך־ און גראַם־דערפֿינדערישקייטן. ער איבערראַשט מיט זײַנע תּמיד געוואַגטע ריטמען.

ס׳איז גוט צו שווימען אויף די כוואַליעס פֿון סוצקעווערס ריטמען ווײַט־ווײַט אַוועק אין אַלע אייביקייטן.

זײַן ליד איז דאָיִק און פֿון ניט־הי. אַפּאָליניש געלײַטערט און אייגן ווי היימישע מאָן־קיכלעך.

סוצקעווער אַ בן־חמישים? ווער? וואָס? ער איז דער ייִנגסטער זיסער זינגער אין ישׂראל.

אַהרן שטיינבערג

# אַ תיקון פֿון יידיש

עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ זעלטן בוך אינעם גאַרן אוצר פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור, בפֿרט פֿון אונדזער ליטעראַטור אין יידיש. ביכער פֿון אָט דעם מין נייטיקן זיך ניט אין "אָפּשאַצונגען". זיי זענען בטבֿע ניט פֿאַרן "מאַרק", אַפֿילו ניט פֿאַרן מאַרק פֿון ליטעראַרישער קריטיק. אָבער זיי רופֿן אַרויס ווי פֿון זיך אַליין דאָס בענקען נאָך אַ פּירוש, איז עס דעריבער געוויס ניט קיין צופֿאַל וואָס די פּאָעמע "סיביר" איז אַרויס צום עולם מלכתחילה ניט איינע אַליין, נאָר זאַלבענאַנד, מיט אַ פּירוש צווישן אירע בלעטער. אמת, ניט אין ווערטער, אָבער אין ניט ווייניקער קלאָר ריידנדיקע בילדער: אין צייכענונגען פֿון מאַרק שאַגאַלס רעכטער האַנט. אין די דאָזיקע אַכט שוואַרץ־ווײַסע־גראָ־בלאָלעכע צייכענונגען זײַנע דערציילט דער מפֿרש־ראשון נאָך אַ מאָל דעם דיכטערס סיפּור־המעשׂה און גיט דעם קוקער און לייענער צו פֿאַרשטיין, וואָס דער בעל־דבֿרים איז בערך אויסן. שוין אויפֿן שער־בלאַט האָט איר דאָס בילד פֿון אַ הויפּטהעלד אין דער קומענדיקער געשיכטע, וואָס ווײַזט אויס צו זײַן אַ קאַפּיטל פֿון דעם דיכטערס אויטאָביאָגראַפֿיע — ס'בילד פֿון זײַן רוח־השירה, פֿון זײַן פֿאַרלאַנג, וואָס האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אין זײַנע קינדערשע יאָרן אין איינעם אַ סיבירער פֿרילינג —

אַנצויאָגן אַלע ווילדע שטראָמען,<br>
געבן זיך אַ פֿויגלדיקן טראָג<br>
איבער מענטשן, וועלדער, פֿעלדזן, תּהומען —<br>
צו דעם נײַעם יום־טובֿדיקן טאָג!

איז וואָס קען זײַן נאַטירלעכער ווי אויסשטאַפּירן דעם פּאָעטישן פֿאַרלאַנג מיט פֿליגלען פֿון אַ פֿויגל, וואָס לעבט און לעבט אין דער פּאָעטישער אַגדה אין דער געשטאַלט פֿון דער רוסיש־סיבירער "זשאַר־פּטיצאַ" אָדער, להבדיל, פֿון אונדזער גאָלדענע פּאַווע? ס'איז דער זילבער־ווײַסער גילגול פֿון אָט דער גאָלד־פֿלאַמענדיקער פּאַווע (מיט אַ ביסל אויסגעצופּטע פֿעדערן), וואָס האָט, לויטן מאַלערס פּירוש, אַ הייב געטאָן דעם יונגינקן דיכטער ווי אַ שטערן אין אַ הימלישן גלגל אַרײַן און וואָס, אויף אים רײַטנדיק, האָט ער זיך פֿון שנייענלאַנד אַרויס אַ לאָז געטאָן אין די ווײַטע מרחקים פֿון דער פּאָעטישער פֿאַנטאַזיע (לעצטע צייכענונג). קורץ גערעדט, "סיביר" איז די געשיכטע פֿון אַ דיכטערס התגלות.

פֿון איינס ביז אַכט גייט דער מפֿרש־ראשון מיטן זעלביקן דרך. אַלע אַכט אַרבעטן זענען שאַגאַליש און יעדע איינע האָט איר אייגענע באַדײַטונג פֿאַר זיך. איז אָבער דער אויסטײַטש, וואָס דער מהות פֿון דער פּאָעמע באַקומט דורך די דאָזיקע צייכע־נונגען־אילוסטראַציעס, דער איינציק מעגלעכער? איז "סיביר" באמת בלויז אַ קאַפּיטל אין סוצקעווערס לעבנס־געשיכטע, וואָס די הויפּטהעלדן דערין זענען, אַחוץ דעם דיכטער גופֿא, זײַן רוח־השירה, זײַן פֿאָטער ע"ה (אין דער ערשטער העלפֿט) און די סיבירער לאַנדשאַפֿט? איז אַלץ דערין אַזוי שיין, שפּילעוודיק,

כּמעט בבֿא־מעשׂהלעדיק, און דאָס גאַנצע — אַן עליה לשם עליה אין די הימלען פֿון ריינער קונסט?

אויף אַ מעשׂה פֿרעגט מען ניט קיין קשיא און אויף אַ סעריע בילדער אַוודאי און געוויס ניט. שאַגאַלס צייכענונגען זענען אָבער אויך אילוסטראַציעס, און אילוסטראַציעס זענען אַ פּירוש, און דאָס איז מקדמונים די עצם כּוונה פֿון אַ פּירוש, אַז ער זאָל ציִען נאָך זיך אַ פּירוש צום פּירוש, פּונקט אַזוי ווי אַ מצווה ציט נאָך זיך אַ צווייטע מצווה און אַן עבֿרה — אַן אַנדער עבֿרה. לאָמיר, בכן, זען וואָס אַנדערע מפֿרשים האָבן צו זאָגן און וועלן נאָך האָבן צו זאָגן אַזוי לאַנג ווי ליטעראַטור וועט האָבן אַ קיום.

מאַרק שאַגאַלס אַן עלטערער בן־דור, מאַקס ליבערמאַן, וואָס איז געווען בשעתו אַ מײַסטער אין צייכענען, האָט געלערנט, אַז "צייכענען איז וועגלאָזן", ד"ה אָפּקלײַבן בלויז די עיקרדיקע שטריכן און דאָס איבעריקע אָפּוואַרפֿן, ניט דערצייכענען. אין דעם פּרט איז ניט בלויז יעדער צייכענער אַ מפֿרש, נײַערט אויך יעדער מפֿרש איז בבֿחינת צייכענער. האָט ער דעריבער, ראשית, אָפּצוקלײַבן און אונטערצו־שטרײַכן אין דעם, וואָס איז פֿאַר זײַנע אויגן, דער עיקר, דאָס עיקרדיקסטע, לויט ווי ער איז עס משׂיג, און דאָס איבעריקע — זאָלן אַנדערע "קריטיקער"־מפֿרשים טאָן דערמיט, וואָס זיי האַלטן פֿאַר וויכטיק.

וויפֿל מאָל איך האָב ניט איבערגעלייענט סוצקעווערס "סיביר", איז איטלעך מאָל בײַ מיר איבערגעבליבן דער רושם, אַז איך בין געווען אַרײַנגעטאָן אין אַ וווּנדערלעכער וואָר, אַנטפּלעקט אין אַ בוך וווּנדערלעכע לידער, אין אַ וווּנדער־לעכן ייִדיש, ואף־על־פּי־כן ניט אין אַ ייִדיש בוך. היתכן? — די תּשובֿה דערויף איז "סיביר". לאָמיר נעמען דאָס בוך און זען.

אין אַלע צוויי מאָל צוועלף לידער, וואָס דאָס בוך אַנטהאַלט; אין קיין איינציקער פֿון די יעדערמאָליקע צוועלף שורות, וואָס בויען אויף אַ ליד נאָך אַ ליד, איז ניטאָ קיין שום רמז דערויף, אַז "ס׳פּנים", וואָס "די טויבן וואַרקען אויס" דאָ "אין כּוטער" באַלאַנגט צו אַ זון פֿון איינעם פֿון אונדזערע צוועלף שבֿטים. זאָל "סיביר" איבערגעזאָגט ווערן וואָרט בײַ וואָרט אין לשון עם זר; זאָל דערבײַ ניט דערמאָנט ווערן ניט דעם פּאָעטס נאָמען און ניט אַז ס׳איז "פֿון ייִדיש", וועט די השערה פֿון דעם פֿרעמדן לייענער, אַז "סיביר" איז די אַנטפּלעקונג פֿון אַ ניט־ייִדישן מענטשן זײַן ניט ווייניקער באַרעכטיקט, ווי ס׳איז באַגלייביקט דער פֿאַקט, אַז זײַן כּשרער נאָמען איז אַבֿרהם סוצקעווער. דאָס "איך", וואָס אַנטפּלעקט זיך דאָ פֿאַר אונדז, זינט עס איז געווען אַ זיבן־יאָריק קינד און ביז צו דער חתימה פֿון דער פּאָעמע — שטייט, אַנדערש געזאָגט, אויף יענער זײַט און איבער דעם קעגנ־זאַץ פֿון איין מין און אַן אַנדערן באַזונדערן מין מענטש. ס׳איז דער מענטש סתּם, דער בן־אָדם בכּבֿודו ובעצמו, אין דעם צלם, וואָס אין אים איז באַשאַפֿן געוואָרן דער אַבֿ האָבֿות.

לעבט דעם מענטשנס קינד במילא אין אַ גן־עדן, ניט ווייניקער פּרעכטיק ווי דער וואָס ליגט "מקדם" אין בראשית. ס׳שאַדט ניט וואָס ער איז אַ וואַלד־עדן, מחמת ווער קען שווערן, אַז דער סיבירער אירטיש, וואָס "צאַפּלט אין האַלבער וואָר", איז ניט קיין המשך פֿון יענעם בראשיתדיקן "נהר" אָן אַ נאָמען, וואָס טיילט זיך ערשט שפּעטער פֿונאַנדער אין פֿאַרשיידענע שטראָמען מיט באַזונדערע נעמען?

און זענען דען חיות און מענטשן דאָ ניט ווי גלײַך מיט גלײַך ? אַקוראַט ווי אָדם־הראשון, גיט זײַן אָוראַייניקל אין סיביר יעדער לעבעדיקער בריאה איר ריכטיקן שם. וואָלף און טויב, קעמל און פּיקסל, שוין גאָר ניט צו ריידן וועגן ווילן קאַצאַפּישן לאַשיקל, ווי ער איז אָפּגעמאָלט אין שאַגאַלס שמייכלענדיקער צייכענונג נומער פֿינף — אַלע לעבן דאָ, נאָך לאַנג־לאַנג פֿאַרן מבול, אין ענגער שכנות, און זיסע שטילקייט באַהעפֿט זיי מיט אַנאַנד. ס׳איז די שלווה פֿון ״שין״, פֿון דעם שין לשם שמים, וואָס מיט אים מוז נעמען אַ סוף יעדער רעש, וואָס פֿון אים דאַרף אַרויסשפּראָצן לעתיד לבֿוא אַן אייביקער שבת. אין דער דאָזיקער מתיקותדיקער שטילקייט ווערט דעם משורר ייִדיש דעם מענטשנס שפּראַך און אַזוי אַרום אַנטשטייט אַ בוך, וואָס דאָס ייִדישע דערין איז בלויז ייִדיש.

ייִדיש ווערט גן־עדן־לשון. ניטאָ נאָך קיין צעשיידונג צווישן מענטש און מענטש און דעריבער אויך ניט צווישן שפּראַך און שפּראַך. פּונקט אַזוי ווי דער פּאָעט קען זיך צונויפֿריידן מיטן פּיקסל (״פּיקסל, האָב ניט מורא !״), פֿאַרשטייט אונדזער בן־יחידלס ברודער, דער קירגיזל טשאַנגורי, זײַן ״טויבן, הויקערדיקן קעמל״, און ס׳איז אַ פֿריילעכע פֿרײַנדשאַפֿט צווישן ייִד און קירגיז, צווישן דעם זיך אויספּיקנדיקן דיכטער ״מיט אַ טויב אין בוזעם ווײַס ווי שניי״ און זײַן חבֿרל — ״מיט אַפּלען אויסגעבאָרגט אין וואַלד״. ס׳איז נאָך לאַנג, גאָר לאַנג פֿאַרן בלבול־הלשונות. ווידער אַ מאָל, ווי עס שטייט אין ספֿר בראשית : ״די גאַנצע ערד האָט איין שפּראַך און איינִיקע ווערטער״.

*

ייִדיש דערהויבן צו דער מדרגה פֿון גן־עדן־שפּראַך ; דערפֿירט צום עצם שורש פֿון מענטשלעכן אויסדרוק אין וואָרט ; צונויפֿגעשמאָלצן אין אַ שפּיגלבילד פֿון דעם מענטשנס קיום אינעם שאָטן פֿון דעם עץ־החיים־און עץ־הדעת־וואַלד — דאָס איז דער תּיקון פֿון ייִדיש. אַ דאַנק דעם, אַ דאַנק אָט דעם תּיקון פֿון זײַן נשמה, ווערט ייִדיש אין ״סיביר״ — ווי אַ גן־עדן־שפּראַך מוז עס בטבֿע זײַן — ניט נאָר די שפּראַך פֿון אַלע מענטשן, ניט נאָר די שפּראַך צווישן מענטש און חיה, נײַערט אויך צווישן ערד און הימל, צווישן באַשעפֿעניש און באַשעפֿער. זי עפֿנט דעם אויסבליק אויפֿן אין־סוף, און זאָלן מיר דערבײַ ניט טאָן פֿאַרגעסן, אַז ״מלוא כל הארץ כבֿודו״ :

ביַים סיבירער גאָט די אויגן מאַנען,
ס׳זאָל ניט זײַן מײַן בענקעניש אומזיסט.
אַלע יאָרן ביז־מיר, יאָר־מיליאַנען,
צאַפּלען פֿון די שנייען : זײַ באַגריסט !

דאָס איז דער בת־קול פֿון דער יצירה בתשובֿה אויפֿן בענקען נאָך ממשותדיקער אין־סופֿיקייט אין צײַט. און אָט איז די ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש, אַז גאָטס וועלט איז אין־סופֿיק אויך אין רוים :

טאַטינקע ! עס ציט די וועלט זיך ווײַטער,
און קיין סוף — ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.

אין דער ערשטער העלפֿט בוך (גאַנץ געננוי — אין די ערשטע צוועלף פֿון די פֿיר און צוואַנציק לידער) שטייט נאָך צווישן דיכטער און וועלט, זיי פֿאַרבינדנדיק און פֿאַרט צעשיידנדיק, דער טאַטע. ס'איז ער, וואָס האָט צו דערלאַנגען די פֿרוכט פֿונעם עץ־הדעת. נאָך זײַן פּטירה ווערט דער זון אַליין אַ מין ייִנגערער ברודער פֿון דער מאַמע־נאַטור. "אירטיש" (דאָס דרײַצנטע ליד) ווערט תּיכּף אַ לעבעדי־קער נפֿש, און אויג און אויער פֿון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אויף זײַנע גן־עדנדיקע ברעגעס, הייבן אָן צו זען און צו הערן, ווי דער טײַך טוט תּפֿילה, ווי ער סודעט זיך מיט דער נאַכט און ווי עס טרייסט אים מיט אַ קוש אַ שטערנדל פֿון הימל. די עדה האָט זיך שטאַרק אויסגעשפּרייט. איר פֿאַרשטענד־לעך געוואָרענע שטים דערמונטערט דעם בן־עדן צו ווערן אַליין אַ באַשעפֿער. שאַפֿט ער אין זײַן אייגענעם צלם און לויט זײַן אייגענעם כּלומרשטן מהות — אַ "שניימענטש". ער פּרוּווט ווערן זײַן אייגענער באַשעפֿער, אַן אײַז־מירמלנער "מאָנומענט" פֿון זײַן גורלדיקן קיום. ס'איז בין־השמשות: "ויכולו השמים והארץ" — די ערד אונטער אים און דער הימל איבער און אַרום אים. סוצקעווערס מעשׂה־בראשית האָט זיך פֿאַרענדיקט. ער האָט מקיים געווען, וואָס ס'איז באַפֿוילן געוואָרן אָדמען אין גאָרטן עדן: "לעבֿדה ולשמרה" — אים צו באַאַרבעטן און אויפֿצוהיטן. און מען מעג עס זאָגן נאָך אַ מאָל: אַזוי לאַנג ווי וואָרט וועט האָבן אַ פּאָעטישע ווערדע, וועט דער סיבירער גן־עדן בלײַבן אַן אויפֿגעהיטער.

*

ווי אַזוי ווערט עס אָבער פֿון היימישן ווילנער מאַמע־לשון אַ גן־עדן־שפּראַך? אויך דערצו קען מען זיך אפֿשר דערגישטערן, אויב מען לייגט נאָר צו אַן אויער צו סוצקעווערס סיבירער ערד.

ס'איז פֿאַראַן אַ שיטה, הן אין דער שפּראַך־פֿילאָסאָפֿיע, הן אין דער פֿילאָסאָ־פֿישער עסטעטיק, וואָס לויט איר איז שפּראַכקונסט די נאַטירלעכע מוטער פֿון אַלע אַנדערע מינים קונסט; דהיינו: מוזיק, טאַנץ, מאָלערײַ, סקולפּטור, אַרכי־טעקטור און אַפֿילו פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע גופֿא, אויף אַזוי ווײַט ווי זי איז "באַ־גריפֿן־פּאָעזיע". דאָס הייסט ניט, אַז די שפּראַך, ווי זי ווערט טאָג־טעגלעך באַנוצט, איז בכּוח צו זײַן די מאַמע פֿון אַלץ וואָס פּרעכטיקט. בלויז די אידעאַלע שפּראַך, די שפּראַך פֿון עכטער פּאָעזיע, קען דערהייבן ווערן אין איר תּיקון צו אַזאַ מין הויכער מדרגה, אַז אירע קלאַנגען־צירופֿים זאָלן בפּועל־ממש אַרויסכּישופֿן פֿאַרן גײַסט כּל־המינים שיינקייטן אין זייער גאָרער האַרמאָנישער פֿאַרפֿלאָכטנקייט. אין סוצקעווערס "סיביר" ווערט ייִדיש אָט אַזאַ צויבער־אינסטרומענט: ער לאָזט מגולגל ווערן קלינגענדיקע קלאַנגען אין פֿיבערנדיקע פֿאַרבן און פֿאָרמען, פֿעסטע פֿאָרמען אין שנייִקער שמעלציקייט, און שטילן שניי אין אַ מענטשלעכער גע־שטאַלט — מיט באַוווסטזיניקייט, מיט באַשעפֿערישער זעלבסט־באַוווסטזיניקייט. דורך אָט דעם כּישוף פֿון קלאַנגען־ווערטער־שורות־און לידער־צירופֿים ווערט ייִדיש, אין דערהייבנסטן זינען, "מאַמע"־לשון; אַ שפּראַך, וואָס איז אַליין אַ מאַמע — בבֿחינת חוה אין גן־עדן — אַן "אם כל חי", די מוטער פֿון כּל הקונסטן.

*

״גימטריאות״ אין דעם ספר ״סיביר״, די שליטה, וואָס עס געווינט דערין די צאָל צוועלף, איז בדרך אַגבֿ שוין דערמאָנט געוואָרן. איצט קענען מיר פֿאַרשטיין אויך דעם טיפֿערן זינען אין דעם כּלומרשטן שפּיל מיט דער צאָל פֿון יידישע שבֿטים און הימלישע מזלות. ס׳איז אַן אַנזאָג, אַז די סיבירער וועלט, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן לויטן פּאָעטישן ״יהי!״, איז אַן עולם בפֿני עצמו, אַ בנין מיט אַן אייגענעם אַרכיטעקטור־סטיל; אַז יעדער ליד אין דער פּאָעמע, וואָס שטייט ווי אַ זײַל פֿאַר זיך, איז בשעת־מעשׂה אַן אַרכיטעקטאָניש גליד אײַנגעבויט אין אַ היכל; ועל כּולם — אַז דעריבער, ניט געקוקט דערויף וואָס די לידער שרײַבן זיך פֿון אויבן אַראָפּ, רײַסן זיי זיך, ווי זײַלן אין אַ טעמפּל־געבײַ, אין דער הייך אַרויף און שפּיצן זיך צום סאַמע סוף. ווי אַ זײַל, האָט יעדער ליד אַ קאָנטיקן פּאָסטאַמענט, אַן אויסגעצויגענעם און דעם בליק אַרויפֿציִענדיקן גוף אין דער מיט, און עס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ פּאָר שורות, אויסגעפּוצט, ווי די קרוין פֿון אַ קאָרינטער קאָלאָנע, מיט בלעטער און בלומען, מיט חכמה און וויץ:

אונטער אויסגעשוויגענע קופּאָלן
בליט אַ וועלט — אַ קינד פֿון זיבן יאָר.

דאָס איז דער שפּיץ פֿון ערשטן עמוד, און דער צווייטער שפּיצט זיך צו ניט ווייניקער יכין־בועזדיק, אַקוראַט ווי אונדזערע אייגענע פֿאַרצײַטיקע זײַלן אין ספר מלכים, מיט אָט דער דאָזיקער ״מלאכת העמודים״:

און מיט נײַ צעשניטענע געדאַנקען
טונק איך אינעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.

אַזוי, עמוד נאָך עמוד, בלאַט נאָך בלאַט, גייט עס ביז צום לעצטן, פֿיר און צוואַנציקסטן ליד. איז אונדזער פּאָעט ניט אײנצײַטיק אַ מערקווערדיקער בוימייסטער? איז זײַן פּאָעזיע ניט באמת די מאַמע פֿון אָט דער לעבעדיק־פּליסיקער אַרכיטעקטור? — ס׳איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אינעם יסוד פֿון דעם פּאָעמע־בנין איז פֿאַרמויערט אַ בויפּלאַן.

*

נאָך לײַכטער איז צו דערשפּירן, ווי אין דער פּאָעטישער גן־עדן־שפּראַך פֿון ״סיביר״ ווערן לעבעדיק מוזיק און מאָלערײַ.

זינט די צײַטן פֿון תּנ״ך ווייסן מיר , אַז ליד און געזאַנג זענען כּמעט היינו הך. מען ווייס אויך, אַז אין אַ טשערעדע כּלי־זמר־קלאַנגען זענען אַפֿילו די פּויזעס, די הפּסקות, מוזיקאַליש. דאָס אויסערגעווײנלעכע אין סוצקעווערס פּאָעטישער סאָנאַטע איז ווי אין אירע ריטמען און האַרמאָנישע קלאַנגען־צירופֿים ווערן לויטן פֿאַנעטישן ״יהי!״ אַלע ״דומיות״, אַלע שטומע הפּסקות צווישן וואָרט און וואָרט, אָפֿט צווישן זילב און זילב, פֿאַרזאַמלט אין אײן גרויסער, ברייטער שטילקייט און

ווי אָט די וועלט־שטילקייט, די וועלט־"אויסגעשוויגנקייט", ווערט אין "סיביר" דער אַלץ אַרומנעמענדיקער ים אַרום דער יבשה "ווערטער". אָבער געגנוי ווי איינדזלען אין ים, שווימען די ברעגעס פֿון די ווערטער אין שטילן שוים פֿון די וואַסערן און אײנס שפּיגלט זיך אין אַנדערן. פֿון די שוין ציטירטע שלוס־שורות אינעם ערשטן ליד, וואָס גיבן אָן דעם דומיה־טאָן, דורכן צווייטן ליד מיט די מיטל־שורות:

וויַיס ווי די לבֿנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פֿונעם שניי — אויף זייַנע הענט.

זינגען מיט זיך דורך צום דריטן "כוטער"־ליד, ווו קלאַנגען ווערן מאַגיש פֿאַר־וואַנדלט אין אַ דומם:

שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען — —

דורכן כוח פֿון מאַגישער מוזיק ווערן קלאַנגען מגולגל אין האַרטע זילבער־חפֿצימלעך — וחוזר חלילה, קוים וואָס דער דיכטער־דיריזשאָר דערלאַנגט אַ טייַטל אויף זיי מיט זייַן כּישוף־שטעקעלע:

יעדער שניי איז אַ פֿאַרפֿראָרן גלעקל,
גיב אַ ריר און ס'ענטפֿערט מיט אַ קלונג,
און דער קלונג — אויף טויזנט אַ צעבערעקל.

ווערט עס תהילימדיק נאַטירלעך, אַז "שטערן נעמען קריינען מיט געזאַנג" און אַז "לכּבֿוד שטערן ווילט זיך וויינען". סוף דבֿר, און בפֿרט דעם וואָרטס אין־סוף, איז אָבער פֿאַרט דער רעכטער "שין", דער שין־דימין פֿון שטיל: "בלויז די שטיל־קייט קלאָרט" און... "עס בלייַבן שטיין אין שניי די שניטן". אויב ס'וואָלט קיין מאָל ניט געווען אויף דער וועלט קיין לאַנד סיביר, וואָלט מען עס געדאַרפֿט באַ־שאַפֿן, כּדי ס'זאָל פֿון דאָרטן אַרויסשפּראָצן די מוזיקאַלישע שיינקייט פֿון אויס־געשוויגענער שטילקייט. "אַלף" און "שין", איז "אש", פֿייַער און פֿלאַם, אַש און שוועבל; נעמט איר עס פֿאַרקערט: שין" און "אַלף" — טאַקע מיטן פּתח אַלף אַ — איז עס אין דער מוזיק פֿון יידיש "שאַ־שטיל", און פֿון דער סיבירער דומיה ווערט אָן ווערטער, שווייַגנדיקערהייט, אויסגעשוויגן און דורכגעשוויגן — "לך דומיה — תהלה!"

*

"סיביר" דער פּאָעטישער היכל, "סיביר" די פּאָעטישע סאָנאַטע איז אָבער איינ־צייַטיק אויך אַ פּאָעטישע סימפֿאָניע אין פֿאַרבן, און פֿאַר אָן אוהבֿ־אור איז אפֿשר צווישן אירע כּמה מעלות דאָס די ליכטיקסטע. איר ערשטע שורה און די צווייטע, וואָס באַגלייט די ערשטע ווי איר אייגענער שאָטן, לאָזן תּיכּף פֿאַרנעמען דעם

פֿאַרביקן גרונטאַקאָרד אין איינעם מיט זײַן האַרמאָנישן אַקאָמפּאַנימענט אינעם סוביעקטיוו־לירישן שליסל:

זונפֿאַרגאַנג אויף אײַזיק בלאָע וועגן.
זיסע דרעמלפֿאַרבן אין געמיט.

דער גרונטאַקאָרד איז אַ קלאַנג אַ משולש מיט אַ ווײַס־בלאָען יסוד, „באַשאָטן" מיט איינשטימיקן „שניי פֿון זונפֿאַרגאַנג". ווײַס און בלאָ, שניי און לבֿנה, „קוועק־זילבערנע קוויטן אָן אַ שיעור" און „בלײַער שמייכל" פֿונעם צפֿון־שטערן אינעם שלוסליד ליכטיקן און לײַכטן אַדורך דורך דער גאַנצער פּאָעמע, דאָ און דאָרטן „באַגילדט פֿון שײַטערן" מיט „רויזן אינעם שניי", מיט זונען־פֿלאַקער אין די „בלאַנקע, בלענדיקע (ווײַס־בלאַלעכע) מעטאַלן". דעם צו דאַנקען, איז ניט בלויז וואָס מיר זעען זיי, מיר הערן זיי ממש מיטן אויג, די דאָזיקע „שניי־לעגענדעס פֿול מיט פֿאַרבן" און זייערע פֿאַרבן מישן זיך, גיסן זיך צונויף אין עכטער דבֿקות, פֿון פֿלאַם און שניי ווערט „פֿלאַמענשניי", „ס'נעמען פּאַטשן פֿילקאָלירטע פֿליגל", „ס'קוואַלט און ריזלט ווי צעלאָזטער שפּיגל", און דאָס גאַנצע פֿליסט לויט זײַן אייגענעם ריטעם ווי אַ רחבֿותדיקער מעלאָדישער שטראָם צווישן אַנאַנד פֿאַר־בונדענע פֿאַרבן־טענער, אַוועקגעמאָלט מיט דעם „דימענט־פּענדזל" פֿון אַ מײַסטער, וואָס האָט איבערגענומען דעם יצירה־כּוח פֿון „דעם קינסטלער פֿראָסט". ס'איז באמת כּדאַי עס אויסצודריקן מיט די ווערטער פֿון דעם דיכטערס אייגענער ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש, „ליכט און וווּנדער" — ליכט־ און־פֿאַרבן־וווּנדער, וואָס קען געמאָלט זײַן בלויז ווען דעם מענטשנס לשון — אין אונדזער פֿאַל יידיש — קומט צו זײַן תּיקון.

*

לויט ניטשעס באַוווּסטן וואָרט, איז די תּולדה פֿון מוזיק — „טראַגעדיע", די גריכישע טראַגעדיע און טראַגעדיע בכלל. אין „סיביר", ווו מוזיק איז תּרתּי משמע — הן טענער, הן פֿאַרבן־מוזיק — איז דער פּועל־יוצא טאָפּלט טראַגיש: זי מאַכט געבוירן ווערן די טראַגישע זעלבסטבאַוווּסטזיניקייט פֿון איר יוצר, וואָס ווערט בשעת־מעשׂה אויך נאָך דער סקולפּטאָר פֿון אַ טראַגישער פֿיגור. דער סוף פֿון זײַן מעשׂה־בראשית אינעם סיבירער פּאָעטישן חלל איז, ווי מיר געדענקען, דער „שניימענטש" און בדמות פֿון אַ „שניימענטש אין אַ קלייד פֿון הויט" פֿאַרלאָזט דער פּאָעט, דער בוימײַסטער, דער קאָמפּאָזיטאָר, מאָלער און סקולפּטאָר זײַן קינדערשן גן־עדן. ווערט דאָס גאַנצע ווערק די פּאָעמע פֿון אַ „פֿאַרלאָרענעם גן־עדן" און מיר זעען באַשײַמפּערלעך, אַז מאַרק שאַגאַלס שלוס־בילד איז מסתּמא אַ בכּיוונדיקער קינסטלערישער דיסאָנאַנס צו אַבֿרהם סוצקעווערס אויסדערציילטן סיפּור־המעשׂה. קירגיזיע איז ניט יידיש־רײַסן און מערבֿ־דווינע, ניט דער אירטיש, וואָס דער קץ פֿון זײַן פֿליסן איז דער אײַז־אָקעאַן אין צפֿון. אויך שאַגאַלס און סוצקעווערס פּלאַסטישע זעלבסטבאַוווּסטזיניקייט איז לא הרי זה כּהרי זה. יעדער איינער פֿון אָט די צוויי גאָט געבענטשטע קינסטלערס: דער מפֿרש, וואָס רעדט צו אונדז אין בילדער, און דער דיכטער, וואָס דריקט זיך אויס אין די שפּראַכן

פֿון כּל הקונסטן — איז באַגנאַדט מיט זײַן אינדיװידועלן װיץ, מיט זײַן אינ־דיװידועלער פֿילאָסאָפֿישער חכמה.

חכמה! װען מען נעמט צונויף אירע גרין־בליצנדיקע שטערנדלעך, װאָס פֿינקלען איבער יעטװעדן זײַל פֿון סוצקעװערס פּאָעמע, אין זײַן גאַרער „מלאכת העמודים", האָט מען פֿאַר זיך ניט סתּם אַ װעלטבילד, נאָר איבער דעם אַריבער — אַ װעלט־אַנשױונג. אויך דערין בלײַבט אונדזער מײַסטער אַ תּלמיד װתיק פֿון זײַן ערשטן רבין, דעם „דיעדושקאַ מאָראָז", דעם „קינסטלער פֿראָסט". זינט ער האָט געטונקט „דעם טאַטנס שװאַרצע ברװיט" אינעם סיבירער זילבערנעם זאַלץ און ביזן סאַמע סוף פֿון סיום „סיביר", װאָס איז געפּראַװעט געװאָרן „אין װילנע אין יאָר תּרצ״ו", זענען זײַנע געדאַנקען געבליבן „צעשניטן" און ער האָט ניט אױפֿגעהערט צו װאַנדלען אין די שטראַלן פֿונעם פּאָלאַר־שטערן. פֿאַרן מפֿרש װערט אַזױ אַרום אַנטפּלעקט און פֿאַרדעקט אַ טיפֿער סוד. איז עס באַרעכטיקט זיך װײַטער צו פֿאַרטיפֿן דערין אינעם גדר פֿון „סיביר"?

דאָס בוך, װעגן װעלכן עס רעדט זיך דאָ, איז אַ גרױסאַרטיק געבײַ „פּאָזע װעג", בײַ אַ לאַנגן װעג פֿון שאַפֿן און לײַדן, װאָס האָט דעם דיכטער און, אַגבֿ־אורחא, אונדז געבראַכט אַ שלל נײַע אַנטפּלעקונגען און פֿאַרדעקונגען. ס׳װאָלט געװען פֿאַלש צו פּרוּװן געבן אַ פּירוש אויף זײַן דרך אין לעבנס־חכמה בלױז אויפֿן סמך פֿון דעם אײנציקן „אײַזיק בלאָען" אָפּשניט זײַנעם. דאָס איז אַ גרױסע סוגיא פֿאַר זיך. אײן זאַך מוז אָבער קלאָר זײַן לכל הדעות, אַז די „ראשית חכמה" פֿון האיש אַבֿרהם, אַז די װאָרצלען פֿון זײַן װאָרט װעט מען שטענדיק האָבן צו זוכן אינעם „רוח" פֿון זײַן תּיקון־ייִדיש, װאָס איז געװאָרן געשריבן „מיטן װינט װי מיט אַ פּען אויפֿן שנײ דעם דימענטענעם, בלאָען".

װי שטײט עס אין ספֿר קהלת? — סובב, סובב הולך הרוח ועל סביבותיו שב הרוח״: רונד אַרום, רונד אַרום גײט ער, און צו זײַנע געדרײען קערט זיך אום דער װינט.

שלמה ביקל

# אַן אַנדער מין כּוח

אַזוי האָט אַן אַנדער מין כּוח אומעטיק,
מיט עקל־געשטאַנק זיך געראַנגלט, געוואָרגן,
צום סוף מיט געוואַלד אים פֿאַרביטן אויף שטענדיק
אויף ריח פֿון היישניט אין פֿרישן פֿרימאָרגן.

דער אַנדער מין כּוח, וואָס וועגן אים דערציילט אַבֿרהם סוצקעווער אין זײַן העראָישן מאַרטירער־עפּאָס "געהיימשטאָט", באַשטייט אין דעם וואָס דער דיכטער סוצקעווער האָט די קראַפֿט צו פֿאַרוואַנדלען נאַטוראַליסטיש־גראָבע ווירקלעכקייט אין סובלימער עסטעטישער מיסטעריע.

ווען משה לייב האַלפּערן, וואָס געהערט אין איינעם מיט אַבֿרהם סוצקעווערן צו דעם ווייניקער ווי אַ מנין גרויסע דיכטערס, וואָס מאַמע־ייִדיש האָט אַרויסגעבראַכט אין אַלע דורות פֿון איר שעפֿערישקייט, נעמט אָפּווישן די ווירקלעכקייט מיט זײַן פֿאַנטאַזיע, איז ער זיך באַוווּסט אַז ער טוט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַפּריזנע־פּאָעטיש שטיקל אַרבעט בלויז פֿאַר זיך אַליין. ער ווייס, אַז ער האָט די רעאַליטעט מיט זײַן טרוים ניט געביטן און אַוודאי ניט באַזיגט. פֿאַרקערט: עס איז דעם דיכטער משה לייב קלאָר, אַז דער זיגער וועט זײַן ניט זײַן דמיון, נאָר די ווירקלעכקייט און ער שרײַבט שוין פֿון לכתּחילה אַן עלעגיע אויף דעם "שלימזלדיקן פּאָרל": דער דיכטער און זײַן טרוים —

דאָס איז דער תּכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַ מאָל דערפֿרירן
בעת ער וועט פֿון פֿרילינגצוויט
און בלומען פֿאַנטאַזירן;

דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער האָט גאָר אַן אַנדערן מין כּוח. זײַן בענקשאַפֿט און זײַן טרוים זענען ניט פֿאַרצווייפֿלט און אַפֿילו ניט סקעפּטיש און — ממילא ווײַט פֿון עלעגיע.

און האָב איך געבענקט נאָכן סיריוס און וועגאַ —
איז האָט זיי מײַן בענקשאַפֿט געבראַכט, אין אַ רגע.

די בענקשאַפֿט איז אין דער פּאָעמע וועגן די ווילנער קאַנאַלן, וווּ עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער דיכטער אין דער מיט פֿון זײַן "פֿאָלק זאַלבע צענט", געוואָרן ווירקלעכקייט־שעפֿעריש. עס איז אַ פּאָעטישע ווירקלעכקייט באַלויכטן מיט דער העלקייט פֿונעם ווײַסן שטערן סיריוס און מיט דעם ליכט פֿון דעם גרויסן שטערן וועגאַ, וואָס איז באַשטענדיקער און זיכערער ווי די רעאַליטעט פֿון דער קאַנאַלן־פֿינצטערניש, וואָס הויערט הינטער דער ליכטיקייט פֿון סוצקעווערס העראָישן עפּאָס.

פֿאַליע, דער קאָמאַנדיר פֿונעם „פֿאָלק זאָלבע צענט" האָט געשווירן, אַז ער וועט די „געהיימשטאָט" באַזאָרגן מיט עלעקטרע און —

א דראָט פּרווּוט ער ציִען אַהער צו פֿון קאַבל
און ליכטיק זאָל זײַן אונטער נעסט פֿון מחבל!

איז פֿאַליעס אויפֿטו אַוודאי צו באַוווּנדערן. עס איז אים געראָטן דורכצוריײַסן מיט דעם ליכט פֿון עלעקטרע דעם חושך־מצרים און צו שאַפֿן אַ ביסל באַוועגונגס־מעגלעכקייט פֿאַר די ווינערס אין דער פֿינצטערניש פֿון די ווילנער קאַנאַלן.

אָבער ווער קען אויפֿהערן צו שטוינען איבער דעם דיכטער און איבער זײַן קינסטלערישן כּוח צו פֿאַרוואַנדלען די גיהנום־ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פֿון פֿיזיש און זעליש צעטראָטענע מענטשן, וואָס לעבן ווי די מײַז אין אונטער־ערדישע לעכער, אין אַ העראָישער לעגענדע, אין אַ וווּנדער־מעשׂהלע פֿון ליכט, מוזיק און שיינקייט?

ווען איך זאָג, אַז „געהיימשטאָט" איז אונטער סוצקעווערס פּען געוואָרן אַ הערא‎ָישע לעגענדע, האָב איך ניט אין זינען דעם העלדיש־פּאַסיוון ווידערשטאַנד פֿון לעבן, וואָס עס ווײַזט אַרויס דאָס „פֿאָלק זאָלבע צענט" און אויך ניט, און אַפֿילו ניט, פֿאַליעס און דבֿורלס העלדיש־פּאַרטיזאַנישע עקסקורסיעס פֿון דעם תּהום אַרויס אויפֿצורײַסן דײַטשישע אַמוניציע־טראַנספּאָרטן. מיט דער באַצייכענונג הערא‎ָישע לעגענדע און וווּנדער־מעשׂהלע וויל איך פֿאַר אַלעמען אונטערשטרײַכן און אַרויסהייבן די ליכטיקע פּאָעטישע אימאַזשן, די נאַטורבילדער און די מוזיקאַלישע מיסטעריעס, וואָס לויכטן אַרויס פֿונעם דיכטערס געמיט און הילן אײַן די גיהנומדיקע „געהיימשטאָט" אין אַן אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער, איך וואָלט געזאָגט, אין אַ דעמאָנישער שיינקייט.

עס איז באמת ניט קיין חידוש, וואָס דער באַשעפֿער האָט זײַן אייגענעם גיהנום אויף דער ערד ניט דערקענט און ניט געגלייבט אין זײַן ווירקלעכקייט, ווען דער דיכטער האָט נאָך דער באַפֿרײַונג „געפֿונען זײַן בינטל דערשראָקענע גראַמען" און —

בײַ נאַכט עס געלייענט דעם גאָט פֿון די אָבֿות,
נאָר גאָט האָט געמיינט ס'איז ניט מער ווי אַ מעשׂה,
געקנייטשט פֿון דער הייך מיט די שטערן די ווײַסע.

אויף צו באַרעכטיקן פֿאַר וואָס גאָט אַליין האָט ניט דערקענט דעם גיהנום אין די ווילנער קאַנאַלן, וואָלט איך געדאַרפֿט ציטירן איינס נאָך ס'אַנדערע די בילדער פֿון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, כּדי צו ווײַזן ווי דער דיכטער פֿירט דורך איבער זיי אַ גרינטלעכן קינסטלעריש־עסטעטישן „ביעור חמץ" און דער־הייבט אײַדעס פֿון זיי צו ליכט און צו מוזיק.

דאָס „פֿאָלק זאָלבע צענט" וווינט ניט אין דער נידער אין די קאַנאַלן, נאָר אויפֿן אָלימפּ, אויף דעם באַרג פֿון די געטער, אין „דער צעשטערנטער וועלט", ווו אַלץ איז שיין, ווײַל גראַנדיעז און קאָסמיש.

איך וועל ברענגען בלויז צוויי עדות: דבֿורלען און דעם פּרוש.

דבֿורל שפּאַצירט אין "שטורעם־קאַנאַל", וואָס איז אַזוי הויך, אַז זי גייט כמעט ניט־געבויגן.

קודם עטלעכע רעאַליסטישע קאַנאַל־דעטאַלן:

צו ערשט קומען שטיקעלעך גלאָז איז באַרירן
זיך איינס אָנעם אַנדערן. בלעכלעך און טשוועקעס
פֿאַרשטאַרקן דאָס פּלוישעכץ אין וואַסערס געהירן.

אָבער דערנאָך הייבט זיך דאָס בילד אויף און עס ווערט אַן אָלימפּישע זעונג און אַ הימלישער קאָנצערט:

פֿאַרקלעזמערטע שאָטנס באַוווינען די שטרעקעס.
און ווי אויף קלאַווישן עס טראָגט זיך דאָס מיידל,
פֿאַרגעסן וווהין און צו וועמען זי וואַנדלט.
פֿאַרבאַרגענע טענער, געשליפֿן און איידל,
זיי האָבן די רער אין אַ גאָרטן פֿאַרוואַנדלט.
צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף, עס באַטרעלן, דערפֿרייען
אין גאָרטן, לבֿנהדיק־צאַרט, סאָלאָווייען.

און אָט איז דער צווייטער עדות, דער פּרוש ר׳ נתן, וואָס האָט זיך אַ נאַכט פֿאַר יום־כּיפּור אַרויסגעגליטשט דורך אַ געעפֿנטער גראַטע און איז אַוועק זאָגן סליחות אויפֿן חרובֿן שולהויף. אַזוי ווײַט דער רעאַליסטישער סיפּור־המעשׂה, אָבער ר׳ נתנס גאַנג צו דער חורבֿה:

פֿון בערגל צו בערגל פֿאַרהוילן ער ציט זיך
ווי איבער אַן אָפּגרונט אַ שפּין אויף אַ פֿאָדעם.
די שטערן זיי טראָגט ער אין האַרצן שוין מיט־זיך,
זיי לײַכטן אַזש אונטער די פֿאַרמעטנע בגדים.
עס וויגט אין דער לופֿט זיך די בלאָע גאַלעריע
מיט ניט קיין פֿאַרגאַנגענע פֿידל און צימבל.
זי שפּילט פֿאַרן פּרוש אַצינד איר מיסטעריע
אויף חרובֿער ייִדישער גאַס, ווי אַ סימבאָל.

איך האָב באַצייכנט די זעונגען ווי אָלימפּישע, ווײַל זיי פֿאַרמאָגן מאַיעס־טעטישן ריטעם, קלאַסישע פּרעציזקייט פֿון אויסדרוק און די ניכטערע עקזאַל־טאַציע פֿון די אָלימפּישע באַוווינערס, וואָס זי איז געווען דער מוזיקאַלישער גרונטטאָן פֿון די גריכישע טראַגעדיעס. אַזאַ מין ניכטערע עקזאַלטירטקייט, אַזאַ דעמאָנישע עסטעטיק, אַזאַ מין קלאַסיש־שטרענגן טאָן און דערבײַ ערגעץ ווו אַ ראָמאַנטישע סוגעסטיווקייט אין דער מיט פֿון ברוטאַלן נאַטוראַליזם — האָט פֿאַרמאָגט שאַרל באָדלער אין זײַן לידערבוך "פֿלער די מאַל".

באַדלער, דער דיכטער פֿון ״דעקאַדענץ״, דער באַזינגער פֿון ״צעפֿוילטן פֿלייש״, באַגעגנט זיך אין זײַן וועלטבילד מיט דער לכאורה היפּוכדיקער וועלטזעונג פֿון די אַלטע גריכן, וואָס איר עיקר איז געווען דאָס געזאַנג פֿון ליבע צום לעבן און צו אַלע פֿאָרמען פֿון לעבן דאָס לעבן. זיי באַגעגענען זיך איבער ווײַטע יאָרהונדערטער, דער פֿראַנצויז באַדלער, דער זינגער פֿון ״צעבליטן שלעכטס״ מיט, זאָגן מיר, דעם טעבאַנער פּינדאַר, דער באַזינגער פֿון די געטער און פֿון העלדן — זיי באַגעגענען זיך אין דער אַדע צו דורכויס שיינקייט, וואָס איז דער אידעאַל פֿון פּאָעטישן וואָרט קעגן און להכעיס דער מאָראַל (בײַ באַדלערן) און טראָץ געוויסע מאָראַלישע ווערטן (בײַ פּינדאַרן).

און אויב עס איז פֿאַראַן אין דער ליטעראַטור פֿון אונדזערעביידע לשונות אַן אַפּאָלינישׁ געמיט און אַן אַפּאָלינישע וועלטזעונג פֿון ״דורכויס שיינקייט״, איז עס ניט געווען דער דיכטער פֿון ״לנוכח פסל אַפּולו״, שאול טשערניכאָווסקי ז״ל, נאָר, אים צו לאַנגע יאָר, דער פּאָעט פֿון ״סיביר״, פֿון ״געהיימשטאָט״, פֿון ״אָדע צו דער טויב״ און פֿונעם ״גרינער אַקוואַריום״, אַבֿרהם סוצקעווער. (דער אמת וויכטיקער העברעיִשער דיכטער איז טשערניכאָווסקי ניט ווען ער באַזינגט די סטאַטוע פֿון אַפּאָלאָ, נאָר ווען עס זינגט פֿון אים אַרויס די אידיליע פֿון דעם ייִדישן שטייגער־לעבן).

איך האָב אויסגערעכנט נאָר עטלעכע פֿון סוצקעווערס לידער־סעריעס, אָבער יעדע אַנדערע פֿון זײַנע לידער־זאַמלונגען קען צום גרויסן טייל באַשטעטיקן, אַז אַפּאָלאָ, דער גאָט פֿון שיינקייט, האָט אַראָפּגעניִדערט פֿונעם אָלימפּ און איז געוואָרן אַ תּושב אין סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס. ער ראַנגלט זיך דאָרט דראַמאַטיש מיט דעם ייִדיש־דיכטערס זעונגען, מיט זײַנע געשטאַלטן און אויך מיט דעם סיפּור־המעשׂה און — איז מנצח. אַפּאָלאָ פֿאַרוואַנדלט די מיאוסע, אויפֿן בויך פּויזענדיקעווירקלעכקייט אין גראַנדיעזער באַפֿליגלטער מיטאָלאָגיע.

נאָך קיין מאָל האָט אַפּאָליניש געמיט ניט אַזוי אָרגאַניש געהויזט אין די ״טײַערע ייִדישע אותיות״ ווי אין די לידער פֿון דעם מיכאַלישאָקער רבֿס אייניקל אַבֿרהם סוצקעווער. ערפּעס איז דאָ אויפֿן שטח פֿונעם ייִדיש־פּאָעטישן וואָרט געשלאָסן געוואָרן אַ מעמאָראַבלער ליבע־זיווג, וואָס דערמאָנט אין יענעם שידוך, וואָס אַ גרויסער פֿאַרצײַטישער ייִדישער טראַכטער האָט געפּרוווט דורכצופֿירן צווישן ייִדישקייט און העלעניזם אויף דער ליניע פֿון געדאַנק.

אַז די דאָזיקע באַהעפּטונג איז ניט געווען סוצקעווערס בלויז אַ דיכטערישע שטימונג, נאָר אַ קינסטלערישער וועלטבאַנעם אויסגעלייגט אין פּאָעטישע בילדער און רייד, דאָס קען מען צום בעסטן זען פֿון דעם ליד ״אַ דיכטער בײַ נאַכט״, וואָס סוצקעווער האָט געשריבן אין 1937. דער פּאָעט האָט אין יענעם ליד אָנגעצייכנט פֿאַר זיך דעם שאַפֿונגסוועג: ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַוועקגע־שטעלט דעם דירעקטיוו פֿאַר זײַן דיכטערישער וויזיע. דער דאָזיקער דירעקטיוו איז ניט געווען קיין אויסגעמוטשעטע טעאָריע, נאָר דער אַנטפּלעקטער ״אַנדער מין כּוח״ פֿון זײַן פּאָעטישן געמיט —

שעפּסענע שטילעניש. ווײַסע באַהילעניש. מאָכיק
שאַרן זיך שווײַגיקע שאָטנס אין ליבשאַפֿט און שרעק.

אָבער דער שאָטן פֿון דיכטער, געזאַנגיק און קנאַכיק,
וואַקסט זיי אַריבער און לייגט זיך ברייטהאַרציק אַוועק
אויף די פֿאַרגליווערטע ליימיקע בערג ווי אַ טלית.
אַלץ ווערט פֿאַרוואַנדלט אין קאָסמישן בלוט. און עס קוועלט
האַסטיק אַרײַן אין זײַן לײַב מיטן ריטעם פֿון כוואַליעס.
דורך זײַנע אָדערן רוישט די צעשטערנטע וועלט,
ביז עס צעשיטן זיך, פֿינצטערן אויס די פּמליות.
ליכט פֿון די וועגן צעהעלט
דורך די נאַכטיקע וועלדער.

און פֿון דעמאָלט איבער אַלע פֿינף און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט און ביז הײַנט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו יום־טובֿן זײַן ערשטן יובֿל פֿון לעבן, האָט דאָס ליכט פֿון שיינקייט צעהעלט די "נאַכטיקע וועלדער", די סיבירער און די געטאָ־פּאַרטיזאַנישע וועלדער, אין סוצקעווערס ליד —

אַ האַנט איז געשווומען פֿון קאָסמישע ברעגעס,
פֿאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.

און ניט אַנדערש נאָר לעגענדע איז אויך סוצקעווערס פּאָעטיש לשון פֿון זײַן ערשטן בוך "לידער" אין 1937 און ביז צו זײַן נײַסטן בוך "גײַסטיקע ערד".

עס איז געוואָרן אַן אָנגענומענע קריטישע טעזע צו זאָגן, אַז אַבֿרהם סוצקעווער איז אַ שפּראַך־ווירטואָז. מיר געפֿעלט בפּירוש ניט דאָס וואָרט אין שײַכות מיט סוצקעווערס פּאָעטיש לשון. ווירטואָזיטעט איז אַפֿילו אין בעסטן זינען בלויז אַ הויכע מדרגה פֿון טעכנישער געניטשאַפֿט, ד"ה אַ היפּש דרויסנדיקער ענין.

סוצקעווערס פּאָעטיש לשון זע איך בבחינת פֿון די לעגענדאַרישע "אותיות פּורחות". עס זענען "אותיות פּורחות" צעפֿלויגענע ניט פֿון עפּעס אַ דרויסנדיקער שׂריפֿה נאָר פֿון אַן אינעווייניקסטן שעפֿערישן פֿלאַם. סײַ די אויסטערלישע גראַמען מיט אַ מערקווערדיקער מיסטיש־בראשיתדיקער קרובֿישאַפֿט ווי "דאָרטן" מיט "דער קבֿר ווו גדליה וועט אָרטן" און דער "קאַבל" מיט "מחבל" און סײַ די אומצייליקע חידושי לשון (מײַן געבערנגערין, מײַן אומלעבן, ווײַסע באַהילעניש, וכו'), זענען ניט דער געניטער אויפֿשפּיל פֿון מוזיק, נאָר טאַקע די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע גופֿא. קען מען זאָגן וועגן אַן אָדלער, אַז ער איז אַ ווירטואָז פֿון פֿליִען? ניין! דאָס פֿליִען איז מער, אַ סך מער, ווי ווירטואָזיטעט. עס איז דער אָדלער גופֿא.

סוצקעווערס פּאָעטישע פּראָזע באַשטייט פֿון ווערטער אָנגעלאָדענע מיט געדאַנק און געפֿיל, וואָס עס וווינט אין זיי פֿון לכתחילה די לײַדנשאַפֿט און די מסירות־נפֿש פֿון פּלי צו שיינקייט.

וועגן וואָס פֿאַר אַ וועלט עס זאָל ניט דערציילן סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט, שוועבט עס אין די הייכן. עס בלענדט מיט אומגעאַנטע קאָלירן און באַצויבערט מיט אומגעריכטע קלאַנגען. אין טרויער און אין פֿרייד איז עס אַלע מאָל אַ וואָרט, וואָס באַרויִקט, אַפֿילו ווען עס שוידערט אויף, און עס דערהייבט אַפֿילו ווען עס

צעטרייסלט. עס איז שיין סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט. עס איז אויסטערליש שיין. עס באַצויבערט.

פּאַר וואָס האָב איך צום יובֿל פֿון אונדזער פּאָעט גראָד זיך אָפּגעשטעלט אויף "געהיימשטאָט"? איך האָב עס געטאָן, ווײַל פֿון אַלע ווערק וועלכע עס האָט געוואָנדלט סוצקעווערס ליד, איז קיין מער גיהנומדיקע, קיין מער גראַבע, קיין מער ברוטאַלע און מערדערישע וועלט גאָר ניט געמאָלט. זי איז אַן אויס־נעמלעכע אין פּרט פֿון תּלינישן נאַטוראַליזם אין דער ייִדישער מאַרטירער־געשיכטע און אויך אין דער היסטאָריע פֿון דער מענטשהייט.

אוודאי איז גערעכט פֿאַליע, אין סוצקעווערס פּאָעמע, אַז —

— פֿאַרגעסן? זאָגט פֿאַליע, זאָל ווערן בײַ יענעם
פֿאַרגעסן דער נאָמען ווער ס'וועט ניט געדענקען
דעם תּלין און רויזן פֿאַרזייען אין גיהנום.

אָבער געבענטשט זאָל זײַן, זאָג איך, דער פּאָעט, וואָס האָט דאָס "פֿאָלק זאָלבע צענט" דערהויבן איבער אַט דער פֿינצטערניש און האָט זיי אַלע סײַ בײַם לעבן און סײַ נאָכן טויט געשענקט די שיינקייט פֿון גאָטס נאַטור און דעם כּוח פֿון געטלעכן דמיון. די קומענדיקע דורות זאָלן ניט נאָר ניט פֿאַרגעסן דעם גיהנום, נאָר זאָלן אויך געדענקען די שיינקייט פֿון די "זאָלבע צענט", וואָס אויך דאָרט אין דעם שמוץ פֿון די ווילנער קאַנאַלן, ווּהין דער תּלין האָט זיי פֿאַרטריבן, האָט אין "זייערע אָדערן געראָשט די צעשטערנטע וועלט".

און צום סוף עטלעכע פּערזענלעכע ווערטער וועגן דיכטער. איך האָב סוצקעווערן צום ערשטן מאָל געזען אין ווילנע, אין דעצעמבער 1935. איך האָב דעמאָלט באַזוכט צום ערשטן און צום לעצטן מאָל ירושלים־דליטא. ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך האָב ניט פֿאַרשפּעטיקט אויפֿצונעמען אין מיר דאָס לעבעדיקע בילד פֿון דער ייִדישער ווילנע און קען מיך, לפֿי כּוחותי, וואַרעמען בײַ דער דאָזיקער לעבע־דיקייט איצט נאָכן חורבן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט די זכיה, אַז נאָך מײַנער אַ לעקציע אין איינעם פֿון די ייִדישע זאַלן אין שטאָט זאָלן אויפֿטרעטן די פּאָעטן פֿון "יונג־ווילנע" און לייענען זייערע לידער. צווישן די פּאָעטן איז אויך געווען אַבֿרהם סוצקעווער. איך געדענק גוט זײַן געשטאַלט. אַ מיטלוווקסיקער, אַ דינער מיט ברילן און — היינט ווייס איך אַז — זײַן פּנים האָט געשײַנט מיטן "ליכט פֿון די וועגן צעהעלט". איך האָב זיך ניט אויפֿגעהערט נאָכצופֿרעגן אויף אים בײַ די חבֿרים אויף דער טריבונע: זלמן רייזען, ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי און דניאל טשאַרני זכרונם לבֿרכה. ער איז דער ייִנגסטער פֿון דער חבֿרה און ער וואַקסט אַ גרויסע כּלי — האָט מיר אײַנגערוימט אין אויער זלמן רייזען און דער פֿאָרזיצער קאַפּלאַן־קאַפּ־לאַנסקי האָט דערהערט רייזענס ווערטער און האָט מיט אַ פֿריידיקן פּנים צוגע־שאָקלט זײַן הסכּמה.



אַבֿרהם סוצקעווער האָט, דאַכט מיר, געלייענט זײַן ליד שטילער ווי די אַנדערע

און מיט מער שעמעוודיקייט ווי זיי. און איך געדענק, אַז נאָך מײַן אומקער קיין בוקאַרעשט האָב איך דערציילט דער שרײַבערישער חבֿרותא וועגן ווילנע און זיי איבערגעגעבן מײַן אײַנדרוק וועגן די יונגע דיכטערס. וועגן סוצקעווערן האָב איך געזאָגט (אַזוי שטייט פֿאַרצייכנט אין מײַנס אַ טאָגבוך), אַז "אַ פּרוכטיק ביימל איז ער, אַ פּרוכטיק ביימל בײַ אַ קוואַל" (בן פורת, בן פורת עלי עין); און אַז מיר האָבן צוויי יאָר שפּעטער אום זומער 1937 באַקומען זײַן ערשטלינג "לידער", האָט בײַ אַ מסיבה עמעצער פֿון די חבֿרים, וואָס האָט שוין געהאַט מעיין געווען אין די לידער, אַ נעם געטאָן דאָס דינע בוך פֿון קנאַפּע הונדערט זײַטן אין האַנט אַרײַן און עס געבלעטערט און געלייענט —

> אָט בין איך דאָך, אַז אויפֿגעבליטער אין מײַן גאַנצער גרייס,
> פֿאַרשטאָכן מיט געזאַנגען ווי מיט פֿײַערדיקע בינען.

און געזאָגט בכל רם: איר זענט גערעכט, ביקל, אַ פּרוכטיק ביימל דער סוצקעווער. ער וואַקסט אַ גרויסער בוים, ער וואַקסט אַ פּאַעטישער גדול.

איצט צו סוצקעווערס פֿופֿציק יאָר זע איך פֿאַר מיר אַ באַרג מיט פּאַעטישע פּרוכטן און אַ גרויסן פּאָעט. איך שטיי פֿול מיט באַוווּנדערונג און התפּעלות און עס ווילט זיך זאָגן ווערטער פֿון געבעט און פֿון דאַנק צו דער השגחה.

ביידע, אי די תּפֿילה און אי דער דאַנק זענען אין נוסח פֿון יום־כּיפּור, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין געמיט.

די תּפֿילה איז אַז "על עמך ישׂראל ועל פליטת סופריהם יהמו נא רחמיך" (זאָל ברויזן, גאָט, דײַן רחמים אויף דײַן פֿאָלק ישׂראל און אויך אויף זײַנע געראַטעוועטע שעפֿער).

און דער לויב און דאַנק איז וואָס די מי פֿון אונדזערע שרײַבערישע דורות איז ניט געווען אומזיסט (ולא ניגעו לריק). אַזוי פֿיל שעפֿערס זענען אומגעקומען, אָבער דאָס ייִדיש־דיכטערישע וואָרט איז געבליבן לעבן און דאָס ייִנגסטע פּרוכטביימל פֿון ווילנע איז געוואָרן אַ צעדערבוים אין אונדזער פּאַעטישן גאָרטן.

חשון, תשכ"ג

מ. גראָס־צימערמאַן

# "ווערטער און שוויַיגנס"

צו מאָל כאַפּ איך אַ קוק אויף אַבֿרהם סוצקעווערן, ווען ער שטייט אויף דער טריבונע און רעדט וועגן פּאָעזיע אָדער לייענט לידער, אייגענע צי פֿרעמדע — גיט ער אַ סעקונדע אַ וויג זיַין סטרונענדיקע געשפּאַנטקייט, ביז ער שטעלט זיך אָפּ, אויסבאַלאַנסירט, מיט אַ לײַכטן נויג פֿון קאָפּ, האַנט איבער די אויגן, וואָס קוקן פֿאַרמאַכט "און ווען איך שליס די אויגן, צו דערגרונטעווען די תהומען" — קוקן יענע אין איינעם מיט דעם פֿאַרקוועטשטן שטערן און העלפֿן אים טראָגן דעם געדראַנג פֿון זיַינע דענק־זעונגען. שטענדיק, דאַכט זיך, פּרעדאָמינירט דער שטערן וואָס פֿון אים רינגלען זיך אַרויף, הויך און דיך, ווי בלויע רויכרעדלעך, ביזאַרע שפּראַכפֿיגורן און מאַגישע היעראָגליפֿן, ראַפֿינירטע ציטער־פֿאָרמען פֿון בילדער: אַ וואָרטאויפֿטו און אַ חריפֿותדיקער פּלי: קאַפּריזנע כלים פֿון סוצקעווערס קלאַנגען־קאַפּעליע, וואָס שפּילט בגילופֿין לידער בײַם תהום, מיסטעריע־שפּיל פֿון פּחדים און וווּנדער פֿון זײַן וווּנדיקער וועלט: יעדער וווּנד אַ חותם. אַוודאי טרעפֿט אויך, אַז ער נעמט אויף זיכער דעם כאַאָס און גראַמט אים אַ מאָל מיט געוואַלד — וועט דאָך יענער ניט זאָגן ניין, אַז מ׳הייסט אים. "די נאַטור — זאָגט געטהע — איז אַ וווּנדערלעכער אָרגל, וואָס אויף אים שפּילט גאָט, בעת דער תוהו־ובֿוהו טרעט אויפֿן פּעדאַל".

אַבֿרהם סוצקעווערס ווערק וואָגלט אַלע זײַנע שאַפֿערישע יאָרן דעם וויַיטן אַנטוויקלונגס־וועג פֿון די סיבירער פֿראָסטדזשונגלען, וואָס אין זייערע דימענטענע פֿײַערן איז נתגלה געוואָרן דער פּאָעט, איבער די מעמקים פֿון ווילנע־של־מטה, ווו ער איז געוואָרן דער מקונן פֿון דער "געהיימשטאָט", איבער די שווערע, שוואַרצע בילדבראָקאַטן פֿון די אַפֿריקאַנער העלפֿאַנדוועלדער, ביז צום מיטישן משל־נמשל־שפּיל, וואָס בילדערט זיך מיט אומבאַרירטן בלוי און גאָלד פֿון זײַן "גײַסטיקע ערד": קורצער ש׳י־עולמות־שפּאַן פֿון דיכטער צו זיך אַליין. מען קען גאָרניט בלאָנדזשען אויף אַזאַ גלײַכן וועג, געפֿלאַסטערט מיט מכשולים.

דאָס זענען דעם דיכטערס פּאָפּציק יונגע אינטענסיווע יאָרן, געבענטשט־געפּײַניקט מיט שאַרפֿער זעעוודיקייט: "גייען יאָרן, יאָרן, יאָרן", אויפֿגעסיליעט ווי "פֿאַרברענטע פּערל", סוצקעווערס "איידלשטיינער פֿון משפּחה טרויער", יידישע צירונג. מיר ווייסן, קוים דערשמעקט דער טרויער אַ פּאָעט, לאָזט ער אים ניט אָפּ, ביז יענער האָט אויסגעזונגען אַלע "פּאַלן" פֿון זײַן ניגון און אַלע זײַנע ספּערישע שטילקייטן:

שטייט פֿאַרכשופֿט אַ הינד<br>
לעבן ימיקער קילקייט,<br>
אַזוי לויטער און לינד<br>
ווי אַ זילב פֿון דער שטילקייט.

פֿון ליד „שטילקייטן"

הערכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק, ערבֿ ליקוי־וועלט, האָט אַבֿרהם סוצקעווער דערפֿרייט מיט זינגעוודיקן אויפֿברויז די יִדישע דיכטונג, וואָס איז סײַ ווי געווען יונג און יִנגער אין פֿאַרמעסט און דערגרייך, און דער גאַנצער אין־סוף פֿון אַנטוויקלונג איז געשטאַנען פֿאַר איר אָפֿן. איך בין נישט אין גאַנצן זיכער מיט דער גרייטקייט פֿון "יונגע לעמפּערטן", וואָס מוזן אַלע מאָל דינען ווי אַ משל צום נמשל פֿון אַן אויפֿברעכערישער נײַער ליריקער־חבֿרותא — אָבער עפּעס פֿון אַנימאַלישער שפּאַנקראַפֿט האָבן געהאַט אין זיך דער אַרויסרופֿערישער בויג־שפּרונג פֿון דעם "יונג־ווילנער" און דער העלער וואַלד־קול, וואָס האָט אַ שאַל געטאָן אין אַבֿרהם סוצקעווערס פֿרישע פֿערזן. דער טרעמאָלאָ פֿון זײַן איבער־ראַשנדיקער מעלאָדיק גיט זיך עלאַסטיש אַ הייב און בלײַבט פֿעסט שוועבן אין דער הייך. עס איז געווען אין זײַן ערשטן פּאָעטישן אַרויספֿאָר פֿריִע ציטער־פֿרייד פֿון נאָענטער מײַסטערשאַפֿט.

זינט דעמאָלט זינגען זײַנע הימנען — "און ס'איז יעדע רגע אָן אַ הימען / מיר אַ שאָד". דאָס איז אַ סימפֿאָנישע ווימלעניש פֿון בילדערישע ניגונים, אימאַזשן, סימבאָלן און לויטערע לירישע זאָגענישן, פֿרעסקאָס פֿון סיבירס ברוטאַלער פּראַכט, איכה־תּפֿילות פֿון געטאָ, טרוים־טראַכטענישן און תּהילימדיקע פֿידל־זעונגען, וואָס טוליען זיך אַלע צום ווערק:

אויפֿן וועג צום כּותל־מערבֿי,
אין אַ ליימיק־ליגנדיקן ברונעם,
זיצט אַ ייִד, באַוואַקסן ווי אַ סאָווע,
און ער קריצט אַ בעכער.
די ניגונים
פֿון די שטומע ליפּן טוען פֿרעגן
בײַ דעם וואָלקן, וואָס באַשיצט די דעכער,
ווען זשע ע ר וועט אָנקומען אַנטקעגן?
און דעם ענטפֿער קריצט ער אויפֿן בעכער.

אָט אַזוי איז ער מסתּם געזעסן,
אויפֿן וועג צום כּותל־מערבֿי,
דעמאָלט, אין תּנכישע מעת־לעתן,
ווען דער נבֿיא
ירמיהו מיטן יאָכשטאַנג אויפֿן האַלדז
אויסגעהאַמערט האָט פֿון זיך אַ דענקמאָל.
אָט אַזוי איז ער מסתּם געזעסן
ווען קיין מוטערמענטש איז ניט געבליבן נאָך דער שלאַכט.

"אויפֿן וועג צום כּותל־מערבֿי"

דאָס איז דעם דיכטערס שטומער דיאַלאָג מיט דעם גורל: ער מיט אים אין איין קול. זײַן אָפּקלאַנג ציטערט־אויס אין אַ רינג פֿון געפּרעסטן שווײַגן, וואָס דאָס פֿולע וואָרט שאַפֿט אַרום זיך, און אין דער שטילקייט וואָס בלײַבט, זינגט אויס

סוצקעווערס דיכטערישע וועלט. ניטאָ אַזאַ זקן אין דער ליריק, און אַוודאי ניט אין דער ייִדישער, ער זאָל ניט זײַן אַ משל צום דיכטער — בפֿרט, אַז דער זקן גראַווירט זעונגען אויף אַ בעכער, דעם אַלט־ייִדישן אויסדרוק־מעטאַל, געהייליקט פֿון קידוש, און ער טוט זײַן עבֿודה אין פּאָספּאָרישן טונקל, וואָס הענגט ווי שווערע דיוואַנעס אין אַזאַ מין סוכּהדיקן „ברונעם", וואָס איז דאָך אַוודאי די געבוירענע גלײַכעניש פֿון טיפֿקייט.

אפֿשר איז ניט פֿאַראַנען אויך קיין מער באַרופֿענער הינטערגרונט פֿאַר דעם דיכטערס עדות־זאָגן אין דער צײַט, ווו ער איז געבליבן אַליין נאָך דער שלאַכט, ווי דאָס געסלדיקע געדריי אַרום כּותל־מערבֿי מיט זײַן שורשענדיקער שטילקייט. פֿאַרזונקענע ייִדישע דורות, וואָס אומרוען מיט אונדז אין איינעם, האָבן דאָ אויסגעטרויערט זייער מאַט־ווייכן פּאַטינאַ־גלאַנץ און פֿאַרשפּרייט אַרום זיך שאַרפֿן, אַלט־ווײַניקן אַראָמאַט פֿון סודותדיקע זאַגונגען: צוגעדעקטע העלקייט.

שטעלן זיך אַלע עלעמענטן פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס רעאַלער טרוימוועלט מיט אויסבאַלאַנסירטער זיכערקייט אין זײַן דיכטערישער בילד־אידעע, יעדער מיט זײַן קאָלאָריט און ריטעם, מיט זײַן כּוונה, קאַפּריז און זינגעוודיקן פּאַטאָס — גלײַך זיי האָבן אייביק געוואַרט איינס אויף ס'אַנדערע און קענען קיין תּיקון ניט האָבן אָן דער באַהעפֿטונג. דאָס איז די מיסטעריע פֿון דיכטערישן שאַפֿן. מיט קילער פֿאַרעם־לײַדנשאַפֿט טורעמט זיך אויף דער לויכטנדיקער דענקמאָל פֿון אויסגעוויינטע פֿידל־ניגונים, פֿון ווי און וווּנדער — און אין די פֿאַרבאַרגענע פֿיליגראַן־קנייטשן פֿון זײַן מײַסטערישער דיכטער־שפּראַך, וואָס איז פֿאַר זיך אַליין אַ שטיק נאַטור, טונקעלער וועלטטייל, נאָך אַלץ ניט אַנטפּלעקטער, ציטערן „דין־דין־דין" פֿאַרבאַרגענע שוועבונגען פֿון זײַנע געדאַנקען־בילדער, אַלע קלאַנגען און שטיל־קייטן פֿון זײַן אומרו. זיי אַלע, דינסטע ניואַנסן פֿון פֿאַלקסטימלעכער ווייכקייט און ראַפֿינירטער שאַרפֿקייט, ווילנער חומרות, חידושים און צעזונגענע שפּילעוו־דיקייט — ווערן אמת אין ווײַסגלי פֿון זײַן פֿאַרעם־עקסטאַז, פּרעסן זיך אַלע אַרײַן אין זײַן ליד: אַ מורא צו בלײַבן אין דרויסן. אַוודאי וועלן אַ מאָל די ווערטער און די גראַמען, ניט צוגעוווינט צו אַזאַ וועלטן־געברויז און צום געזאַנג פֿון אומרו, זיך מוזן אַ בייג טאָן דאָ און דאָרט, אויסקלינגען מיט טענער באַהאַלטענע, פֿאַרשאָטענע, וואָס מ'האָט ביז איצט ניט געהערט, און זיך מטריח זײַן צו באַדײַטן דאָס, וואָס דער דיכטער מיינט, דאָ, איצט, אין געציטער פֿון רגע, אַ מאָל מער און אַוודאי אַנדערש ווי די אַנגענומענע כּוונות און ווערטבאַטרעפֿן — וואָס זשע, זיי וועלן זיך בונטעווען? די ווערטער ווערן דאָך אויך געטריבן און געוויטיקט אין איינעם מיט אַלעמען, ווען מען טרײַבט דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ און „עס גייען די גאַסן" און מסתּמא גייט דאָך גאָט אויך — גייען דאָך אַוודאי די ווערטער, פֿאַלן, ברעכן זיך און הייבן זיך „אַזוי ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען".

מיט לאַטעס אויף לײַבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרײַבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
די הײַזער באַגלייטן אויף אייביק געזעגנט
און שטיינערדיק ווערט יעדער גזירה באַגעגנט.

אין תּפֿילין ווי קרוינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאַרפֿסייד אין איינעם.
אַ פֿרוי שלעפּט אַ גוסס פֿאַרקלעמט אין די נעגל,
אַ צווייטער — אַ בינטעלע האַלץ אויף אַ וועגל.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, ביים הענטל — אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים באַגלייטן, באַגלייטן.

"די לערערין מירע"

די דאָזיקע לירע פֿון געטאָ איז אַ גלגול פֿון אַן אַנדער הימישן אינסטרומענט, וואָס שפּילט געלײַטערטע טרויער־קריסטאַלן אין דער סימפֿאָניע פֿון סוצקעווערס ליריק:

מײַן טאַטן האָט צו דרײַסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ
ביים שפּילן
ר' לוי יצחקס ניגון אויף אַ פֿידעלע, פֿאַר נאַכט.
די פֿידל האָט געצאַפּלט אויף זײַן אַקסל ווי אַ קינד,
און איר שפּראַך —
אַ ליכטיקער מאַגנעט —
האָט צוגעצויגן
די ווײַטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער,
ווו איך, אַ זיבנייעריקער בעל־חלום,
האָב אַרום די פֿאָטערלעכע קניִען
זיך געוויקלט.

"צו דרײַסיק יאָר"

מען דאַרף שוין זײַן אַ הויפּט־עקשן, כּדי צו פֿועלן ביי זיך, נ י ט צו זײַן אַ דיכטער, אויב מען טראָגט אין זיך אַזאַ אויפֿטרייסלענדיקן שלל פֿון קלעמענדיקן אומעט, וואָס זינגט אין געוויין פֿון די שורות. און ווײַטער גייט דעם דיכטערס ביאָגראַפֿיע:

אַ מאָל, ווען איך בין אין אַ קעלער געלעגן,
בײַנאַנד מיט אַ מת ווי אַ בויגן פּאַפּיר,
באַלויכטן מיט פֿאָספֿאַרנעם שניי פֿונעם באַלקן —
פֿאַרשריבן האָב איך מיט אַ שטיקעלע קויל
אַ ליד אויף פּאַפּירענעם לײַב פֿון מײַן שכן.

"אויטאָפּאָרטרעט"

דאָס איז דער פּאַטאָס פֿון פּשוטע ווערטער, יעדעס באַזונדער שוין גענוצט,

אָבער אַלע אין איינעם: באַלאָדן מיט דער זעונג פֿון אַזאַ ווירקלעכקייט, צו וועלכער עס דערלאַנגט ניט די פֿאַנטאַזיע פֿון אַ וועלט מיט ליטעראַטורן. דאָס זענען סאַמע אַלטע, היימישע ווערטער, וואָס האָבן אַזאַ טויט נאָך קיין מאָל ניט באַטייַט. יעדער דיכטער הייבט אָן די גאַנצע אומענדלעכקייט פֿון דער וועלט מיט זייַן אייגענעם ווערק — זעונג פֿון בראשית — און יעדער שאַפֿט זייַנע אייגענע שפּראַך־כּלים, כּדי זיך צו דערגרונטעווען צום פּענאָמען פֿון דעם לעבנס טרויער. אַזוי איז יעדעס קונסטווערק פֿאַר זיך אַ צוּבערדיקע איבעררעַשונג: געציילטע ווערטער, אַ מאָל שעמעוודיקע, נאָך ניט אויסגעפּרוּווטע — און אַזאַ שפּע מיט אויפֿלויכטנדיקן גלאַנץ פֿון אמת, ווי עס צעהעלט זיך אַ מאָל אַ בליץ אין אַ חורבה:

איך האָב געזען אַ זקן. אויף זייַן שטערן —<br>
אַ שיכעלע אַ קליינס אַנשטאָט אַ תּפֿיל.<br>
אין דעם האָט ער געדאַוונט מיט געפֿיל<br>
אין גאַונס קלויז — די דערנער זאָלן הערן.<br>
דורך מייַנע פּלאָנטערוועגן נע־ונדע<br>
איך זע אים ווי ער דאַוונט אויך אַצינד:<br>
און אַנשטאָט אויפֿן תּפֿיל זאָל גלייַען שדי<br>
איז דאָרט אויף ייִדיש אויסגעקריצט מייַן קינד.

פֿון ציקל "עפּיטאַפֿן"

גייט די הייליקייט פֿון די תּפֿילין, פֿון וועלכע ס'איז געבליבן איינער אַליין אַ "תּפֿיל", אָן איינזאַמער, אַריבער אויף דעם שיכעלע, וואָס איז אויך געבליבן פֿאַריתומט, און שדי טרעט־אָפּ פֿאַר דעם אומגעקומענעם ייִדישן קינד. דאָס איז אַ העזהדיקער זאָג, אָבער אָן צייַנקריצעניש און ביטערניש פֿון כּפֿירה, דערבייַ טיף באַגלויבט. דאָ איז אין קנאַפּע שטילע שורות צונויפֿגעפּרעסט די הימל־ און ערד־שרייַענדיקע קינה פֿון אונדזער לעבנס־פֿאַרוויסטונג, וואָס גייט פֿון שדי ביז צו די דערנער, וואָס טריקענען אין דער וועלט. דאָס זענען דעם "געוויינס ניגונים", וואָס זינגען אין סוצקעווערס לידער מיט אַזאַ צימצום פֿון שפּראַך, כּמעט ניגונים אָן ווערטער: צוליב יראת־הכּבוד פֿאַר דעם טרויער.

אַזוי דערזינגט זיך אַבֿרהם סוצקעווער צו דער מדרגה פֿון נאַציאָנאַלן דיכטער בייַ ייִדן — ניט צוליב דעם שטאָף, וואָס איז געפֿורעמט אין זייַן ווערק, נאָר צוליב דער תּהלימדיקער לויטערקייט, וואָס קלאָגט אין זייַנע געזאַנגען, און צוליב דעם באַגלויבטן לירישן עדות־זאָגן פֿון "אני הגבֿר". ס'איז ניט שייַך צו מאַכן, וואָס מען רופֿט אָן "אונטערצי", פֿון אַ דיכטערישן ווערק, וואָס איז אַלט אין גאַנצן קרובֿ דרייַסיק יאָר און האַלט אין מיטן קרעפֿטיקן זיך מיט העזה און כּוח און מיט בליציקער שאַרפֿונג פֿון די חושים, צו דערזען דאָס אוממעגלעכע:

אין איין אויג — אַ וואָלף,<br>
אינעם צווייטן — דייַן מאַמע.

וועסט זיי שויןביידן
ניט קאָנען צעשיידן.

„ביסט געקומען אַ נאַקעטער"

וואָלט איך ניט געציטערט פֿאַר דעם שטרענגן חשבון פֿון מוקדם ומאוחר, וואָלט איך מיך איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז דער אײַנגעהאַלטענער סיני־פֿלאַקער, וואָס גליט אין סוצקעווערס לידער פֿון זיין לעצטן שאַפֿונג־פּעריאָד, זינגט־אַרײַן, אויף צוריקוועגס, מיט רעטראַקטיוון כּוח, אין דער צעפֿינקלטער פּראַכט פֿון זײַן געפֿרוירענער סיבירער צויבערוועלט, מיט דעם טאַטנס צאַפּלדיקן רויטן פֿידעלע אין מיטן פֿון דער שנײַדיקער ווײַסקייט, און מיט דעם וואָלף אין שניי „אַ געשליי־פֿענער, אַ בלאַנקער פּירפּיסיקער מעסער", וואָס וואַיעט אין דער וועלט דורך אַלע אייביקייטן. דאָס איז די אייגענע לײַדנשאַפֿט פֿון קינסטלערישן אויסדרוק, דער אייגענער טרויערגלאַנץ, וואָס באַקרענצט יעדער שלמות:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פֿידעלע פֿון וואַנט, און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ.
שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
אבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.
דורך אַן אײַזיק אָנגעפּעלצטן שײַבל
שמעקט אַ וואָלף צום פֿלייש פֿון דער מוזיק.

„אין כוטער" פֿון דער פּאָעמע „סיביר"

דאָס איז דער פּנים־אל־פּנים מיט דעם פֿענאָמען פֿון דער נאַטור — פֿאַר יעדן שטיק וועלט אַ האַלבע שורה פֿון צונויפֿגעפּרעסטן גלאַנץ: לאַנדשאַפֿט, מוזיק און קלינגענדיקע שטילקייט, וואָלף ביים שײַבל און מענטש אין מיטן. דאָס איז צעזונגענער מאָלערישער פּאַטאָס, וואָס גיסט אויס זײַן וועלטטרויער אין דיכ־טערישער אורשפּראַך. ניט ווער ס׳האָט צו ערשט באַזונגען די נאַטור, נאָר ווער ס׳האָט זי אויסגעזונגען ביז צום לעצטן צאַפּל פֿון גלאַנץ, נאָך וועלכן עס בלײַבט שוין גאָרנישט — דערווײַל גאָרנישט — ביז צו אַ נײַעם אויפֿגאַנג פֿון אָנהייב. זינט יענעם אָנהייב מיט זײַנע סיבירער לידער פֿאַרצוקט סוצקעווערס פֿאַרבקלאַנג־דאָרשטיקער דיכטערבליק שטיקער וועלט און אַלץ איז ניט געזעטיקט.

עס טרעפֿט, אַז די נאַטור אַליין באַהאַלט אויס מיט חשד איר גלאַנץ, דעקט אים צו מיט פֿאַרהוילנקייט, אַזוי ווי אַ קאַפּריזנער אַנטיקוואַר, אַ קפדן, וואָס האָט אין טוכלע קאַמערן סודותדיקע אוצרות, יאָגט פֿון זיך אַלוועלטלעכע קאָלעקציאָנערן, די נײַגעריקע נודניקעס, באַהאַלט פֿון זיי דעם אמתן שטיין אין טונקלעגישן פֿון קאַבינעט, ביז עס וועט קומען דער רעכטער בעלן: ניט פֿאַר „יענע דאָרט". צעבליט

זיך מיט פּלוצעמדיקן שטילן אויפֿלויכט אין אַ טוץ דינע שורות אַ וועלט מיט שיינקייט, וואָס שטראַלט אָן אַ פּגם:

דער זונפֿאַרגאַנג האָט זיך פֿאַרעקשנט מיט העזה
צו בלייַבן אין ים־סוף ביַי נאַכט, ווען עס קומען
צום פּאַלאַץ פֿון וואַסער — די אומשולדיק ראָזע,
די איידעלע הירשן צו שטילן דעם גומען.

זיי לאָזן די זייַדענע שאָטנס ביַים באַרטן
און לעקן אין ים־סוף די רינגען פֿון קילקייט
מיט פֿידלענע פֿנימער לאַנגע. און דאָרטן
געשעט די פֿאַרקנסונג ביַי זיי מיט דער שטילקייט.

געענדיקט — אַנטלויפֿן זיי. רויזיקע פֿלעקן
באַלעבן דעם זאַמד. נאָר עס בלייַבן פֿול יאָמער
די זונפֿאַרגאַנג־הירשן אין וואַסער און לעקן
די שטילקייט פֿון יענע, וואָס זענען ניטאָ מער.

„הירשן ביים ים־סוף"

איך האָב שוין לאַנג ניט באַגעגנט אויף יִדיש אַזאַ באַרוישנדיק־שטילן ציטער־שפּיל פֿון שוועבנדיקע זייַדענע שאָטנס און פֿידלענע פּנימער, וואָס זינגען אונטלעכע קילקייט, אַזאַ פֿולן אויסגאָס פֿון געלייַטערטער דיכטערישער שיינקייט, וואָס לאָשטשעט זיך, פֿאַרחידושט־הכנעהדיק, צום ווונדער, ווי אין די דאָזיקע ברכי־נפֿשי־שורות פֿון אַבֿרהם סוצקעווער. האָבן די הירשן, פֿאַרטאָן אין טרוים, געוואַרט מיט שמייכלדיקן אומעט: צי וועלן חברה פּאָעטן כאַטש דערגיין... פֿאַראַנגען אויף דער וועלט דיכטער ביישנים, וואָס זשאַלעווען זייער שפּע און שעמען זיך, אַרויס־צוזאָגן ביזן גרונט, אַזוי ווי שיינע, קאַפּריזנע פֿרויען פֿאַרגינען ניט זייער פֿולע אַנטבלויזטקייט — אָבער אַרויסגעזאָגטערהייט איז דאָס אַלץ ערשט אַ רמז אויף דעם, איך וואָלט געזאָגט: מיסטישן זמר צו דער וועלט, וואָס שאַלט אין טרויער און טרייסט אין סוצקעווערס דיכטונג. דאַכט זיך, די נאַטור אַליין איז פֿאַרחידושט און האָט הנאה פֿון איר שטראַלנדיקן גלאַנץ: זי האָט זיך גאָרניט געריכט, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע זי. אַזאַ נאַטור־געזאַנג, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט צודרינגלעכער „שילדערייַ", וואָס מאַכט „רעקלאַמע" פֿאַרן קאָסמאָס, איז נאָר געמאָלט אין פֿולער האַרמאָניע פֿון דיכטער מיט דעם באַשאַף, אין וועלכער נאַטור און שפּראַך קאָרעספּאָנדירן אויפֿן ווונק און זענען זיך קעגנזייַטיק מגלה נאָר צו דער צניעות. צו אַזעלכע סודות קען קיין מאָל ניט דערגיין דער ליטעראַט, וואָס שפּילט מיט דער נאַטור ווויליונגערישע ליבעס און נאָשט יצר־הרעדיק פֿון אירע שלייערן — כאָטש ער באַנוצט מסתּמא די אייגענע ווערטער, אויב ניט נאָך פֿויגלדיקער — עס פֿעלט בלויז די שאַפֿערישע באַגלויבטקייט, אין וועלכער עס טובֿלט זיך דאָס דיכטערישע וואָרט. קען זייַן, אַז די נאַטור אַליין האָט צונויפֿגערופֿן די גאַנצע פּמליא צו דער שׂימחה פֿון „פֿאַרקנסונג" אין אומבאַרירטן בראשית.

און אין תּוך איז פֿאַר דעם זעערישן בליק פֿון דיכטער די גאַנצע וועלט — ראַיאָן פֿון בראשית, וואָס פֿאַרשלייערט זיך מיט יעדער אַנטפּלעקונג. ווייס איך ניט, צי איז דאָס קבלה — נאָר אויב יאָ, מיין איך טאַקע זי:

אויסגעקוואָלן האָט אַ כמאַרע,
אויסגעמאָלן מיר אַ מראה:
ניט געביטן האָט זיך צפֿת,
ווי עס בײַט זיך ניט קיין עפּל.
אַ גאַס.
אַ טרעפּל.
דאָ לעבט נאַדזשאַראַ.

אין צימערל איז אויגיק בלאָ,
אַ נעסט פֿאַר דער מוזיק פֿון דורות.
דאָ,
דאָ,
דאָ,
ציִען זיך צו אים צינורות
פֿון די שטערן און צוריק.

אַ ספֿרל אויף זײַנע קני,
(בײַם טרעפּל — וואַנדערער ווי לעמער)
און אַנטקעגן דער אר״י
בעט אים: זינג אַ נייעם זמר.

„נאַדזשאַראַ אין צפֿת“

אפֿשר מעג מען זאָגן, אַז סוצקעווערס דיכטערישע באַגעגעניש מיט דער לאַנד־שאַפֿט פֿון לויכטנדיקן אור הגנוז האָט נאָך מער אויסגעשאַרפֿט די דינקייט פֿון זײַן חוש פֿאַר דער שיינקייט, וואָס האַלט זיך פֿאַרהוילן זינט די געזאַנגען פֿון שיר השירים און די כּלות־הנפֿש־זמירות פֿון מקובלים, וואַרטנדיק ווי יין־המשומר, דאָ אין דער וועלט פֿון דער יצירה:

ווי פּשוט, קיין וווּנדער ניט אויף אַ רפֿואה,
דערזעסט דעם באַשעפֿער דורך זאַמדענע גלאָזן.
אין שטעט אינדערלופֿטיקע ווינט די נבֿואה,
ניט עלטער, ניט ייִנגער — ווי האָסט זי געלאָזן.

„מעלה עקרבים“

וואָלט איך ניט געציטערט פֿאַר שיכּרות, ווײַל זי האָט אַ טבֿע, אַז זי צעטרייסלט די מאָסן, וואָלט איך דאָ ווי אונטער אַ סך אַנדערע פֿון סוצקעווערס לידער, אַוועק־געשטעלט דאָס שעמעוודיקע וואָרט: האַרצרײַסנדיקע שיינקייט. און וואָלט איך

געקענט פועלן בײַ דער נאַטור, וואָס האָט דאָך ליב צו מאָל אַ קאַפּריזנעם שפּרונג, זי זאָל זיך אַ ווײַלע אָפּזאָגן פֿון שאַבלאָן און אויסקאָמבינירן אַ מין דרײַ־אייניקע קינסטלער־געשטאַלט פֿון דיכטער־מאָלער־מוזיקער, וואָלט איך אין אַ היפּשן טייל פֿון סוצקעווערס שאַפֿן געזען דאָס ווערק פֿון אַזאַ קאָמפּליצירטער קינסטלער־געשטאַלט. וואָרעם אין דער אמתן: ווי קאָן מען טאַקע אויסקומען מיט איין־אייניציקער קונסטפֿאָרעם בײַ אַזאַ פֿלייציקער שפּע פֿון טרויער!

אַוודאי קען מען געפֿינען אין סוצקעווערס ווערק דאָ און דאָרט אויך לידער, וואָס מאַכן־נאָך זײַן אייגענע מאַניר, און גראַמען, וואָס זענען ניט מער ווי „מאָדער־ניסטיש". אַ מאָל ווערט אַ רגע פֿאַרטונקלט דער צוטרוי פֿון אַ דיכטער צו זײַן אייגענעם וואָרט — נעמט ער דאָס פּוצן מיט גוזמות חנדלעך, אַזש פֿון זײַן וואָרעמער דינער בויגעוודיקייט ווערט קאַלטע איבערגעשפּיצטקייט. מיין איך, אַז אַזעלכע ציטאַטן קאָן איך מיר גלאַט אײַנשפּאָרן, כאָטש זיי דערוועקן די אילוזיע פֿון „סאָלידער וויסנשאַפֿט" מיט זייער ליכט־ און שאָטן־סטאַטיסטיק. אין איצטיקן צוזאַמענהאַנג זע איך זיי ווי ליטעראַרישע צופֿעליקייטן, וואָס כאַראַקטעריזירן ניט דעם הויכן באַרג אַרויף פֿון סוצקעווערס שאַפֿערישן וועג און זײַן כּוח צום קינסטלערישן שם המפֿורש, וואָס לעגיטימירט ערשט דעם דיכטער בכלל און באַרעכטיקט זײַן אויסטערלישקייט. עס גייט דאָך וועגן דעם דיכטערישן וואָרט, אין וועלכן עס ציטערט דאָס דעליריום פֿון קאָסמאָס — ניט ווינציקער! — וואָרט פֿון זינגעוודיקער שאַרפֿקייט, פֿון גלאַנץ און חריפֿות און צאַפּל צום סוד, וואָרט פֿון קוהלת און פֿון איובֿ, ניט אויסגעטראַכט, ניט קאָנסטרוירט אין דער ליטעראַרניע, געזאַנג, ווו אַלע ווערטער האַלטן זיך אין איינעם ווי קינדער, וואָס גייען בײַ נאַכט:

אַזאַ געזאַנג נעמט זינגען אין די גלידער,
ווי בליצן וואָלטן עס אין מיר געזונגען!
גאָר הויך — די זון. אַ נאַכט איז אין דער נידער.
און רויטע הירשן זעען אויס די יונגען.

„אין מידבר סיני"

דאָס זענען שוין ווידער אַנדערע הירשן, ניט די זײַדענע מיט די פֿידלענע פּנימער, וואָס זענען יעדן אָוונט מקדש דעם ים־סוף — קען זײַן, די הירשן בײַם ים־סוף, די מיט די „פֿידלענע פּנימער", זענען אַ מין מיטאָ־זאָאָלאָגישער גילגול פֿון סוצקעווערס סיבירער וואָלף, וואָס האָט „דורך אַן אײַזיק אָנגעפּעלצטן שײַבל" געשמעקט צום „פֿלייש פֿון דער מוזיק" — אַ וואָלף אַ נאַשער. מיט דער דאָזיקער משפּחה קערן זיך אויך אָן די אָדלערס פֿון דיכטערס „גײַסטיקע ערד":

און ערגעץ פֿון אַ באַרג, ווי אַ משפּחה
געקניפּטע אָדלערס, דורך מעת־לעתן לויערט
אַ רעגן. צווײַגן פֿילן שוין זײַן פֿאַכע.
בײַם אָקערן — אַן אַנדער גלאַנץ די רויערד.

דאָס איז געפּרעסטע נאַטור־שפּאַנונג פֿון יענעם וויַטן, בראשיתדיקן ערבֿ־רעגן אין מידבר. סוצקעווערס מאַגישע פֿאָרמולעס האָבן באַשווירן די נאַטור — האָט זי ניט געקענט אָפּזאָגן דעם סוד פֿון די געקניפּטע אָדלערס דאָרט אויבן. און מסתּמא האָט אויך דער היישעריק, פֿון וועמען מיר זענען געווען אָפּגעפֿרעמדט זיַט דעם חומש, ניט געריכט זיך, אַז ער "זעגט אַראָפּ פֿון שאָטן ס'ביסל קאָרע" — בעת דאָס פֿייגעלע האָט, היימישערהייט, "גראַווירט מיט רויטע טרעלן דעם האָרי־זאָנט". דאָס איז סוצקעווערס לירישע מיסטעריע־שפּיל.

זינט מיר קענען אונדזער אַלטע ערד, האַלט זי אינטימע באַציִונגען מיט דעם גייַסט: אַוואַנטורע פֿון באַהעפֿט און צעשייד, וואָס טועןביידע ווי. מיר דאַכט זיך, די "גייַסטיקע ערד" האָט געגנאַשט נייַע וווּנדערס פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס בילדע־רישן עקסטאַז, פֿון זייַנע פּאָעטישע זעונגען און זייַן זינגעוודיקער העלהעריקייט.

~~~~~~~~~~

מ. וויַנרייַך

## באַגריסונג

ניו־יאָרק, 1962/X/5

טייַערער פֿרייַנד מ. גראָס־צימערמאַן

איך בעט אייַך איבערגעבן מייַן חבֿר אַבֿרהם סוצקעווערן די וואַרעמסטע ברכות צו זייַן יובֿל, און איך ווינטש אים, אַז אין די געבליבענע זיבעציק יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק זאָל ער זייַן פּונקט אַזוי פֿריש און פּונקט אַזוי פֿעיִק איבער־צופֿורעמען פּייַן אין פּאָעזיע.

אייַער מ. וויַנרייַך
~~~~~~~~~~

ש. שלום

# באַגריסונג

זאת חנוכה תשכ״ג

מערכת נכבדה,

ברגש הנני שולח את מיטב ברכותי, בשם אגודת הסופרים העברים ובשמי, לידידי היקר, המשורר הנעלה אברהם סוצקבר, לחג יובלו.

במאבק חייו ושירתו של סוצקבר, מהפואימה הנפלאה ״סיביר״, דרך נתיב היסורים שב״עיר הסתרים״ ועד נוף החיים החדשים במדינת ישראל משתקפת באספקלריה של הזמן — כביצירות מיטב משוררי ישׂראל שבכל דור — ההויה של נצח ישראל, כשהיא פושטת צורה ולובשת צורה, סופגת גונים ומראות ומחדשת נעוריה בכל יום תמיד.

מי יתן ומעיין שירתו המבורך של חתן־היובל יוסיף לפכות עוד שנים הרבה בתוכנו, ושפעו החי יוגש בכלי מפואר, בשלימותו, גם לקורא העברי בארץ.

בברכת אחוות היצירה,

ש. שלום

יו״ר אגודת הסופרים העברים במדינת ישראל

איבערזעצונג:

זייער חשובֿע רעדאַקציע,

מיט אַ וואַרעם געפֿיל שיק איך איבער מײַנע בעסטע ברכות, אין נאָמען פֿון העברעיִשן שרײַבער־פֿאַרבאַנד און אין מײַן אייגענעם נאָמען, צו מײַן טײַערן פֿרײַנד דעם באַרימטן דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער, צו זײַן יובֿל־יום־טובֿ.

אין דעם לעבנס־געראַנגל פֿון סוצקעווערן און זײַן שאַפֿונג, פֿון דער וווּנדער־לעכער פּאָעמע ״סיביר״ איבער דעם יסורים־וועג פֿון ״געהיימשטאָט״ ביז צום פּייזאַזש פֿון דעם נײַעם לעבן אין מדינת ישׂראל, שפּיגלט זיך אָפּ אין דער צײַט — פּונקט ווי אין די שאַפֿונגען פֿון די בעסטע דיכטערס פֿון אונדזער פֿאָלק אין אַלע דורות — דער ווּנדער פֿון נצח־ישׂראל, וואָס בײַט זײַן געשטאַלט דור נאָך דור, זאַפּט־אײַן קאָלירן און זעונגען און באַנײַט די יוגנט טאָג־טעגלעך און תּמיד.

הלוואי זאָל דער געבענטשטער קוואַל פֿון דעם בעל־היובֿלס דיכטונג שפּרודלען נאָך אַ סך יאָרן צווישן אונדז און הלוואי זאָל זײַן לעבעדיקע שפֿע דערלאַנגט ווערן אויך פֿאַר דעם העברעיִשן לייענער אין לאַנד בשלמות און אין אַ פּרעכ־טיקער פֿאָרעם.

מיט דער ברכה פֿון שאַפֿערישער ברודערשאַפֿט,

ש. שלום

פֿאָרזיצער פֿון העברעיִשן שרײַבער־פֿאַרבאַנד
אין ישׂראל

יחיאל האָפער

# אַ מיצווה להכעיס

פֿײַערן אַ יום־טובֿ פֿון אַ פּאָעט, אַ יום־טובֿ פֿון פּאָעזיע, איז אין די הײַנטיקע צײַטן בפֿירוש אַ מיצווה. אַ מיצווה להכעיס. להכעיס דער איצטיקער וועלט, וועלכע איז שקוע, וועלכע איז פֿאַרזונקען מיט לײַב און לעבן אין דעם חומרישן, אין דעם גשמיותדיקן, אין דעם מאַטעריאַליסטישן.

ווען די וועלט וועט זאַט ווערן פֿון אַלע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען, ווען די עלעקטראָנישע מוחות וועלן שוין האָבן אויסגערעכנט און איבערגערעכנט אַלע פֿאַרוויקלטסטע חשבונות, וועט אויף די מענטשן קומען אַזאַ הונגער אויף גײַסט, אויף קונסט, אויף פּאָעזיע, וועלכע די וועלט האָט נאָך ניט געזען און ניט געהערט מיום הווסדה, פֿונעם טאָג פֿון איר געגרונדפֿעסטיקט ווערן.

דאָס זענען ניט סתם קיין ווערטער, און אויך ניט בלויז קיין ווערטער פֿון עידוד, פֿון סטימול. איך גלייב אין דעם באמונה־שלמה, מיט אַ גאַנץ גלייבונג. מיט דער אמונה וויל איך, זאָל זיך אויך אָננעמען און איבערנעמען יעדער אמתער פּאָעט, און דער עיקר דער יידישער, וועלכער גייט אַרום מיט אַ צעפֿרעסן האַרץ פֿון צווייפֿל: וואָס וועט זײַן מאָרגן?

אַבֿרהם סוצקעווער, אַ סך שעפֿערישע יאָרן אײַך! און פֿאַרן מאָרגן — וועט די פּאָעזיע זאָרגן.

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל צונויפֿגעטראָפֿן מיט סוצקעווערס לידער, דעמאָלט נאָך געדרוקטע בלויז אין זשורנאַלן, האָט מיך קודם־כּל, און דער עיקר, אין זיי פֿאַראינטערעסירט זייער אַנדערשקייט.

כ׳קען הײַנט ניט, נאָך עטלעכע צענדליק יאָר, זאָגן גענוי אין וואָס איז באַשטאַנען, פֿון וואַנען האָט זיך גענומען מײַן געפֿיל וועגן זייער אַנדערשקייט. אָבער ס׳איז פֿאַרט אַזוי געווען. אין דעם בין איך אַבסאָלוט זיכער.

הײַנט קען איך זיך נאָר משער זײַן, אַז די אַנדערשקייט פֿון זײַנע דעמאָלטיקע לידער האָט זיך גענומען פֿון זייער אייראָפּעישקייט. איך בין דעמאָלט אין אייראָפּעישקייט געווען פֿאַרליבט. און כאָטש די אייראָפּעער און זייער קולטור האָבן אונדז, יידן, גורם געווען אַזוי פֿיל ביטערע און מוראדיקע אַנטוישונגען און דערפֿאַרונגען, מוז איך זיך מודה זײַן, אַז אַ ניצוץ פֿון מײַן אַמאָליקער ליבע טליעט נאָך אין מיר עד־היום.

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין אונדזער בעל־היובֿלס ערשט ביכל לידער, (א. נ. "לידער"), זײַן פּאָעמע "ציפּריאַן נאָרוויד", וועגן דעם אויסערגעוויינטלעכן און אויסערגעוויינטלעך טראַגישן פּוילישן פּאָעט, וועלכער האָט געלעבט און געשטאָרבן אין פּאַריז, אין אַן אַזיל פֿאַר אָרעמע און פֿאַרשטויסענע, בין איך שוין געווען אין גאַנצן פֿון אים אַן "אונטערגעקויפֿטער".

אַליין בין איך אַ פּראָזאַיקער, אָבער אַ פֿאַרליבטער אין פּאָעזיע, און אין פּראָזע וועמעס שורש גרייכט אין פּאָעזיע. פּראָזע וואָס פֿאַרמאָגט ניט דאָס פּאָעטישע

בילד, וואָס זינגט אַ מאָל ניט אויף מיט פּאַטעטישן געזאַנג, איז אין מײַנע אויגן קיין פּראָזע ניט, נאָר סתּם שרײַבערײַ.

דער הויפּט־יסוד אויף וועלכן ס׳שפּאַרט זיך אָן מײַן שרײַבערישער וועלט־אײַנבליק, איז גענומען פֿון אַ האַלבן פּסוק פֿון דער תּורה: ״והנה סולם מוצב אַרצה וראשו מגיע השמימה״, אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זײַן שפּיץ גרייכט אין הימל אַרײַן. (פֿון יעקבֿס חלום).

נאָר דערפֿאַר ווײַל דער לייטער שטייט אויף דער ערד, נאָר דערפֿאַר קען ער דערגרייכן מיט זײַן שפּיץ דעם הימל. נאָר די שאַפֿונגען וואָס האָבן אונטער זיך אַ רעאַליסטישן באָדן, נאָר די קענען זיך פֿאַרמעסטן אָנצושפּאַרן מיט זייערע קעפּ אין הימל. נאָר דאָס רעאַליסטישע קען זיך דערהייבן צו מעטאַפֿיזישע הויכקייטן.

דערפֿאַר איז מיר אַזוי נאָענט געוואָרן די לעצטנס דערשינענע גרויסע פּאָעמע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער ״גײַסטיקע ערד״, וואָס שוין איר בלויזער נאָמען אַנטהאַלט אין זיך די טעזע פֿון מײַן אייגענעם קונסטבאַנעם.

זיבעציק וועגן פֿירן צו פּאָעזיע און דורך זיבעציק וועגן קען דער פּאָעט און די פּאָעזיע פֿאַרפֿירט ווערן. אָן אַ שיעור סכּנות לויערן אויפֿן אמתן פּאָעט. דער וואָס ציטערט ניט איבער יעדעס וואָרט אַז ער זאָל דערבײַ ניט נכשל ווערן, ער זאָל ניט זײַן קיין אַ מוציא שם פּאָעזיע לבֿטלה, דער איז קיין ריכטיקער פּאָעט ניט.

קיינער קען ניט זאָגן, אַז איין וועג איז אַ גוטער, אַ ריכטיקער, און דער צווייטער אַ שלעכטער, אַ פֿאַרפֿירערישער. יעדער וועג קען זײַן דער אמתער, ווי יעדע פּשוטסטע מאַטעריע קען ווערן פּאָעטיש. אַז בלויז שלימותדיקע פֿאָרעם איז בכּוח צו באַשאַפֿן פֿון זיך תּוכן, זעען מיר אין סוצקעווערס ״לידער פֿון נגבֿ״, (אין זײַן בוך ״אין פֿײַער־וואָגן״).

סוצקעווער האָט זיך אויסגעקליבן אין דער פּאָעזיע זייער אַ שווערן וועג. די שווערקייט פֿון זײַן וועג ליגט קודם־כּל אין זײַן זוכן נײַקייטן, נײַקייט פֿון אימאַזש, נײַקייט פֿון וואָרט, פֿון וואָרט־זיווגים, נײַקייט פֿון ווערסיפֿיקאַציע און פֿון פֿאָרעם בכלל. אויב ער נוצט אַ מאָל אַ שוין פֿאַראַנענע פֿאָרעם, איז זי אויך פֿון די סאַמע שווערסטע.

אמת איז, אַז ער גיט זיך מײַסטעריש אַן עצה מיט די דאָזיקע שוועריקייטן. דאָס קענען זיך ״אַן עצה געבן״ איז אַן אייגנשאַפֿט פֿון דער מאָדערנער פּאָעזיע, וועלכע זוכט אָפֿט אַ פּשרה מיט דער טעכניק אויפֿן חשבון פֿון התגלות. און אפֿשר שפּאַנט זי אײַן די טעכניק ״אין פֿײַער־וואָגן״ פֿון התגלות? גאַנץ מעגלעך. קען זײַן, אַז אַזוי איז עס טאַקע.

די ייִדישע פּאָעזיע, די פּאָעזיע אין ייִדיש, טיילט זיך אויס פֿון אַנדערע שוין דער־מיט, וואָס זי איז קיין מאָל ניט אָפּגעריסן פֿון דער ווירקלעכקייט. יעדנפֿאַלס קיין מאָל ניט אין גאַנצן, ווי דאָס טרעפֿט זיך אַזוי אָפֿט אין דער פּאָעזיע פֿון די אומות־העולם, און אויך אין דער יונגער פּאָעזיע פֿון ישׂראל.

דער גורם דערפֿון איז ניט די ייִדישע פּאָעזיע אַליין, נאָר דאָס לאָזט ניט די ווירקלעכקייט, אַז די ייִדישע פּאָעזיע זאָל זיך אָפּרײַסן פֿון איר.

דעריבער איז שווער דער גורל פֿון אַ ייִדישן דיכטער, מוראדיק שווער. פֿאַר

וויפל ביטערע, טויט־ביטערע נסיונות איז די ייִדישע דיכטונג שוין ניט גע־שטאַנען פאַר די לעצטע פערציק־פופציק יאָר פון איר שאַפן?

נעמט פאַר אַ משל אונדזער בעל־היובֿל אַליין. אין יאָר 1940, ווען כמעט גאַנץ אייראָפּע איז שוין געשטאַנען אין פייער פון מלחמה, ווען דער גאַנצער וועלט, און דער ייִדישער אַוודאי, האָט געדראָט פאַרניכטונג, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין בוך לידער "וואַלדיקס". לידער פולע מיט לעבנספרייד, מיט ליבע צו דער וועלט און מענטש.

אָבער באַלד נאָך דעם, גאָר אין קורצן, האָט ער שוין געשריבן זיינע חורבן־לידער. און געשריבן האָט ער זיי ניט אין וואַלדיקס, נאָר אין וואַלד גופא.

ניט פונעם אַלימפּ, נאָר ממעקים קומט דאָס אמתע ייִדישע ליד. און דערפאַר איז אַ ייִדישע פּאָעטישע שימחה אַ שׂימחת־מיצווה. אַ מיצווה להכעיס. להכעיס די אַלע וועלט־פאַרזאָרגערס, וואָס האַלטן כסדר, ביי טאָג און ביי נאַכט, דאָס לעבן פון דעם מענטש ביים ראַנד פון אָפּגרונט.

לאָמיר דעריבער פונאַנדערנעמען די הענט און פייערן דעם יום־טובֿ פון אַבֿרהם סוצקעווערן מיט דער גאַנצער פאַרגינערישקייט, וועלכע איז אין דער קינסטלע־רישער וועלט ניט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג...

פאַרהוילן איז דער תכלית פון דער יצירה, דער ציל פונעם וועלט־באַשאַף. נאָר דער מאמין, דער גלייביקער, ער ווייסט אויף זיכער, אַז דער תכלית פון דער יצירה, דער ציל פון וועלטבאַשאַף, איז אין דעם, אַז יעדעס באַשעפעניש, פון אַ מענטש ביז אַ ווערעמל און אַ גרעזל, זאָל דערציילן, זאָל עדות זאָגן וועגן גבֿורות הבורא.

פאַרהוילן איז דער זינען און תכלית פון דער קינסטלערישער יצירה. נאָר די מאמינים אין קונסט, נאָר די גלייביקע און פאַרגלייבטע אין איר, נאָר זיי ווייסן, ווייסן אויף זיכער, אַז די קונסט איז באַשאַפן געוואָרן בכדי אַליין באַשאַפן שיינקייטן.

כ'נעם זיך ניט אונטער צו דעפינירן שיינקייט. אָבער איינס איז פאַר מיר קלאָר, אַז שיינקייט וועקט, ציט צו זיך צו אונדזער גוטע אויפמערקזאַמקייט. וואָרעם אויפמערקזאַמקייט איז פאַראַן אַ טאָפּלטע: אַ גוטע און אַ שלעכטע. שיינקייט וועקט צו זיך אונדזער גוטע אויפמערקזאַמקייט און מיאוסקייט — אונדזער שלעכטע.

אויב דער פאַנטאַסטישער קונסטרעבעל, שאַרל באָדלער, האָט געזאָגט, אַז "ס'איז פאַראַן שיינקייט אין מאָנסטרועלן", איז אַוודאי זיין טראַציקע כוונה געווען צו ציען אויף זיך, אויף זיין שאַפונג און אויף דער וועלט אויך אונדזער שלעכטע אויפמערקזאַמקייט.

אָבער דער ייִדישער קונסטבאַנעם, כאָטש ער איז אין ערגעץ ניט אויפגעשריבן און אַפילו ניט פאַרשריבן, איז ניט גורס אַזאַ דרך, איז קעגן דעם דאָזיקן וועג. פונקט ווי די ייִדישע קונסט־מחשבֿה, אויב אַזעלכע איז פאַראַן, האָט זיך ניט געלאָזט באַהערשן פון דעם יאוש, וועלכן מען האָט אָנגעוואָרפן דער וועלט מיט די שאַפונגען פון דעם געניאַלן ייִדישן מרה־שחורה, פראַנץ קאַפקאַ, וועמעס ווערק מען האָט אַרויסגעגעבן קעגן זיין בפירושן ווילן.

דווקא אַ סך פון דער ניט־ייִדישער וועלט האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פון דער

קאַפֿקאַישער מרה־שחורה און אויסזיכטלאָזיקייט. אַדרבא, זאָלן זיי, זיי האָבן דערצו גוייִשע כּוחות.

דער וועג פֿון דער ייִדישער וואָרטקונסט איז לחלוטין אַן אַנדערער. מיר גייט נאָך, און איך חזר אָפּט איבער אַ שורה פֿון סוצקעווערס אַ ליד א. נ. "יהואש", געשריבן אין ווילנער געטאָ, אינעם יאָר 1943:

דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פֿאַר דער שיינקייט.

אַזאַ שורה געשריבן אין די גרויזאַמע באַדינגונגען פֿון געטאָ אין יאָר 1943, קען ניט זײַן עפּעס סתם אַ שיינער זאָג. ס׳טרעפֿט, אַז מען אייגנט צו אַ שרײַבער כּוונות, וועלכע ער האָט גאָרניט געהאַט, פּונקט ווי מען קען פֿאַרזען די כּוונות, וועלכע זענען בײַם שרײַבער דער עיקר. אָבער איך גלייב, אַז אין דער אויבן דערמאָנטער שורה איז פֿאַראַן אַ גוטע אָנונג וועגן דעם זינען און תּכלית פֿון דער קינסטלערישער יצירה און פֿון דעם ווילן צו וועקן, צו ציִען אויף דעם קינסטלע־רישן שאַפֿן אונדזער גוטע אויפֿמערקזאַמקייט.

פֿאַרשידן זענען די וועגן, און אויך אומוועגן, אויף וועלכע אונדזער בעל־היובֿל איז געגאַנגען זוכן שיינקייטן אין משך פֿון זײַנע איבער דרײַסיק יאָר דיכטע־רישן שאַפֿן. ניט איצט און ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף זײַנע דערגרייכונגען און אַוודאי ניט אויף זײַנע שטרויכלונגען. אָבער אַז אַזעלכעס איז בײַ אים אויך פֿאַראַן, דאַרף דערמאָנט ווערן. וואָרעם חסידים, און דאָ מיין איך חסידים פֿון דעם קינסטלערישן וואָרט, ווייסן, אַז דער וואָס פֿאַלט ניט, דער הייבט זיך ניט אויף...

כ׳דאַרף ענדיקן מײַנע שורות געשריבענע לכּבֿוד דער שימחה פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס יובֿל. און כ׳וויל ניט אַרײַנפֿאַלן אין שאַבלאָן. ניט פֿאַראַן קיין גרעסערער יום־טובֿ־צעשטערער, ווי דער שאַבלאָן, ניט פֿאַראַן קיין גרעסערער אומעט ווי דער, וועלכן דער שאַבלאָן וואַרפֿט אָן. און מיר האָבן דאָך איצט אַ שימחה.

אַ קינסטלערישע שימחה באַדײַט, אַז ניט נאָר דער בעל־השימחה פֿרייט זיך, ניט נאָר זײַנע פֿרײַנד און לייענער מקרובֿ און מרחוק פֿרייען זיך, נאָר קודם־כּל, אַז דאָס ווערק אַליין, וואָס ער האָט געשאַפֿן פֿרייט זיך דערמיט, וואָס עס איז געקומען אויף דער וועלט, ווי טרויעריק זײַנע אינהאַלטן זאָלן אַ מאָל ניט זײַן.

מיט אַזאַ שימחה זאָל געבענטשט זײַן די קינסטלערישע מי פֿון מײַן טײַערן פֿרײַנד, דעם דיכטער־בעל־היובֿל, אַבֿרהם סוצקעווער.

# דאָס בילד

אַבֿרהם סוצקעווער

אין אָט דעם זונטיק דעם סוף־זומערנעם קרישטאָלט
די לופֿט אין ניו־יאָרקס צענטראַלן פּאַרק.
אַ טויב מיט פּיסלעך פֿון צוגעשטויבט גאָלד
שפּאַצירט צווישן קערנער. אַ פֿוס־באַלעם שפּרינגט.
ווי אַ פֿויגל אַ פֿאַרווונדיקטער זינקט
צו דער ערד אַ בלאַט.
לאַכעדיק גייט אַ פּאָרל פֿאַרביי.
איבער אַ גרויס זונטיקדיק בלאַט
גייען ברילן פֿון אַ קליינער זקנה.
איבער גריינס און געלס
טאַנצן זונפֿלעקן. אַ הונט פֿאַרהאַלט זיך ביי אַ בוים.
אַ וועוועריק לויפֿט אַראָפּ, זעצט זיך אַ רגע אויפֿן פֿעלדז
דעם רויטלעכן, וואָס האָט דעם אַנבליק
פֿון אַ פֿאַרצייטישן אינדיאַנער, פֿאַרוואַנדלט אין שטיין.
אַ יונג ליגט אויסגעצויגן אין גראָז.
אַ פֿאַרדאגהט מיידל רייכערט. אַ פּאָליסמאַן
זיצט שטאָלץ אויף אַ פֿערד, באַוואַכט דעם זונטיק.
אַ בוים איז אַרונטער אין וואַסער; אַן איבערגעקערטער
שטייט ער, קלערט ער.
הין און צוריק
פֿלאַטערט אַ פֿויגל; פֿון זיך צו זיך
טראָגט ער בשׂורות. צו וואָלקנדלעך — מירמלנע אייזשטיקער —
קוקט אַרויף, מיט אַ פּנים פֿון אַ סאָקראַטעס,
אַ באָם אין שמאַטעס.

אַ מאָלער אַ ווייסקעפּיקער
שטייט און מאָלט דאָס בילד פֿון דעם סוף־זומערדיקן זונטיק.
ער זעט אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי וואָר,
ווייל ער אַליין געהערט ניט צו דעם בילד.
ער קוקט פֿון יענעם דרויסן,
וואָס מענטשן רופֿן קונסט.
און ווי ער מאָלט אַזוי — שפּילט
פֿאַר זיין אויפֿגעפּראַלט אויג
אַ דרויסן נאָך אַ העלערער, וואָס מענטשן רופֿן טויט.

רחל ה. קאָרן

# אין פֿײַער־וואָגן פֿון סיביר ביז מידבר סיני

## א

עס האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון חיים גראַדעס אַ זאָג בעת אַ שמועס. ווען איך האָב געלאָזט פֿאַלן אַ באַמערקונג, איך געדענק שוין אַפֿילו ניט וועגן וועמען, אַז ער איז לעצטנס גײַסטיק אויסגעוואַקסן, ממש אַריבערגעשטיגן זיך אַליין, האָט מיר גראַדע איבערגעשלאָגן מײַנע רייד: „וואָס רעדט איר, רחל קאָרן — אַ מענטש ו ו ע ר ט  נ י ט, אַ מענטש ווערט דאָס, וואָס ער איז". ווי גוט לאָזט זיך אָנווענדן לגבי דיכטערס אָט די דאָזיקע קלוגע סענטענץ. אויך אַ דיכטער ווערט ניט, אַ דיכטער ווערט דאָס, וואָס ער איז. שוין אין די ערשטע לידער פֿון אַן עכטן פּאָעט ליגט, ווי אין אַן עמבריאָ די גאַנצע אייגנאַרטיקייט און שפּע פֿון זײַן שפּעטערדיקן אויפֿשטײַג.

מען קען מיך אַ פֿרעג טאָן: און וואָס איז מכּוח יענע שרײַבערס, בײַ וועמען די ערשטע שאַפֿונגען האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פֿון אָריגינאַליטעט און דאָך האָבן זיי באַוויזן זיך אויסצוקעמפֿן אַ גאַר בכּבֿודיקן פּלאַץ אין היכל פֿון ליטעראַטור, באַקומען אַפֿילו סמיכה פֿון אַ רײי קריטיקערס? —

יאָ, די דאָזיקע שרײַבערס האָבן געהאָרעוועט זייער שווער. זיי האָבן פֿאַרפֿולקומט זייער טעכניק, טייל מאָל אויפֿגעטאָן וווּנדער מיט זייער ווערסיפֿיקאַציע, אָבער ערגעץ אין הינטערגרונט זענען פֿאַרבליבן זייערע ערשטע דערציילונגען, אָדער לידער, ווי עדות קעגן זייער דעראָבערטער שטעלונג. בײַ אָט די שרײַבערס שטימט אויבנאויפֿיק אַלץ, וואָס איז אין דער שורה (אפֿשר שטימט עס שוין צו פֿיל), אָבער עס פֿעלט דאָס א ו מ ב אַ ש ט י מ ט ע, דווקא דאָס, וואָס דאַרף זײַן צווישן די שורות: דער אָטעם, דער הויך פֿון דעם, וואָס לאָזט זיך ניט דעפֿינירן, פֿאַרסך־הכּלען. בײַ אַן עכטן דיכטער, אָדער פּראָזע־שרײַבער קומט עס אַפֿילו אין זײַנע טייל מאָל צעשויבערטע, פֿאַרפּלאָנטערטע שורות, צו אַ קורצשלוס צווישן געדאַנק, אידעע און דורותדיקער דערפֿאַרונג, וואָס דרעמלט אויפֿן סאַמע דנאָ פֿון אונטערבאַוווּסטזײַן. פֿון אַזאַ קורצשלוס גיט עס אַ שפּריץ מיט פֿונקען, וואָס באַלײַכטן די געהיימסטע סטעזשקעס פֿון שפּירונג און אָנונג. ווילנדיק־ניט־ווילנדיק ווערט איר באַצוווּנגען פֿון דער געהיימער קראַפֿט, וואָס האָט אײַך אַרײַנגעצויגן אין אַ וועלט, וועלכע איז ביז אַהער געווען אָנונג אין אײַך גופֿא און איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַנטפּלעקונג, זעלבסטדערקענטעניש.

בײַ אַבֿרהם סוצקעווער קען מען י אָ שטעלן זײַנע ערשטע לידער אַלס עדות — אַלע בעסטע קוואַליטעטן פֿון זײַן טאַלאַנט ליגן דאָרט, ווי קערנער פֿאַרזייטע צום געבענטשטן אויפֿגאַנג.

בעת ער רעדט זיך דורך מיט זיך אַליין:

אויך דו, וואָס אין דײַן טיפֿעניש גייט אויף
די ערשטע ליכטיקייט פֿון דײַן באַרוף.

גיט אַבֿרהם סוצקעווער אידענטיטעט זײַנע פֿאַרהוילענע געפֿילן מיט אַזאַ עק־זאַקטקייט און קאָנדענסירטקייט, ווי ער וואָלט געחתמעט די כּתיבֿה, וואָס האָט אים אויף שטענדיק פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. עס איז דאָ ווערדע, שטאָלץ און זעלבסטבאַוווסטזײַן אין דער דאָזיקער דעקלאַראַציע פֿון אַ יונגן פּאָעט, וואָס גלייבט אין זײַן שליחות.

עכטע דיכטונג איז שטענדיקער אמת, אַפֿילו דעמאָלט, ווען די שורות זענען אויסגעפֿיבערטע פֿאַנטאַזיע. עס ליגט אויף איר דער חותם פֿון דער צײַט, זי ציט יניקה פֿון דורותדיקע דערפֿאַרונגען און גלײַכצײַטיק שמועסט זי זיך דורך, ווי דורך אַ שפּאַרונע מיט דעם פֿאַרהוילענעם, קומענדיקן. דאָס וואָרט ווערט זעעוו־דיק, עס ווערט אַ וועגווײַזער צו מענטשלעכער און געשיכטלעכער גורלדיקייט.

סוצקעווער האָט נאָך אין יאָר 1936, אין דער פֿרײַער שטאָט ווילנע, פֿאַרויסגע־פֿילט דעם קלעם פֿון דער שפּעטערדיקער געטאָ און בעת מיר לייענען הײַנט זײַן ליד: ״די טויערן פֿון געטאָ״, ווײַזט זיך אונדז אויס, ווי יענער טאָג וואָלט זיך שוין געגרייט צו דער געלער לאַטע.

עס האָט אַ לאַנגע, פֿײַערדיקע האַנט
די טויערן פֿון געטאָ אויפֿגעריסן.

מיר ווערן דערשטוינט און דערשיטערט, ווען מיר פֿאַרגלײַכן לידער פֿון גע־וויסע פּאָעטן מיט די שפּעטערדיקע פּאַסירונגען און מיר דערזעען, אַז דאָס, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זײַן פֿאַנטאַסמאַגאָריע, האָט ווי אַ פֿאַרכּישופֿטע פֿײַל אַרײַנגעצילט אין סאַמע מיטן האַרץ פֿון דער קומענדיקער צײַט. גלײַך דער גורל אַליין וואָלט געפֿירט מיט דעם דיכטערס פּען און געשריבן די ביאָגראַפֿיע פֿון דער קומענדיקער וואָר.

אויך אַבֿרהם סוצקעווערן, ווי אויך די מערסטע פֿון זײַן דור, האָט שוין געלויערט די ״מעסערדיקע וואָר״. סוצקעווער איז אינערלעך גרייט אויפֿצונעמען דאָס אַלץ, וואָס לאָזט זיך ניט אָפּווענדן, אָפּשרײַען. ער נעמט אויף דעם רוף פֿון זײַן באַ־רופֿונג מיט דעם פֿולסטן באַוווסטזײַן פֿון אַ פּאָעט צו וועלכן עס ציִען זיך אַלע פֿריידן, אַלע טרויערן פֿון זײַן דור.

אָט בין איך דאָך, אַן אויפֿגעבליטער אין מײַן גאַנצער גרייס,
פֿאַרשטאַכן מיט געזאַנגען ווי מיט פֿײַערדיקע בינען.
איך האָב דערהערט דײַן רוף צו מיר פֿון ליכטיקן באַגינען
און זיך צו דיר אַוועקגעלאָזט דורך נאַכט און שטויב און שווייס.

די רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פֿאַרכאַפּט די הערצער און מוחות ניט נאָר פֿון די נײַ־סאָוועטישע שרײַבערס, אויך די שרײַבערס פֿון אייראָפּע און אַמע־ריקע האָבן אָנגעשפּיצט אַלע זייערע חושים אין דער ריכטונג וווּ עס האָלט בײַם ווערן פֿאַרווירקלעכט דער טרוים פֿון דער מענטשהייטס אַוואַנגאַרד, דער חלום וועגן פֿרײַהייט און גלײַכהייט.

אויך בײַ אַבֿרהם סוצקעווערן געפֿינען זיך אין זײַנע ערשטע לידער שפּורן און

אָפּקלאַנגען, כּדי ניט אָפּצושטיין אין יענער אַנטשיידנדיקער צײַט. ער פֿירט אַרײַן אין זײַנע לבֿנהדיקע לאַנדשאַפֿטן די ״ליטווישע פּויערים״, ״דאָס געזאַנג וועגן הילצערנעם לעפֿל״ און וויל דורכויס, אַז זײַן ליד זאָל ווערן ״אַן אָקעראַײַזן״.

אָבער סוצקעווערס ליד איז פֿון אַזאַ קאַליבער, אַז עס לאָזט זיך ניט אײַנשפּאַנען; עס איז אײַנגעשפּאַרט און ווידערשפּעניק, ווײַל עס טראָגט אין זיך די חכמה פֿון זײַן אייגענער געזעצמעסיקייט און דעם אימפּעראַטיוו פֿון אייגענער אידענטיטעט. גיט עס זיך אַ קערעווע אויס צו אַ לאַנדשאַפֿט, וואָס איז ביז איצט געווען צווישן חלום און וואָר אין דעם דעמער פֿון אַ האַלב פֿאַרגעסענער קינדהייט.

דער טײַך אירטיש פֿון דער סיבירער טײַגע שנײַדט אויף מיט קאַלטן גלי, ווי מיט אַ קינזשאַל, דעם פֿאַרהאַנג, וואָס האָט ביז אַהער פֿאַרדעקט די איבערלעבונגען פֿון אַ זיבן־יעריק יינגל, און עס גיט אַ פֿלייץ מיט אומפֿאַרגעסלעכע שורות און סטראָפֿן פֿון דער וווּנדערלעכער פּאָעמע ״סיביר״, וואָס איז ״אַ לעגענדע אַנגעטאָן אין זילבער״.

דאָס רעאַלע ווערט לעגענדע און דאָס לעגענדאַרע באַקומט פֿולסטע בירגעררעכט אין דעם קינדס צעפֿיבערטער פֿאַנטאַזיע. אין דעם ווײַסן מלכות, אין וועלכן ער וואַנדערט אַרום מיט זײַן קירגיזיש חבֿרל טשאַנגורי לייענט ער:

די סימנים־לאַפּעס, וואָס אַ חיה
האָט פֿאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי,

און פֿון יענעם פֿאַרשנייטן כוטער, ווו עס איז אויסגעגאַנגען זײַן יונגער טאַטע האָט אים די השגחה געפֿירט אין אַ פֿײַער־וואָגן צום מידבר סיני.

אָפֿענע פֿעלדער — פֿאַרנעמט מײַן געשריי,
איך קום זיך פֿאַרקניפּן מיט פֿײַער און שניי.

אַבֿרהם סוצקעווערס לעבן, זײַן גאַנצע שאַפֿונג זענען אַרײַנגעצוועגט צווישן צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּאָליוסן — שניי און פֿײַער.

ב

און אין מיטן — ״די פֿעסטונג״, ״געהיימשטאָט״, ״יידישע גאַס״. ניט אַנדערש נאָר דער גורל אַליין האָט אַוועקגעשטעלט אַבֿרהם סוצקעווער אויף דער וואַך פֿון דער גרויליקסטער פֿון אַלע צײַטן אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, כּדי ער זאָל קענען אײַנזאַמלען אין זײַנע סטראָפֿן די רעשטלעך פֿון אונדזער חרובֿ געוואָרענעם לעבן, דאָס אומבאַשרײַבלעכע מאַרטירערטום און די העראָיִק פֿון אונדזער פֿאָלק.

ער איז געווען קרבן און עדות צו גלײַך. ער איז אויסדערוויילט געוואָרן צו טראָגן ניט נאָר זײַן אייגענעם ווי, ער האָט געמוזט אויפֿנעמען און פֿאַרצייכענען, ווי אַ געטרײַער סייסמאָגראַף יעדן ציטער, יעדן אויסגעשריי פֿון אַ פֿאַרפּײַניקט פֿאָלק.

ווי דאַנטע אין זײַן אומשטערבלעך ווערק, לאָזט זיך סוצקעווער אַראָפּ אין דעם

גיהנום, וואָס די היטלעריסטישע בעסטיאַלישקייט האָט אויפֿגעשטעלט דאָ, אויף דער ערד.

Lasciate ogni speranza רופֿט אויס דאַנטע צו די אַלע, וואָס לאָזן זיך מיט אים אַראָפּ אין דער אונטערשטער וועלט, ווו די טויטע ווערן געפּייַניקט פֿאַר זייערע, בייַם לעבן באַגאַנגענע זינד. אָבער אַפֿילו אין טאָל פֿון יִיאוש פּרווט סוצקעווער, געטרייַ דער טראַדיציע פֿון זייַן אויסגעפּרווט פֿאָלק, געפֿינען אַ טראָפּן טרייסט, אַ פֿעדעמל ליכטיקייט.

ער אַליין מוז זיך איבערברעכן דיכטעריש. ער באַמיט זיך צו געפֿינען ווערטער, וואָס זאָלן זייַן אָנגעמאָסטן פֿאַר דער נאַקעטיקסטער צייַט. סוצקעווער ווייס עס גאַנץ גוט, אַז דאָס ביז איצטיקע דינגע, דורכזיכטיקע געוועב "פֿון שטראַלכלעלעך, קלאַנגען, סיגנאַלן, / פֿון זעונגען זוניק געזען" וואָלט צעריסן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך אויף די אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער פֿון דעם סקעלעט, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון יענער צייַט.

אַ טויטע מאַמע קען מען ניט פֿאַרוויגן מיט דער מעלאָדישקייט פֿון ריטמישע קלאַנגען. אויף צו שרייַבן די כראָניק פֿון יענער צעווילדעוועטער, אוממענטשלע־כער צייַט מוז מען קענען זיך אַליין שטעלן אַן אַ זייַט און לאָזן ריידן דעם פֿאַרבלוטיקטן ברוק, די יידיקע שיך, "וואָס מען טרייַבט קיין בערלין".

אָבער אַפֿילו דעמאָלט, ווען "עס מוזן שווייַגן די מוזעס", פֿאַרהילכטע פֿון דער קאַנאָנען־שיסערייַ, ווי נאָר עס לאָזט זיך אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, פֿלאַנצט ער אַרייַן אינעם ליד די אויטענטישקייט פֿון זייַן שטימונג, די לירישקייט פֿון געמיט:

אַ רגע איז געפֿאַלן ווי אַ שטערן,
האָב איך זי אָנגעכאַפּט אין מייַנע ציין,
און ווען זיי האָבן אויפֿגעהאַקט איר קערן,
האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטאָן אַ קיניגרייַך געוויין.

און יעדער טראָפּן האָט פֿון זיך געשפּיגלט
אַן אַנדער חלום און אַן אַנדער מיין:
דאָ — אַ וועג מיט טויזנט הענט באַפֿליגלט;
דאָ — אַ בריק צום חלום צו דערגיין.

עס איז כדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז דאָס ליד איז געשריבן דעם 7טן אַפּריל 1943.

נאָך דעם קאָשמאַר פֿון די געטאָיאָרן, ווען ער איז געווען אייַנגעקלעמט אין "די פֿעסטונג", זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אין די קאַנאַלן פֿון דער "געהיימשטאָט", מיטגעגאַנגען מיט זייַנע ווילנער יידן מיט דער "יידישער גאַס", וואָס האָט גע־פֿירט אין איין ריכטונג — אויף פּאָנאַר, האָט דער דיכטער אָנגעהויבן צוריקצו־שטעלן די אויטאָריטעט פֿון וואָרט איבער די אויסערלעכע פּאַסירונגען. סובלי־מירט געפֿיל, ווירטואָזיטעט פֿון סטיל און פֿאָרעם האָבן פֿאַרביטן דעם פּאַטעטישן אויסגאָס פֿון יענע קאָשמאַרנע יאָרן. אַפֿילו דער צער און ווייַ, וואָס האָבן זיך אייַנגעקאָרבט אין אים אויף ניט אָפּצולאָזן, ווערן איצט אויסגעדריקט אין אַ מער

געליַיטערטער פֿאָרעם. און ער אַליין — אויך אַן אויסגעליטענער און געליַיטער־טער קומט אָן אין אַ פֿיַיער־וואָגן צום לאַנד פֿון זיַינע אָבֿות:

ווען כ׳וואָלט ניט זיַין מיט דיר ביַינאַנד,
ניט אָטעמען דאָס גליק און ווי דאָ, —
ווען כ׳וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
וווּלקאַניש לאַנד אין חבֿלי־לידה;
ווען כ׳וואָלט אַצינד, נאָך מיַין עקידה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
ווו יעדער שטיינדל איז מיַין זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מיַין גומען,
ביז אויסגעגאַנגען כ׳וואָלט פֿאַרגוי׳ט,
און בלויז מיַין בענקשאַפֿט וואָלט געקומען...

סוצקעווער דאַרף דאָ ניט אַריַינוואָקסן אין דער מידברדיקער ערד, אין דער ניַיער וואָר; ער איז דאָ ניט קיין פֿרעמדער, ניט קיין צוגעקומענער:

איַינגעשלאָפֿן בין איך דאָ אַ פֿיַינע פּאָר יאָרטויזנט,
צוגעוואָקסן צו אַ פֿעלדז. און איבער מיַין געביין
האָט די האַרעפּאַשנע ציַיט געמילגרוימט און געראַויזנט
און דעם איַינגעשלאָפֿענעם געהאַלטן פֿאַר אַ שטיין.

מיט יעדן ניַיעם ליד רייַפֿט זיך אויך מער און מער אַבֿרהם סוצקעווערס דיכ־טערישער טאַלאַנט. ער ווערט דער מיַיסטער פֿון וואָרט און דאָס וואָרט דינט אים מיט ממש קנעכטישער הכנעה. דאָ און דאָרט גיט עס אַ ווייע מיטן נאָכקלאַנג פֿון באַריס פּאַסטערנאַקס אַ ליד, מיט אַ שורה פֿון די גרעסטע פֿראַנצייזישע פּאָעטן, אָבער דאָס מינערט גאָרניט פֿון סוצקעווערס דיכטערישער אייגנאַרטיקייט, פֿאַר־קערט, עס ברענגט אַריין אַן אייגנטימלעכן קאָלאָריט און אַראָמאַט אין הויך־קינסטלערישן באַגאַזש, ווי למשל אין דעם ליד ״אימפּראָוויזאַציע״:

זאָל ניט קמצניש דיַינע שעהען —
זאָל די ציַיט ניט שפּילן מער דעם לץ.
נאָר צעשפּרייט זיי איבער אַלע דנאָען,
זונפֿאַרגאַנג זאָל צאַפּלען אין אַ נעץ.

זאָלן זיי אַ שפּרונג־טאָן אין אַ קראַטער,
שווימען איבער וואַסערן... אַבי
אָפּנאַרן דעם טויט. אין זיַין טעאַטער
זאָלסטו זיך ניט שטעלן אויף די קני.

רייס אַראָפּ זיין מאַסקע! און געשווינדער
דיינע שעהען איבער אים פֿאַרשפּרייט.
זקנים זענען פֿאַרגרימירטע קינדער,
און די אַלטע שטאַרבן יונגערהייט.

יאָ, סוצקעווער פֿאַלט צו מיט אַלע זיינע דאָרשטיקע חושים צום קוואַל פֿון וואָרט אין דעם ניי־געפֿונענעם „אָאַזיס", דער אָאַזיס פֿון זיין גייסטיקער ווידער־געבורט. אין דער צייט פֿון דער גרויסער פֿאַרלענדונג האָט אים דער זעלבער כּוח, דער זעלבער פּאַטוס, הגם ער איז געקומען פֿון צוויי גרונטפֿאַרשיידענע קוואַלן, געשטעלט אין אַן ענלעכער פּאָזיציע, ווי די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבערס. פּונקט ווי זיי האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון לירישער ווירקלעכקייט, כּדי צו ווערן דער פֿאַרטייטשער און אויסטייטשער פֿון דער נייער „מעסערדיקער וואָר", וואָס פֿאָדערט קרבנות אויף אַלע געביטן.

איצט גיט ער צוריק דעם וואָרט זיין זעלבשטענדיקייט און חשיבֿות. ער פֿירט צו דאָס וואָרט צוריק צו זיין אייגענעם בראשית און שלייערט עס אויס אין זיין גאַנצן דורותדיקן ייִחוס. ביי סוצקעווערן האָט ניט דאָס וואָרט די אויפֿגאַבע צו באַשרייבן, אַרויסהייבן די דרויסנדיקע געשעענישן און פּאַסירונגען. ביי סוצ־קעווערן נעמט איבער דאָס וואָרט די פֿונקציע פֿון מענטש — עס טרינקט מיט אָפֿענע חושים דעם ריח, דעם קלאַנג, די פֿאַרב, עס נעמט אַריין אין זיך דעם קלימאַט פֿון מענטשלעכע נשמה־לאַנדשאַפֿטן. דורך דער מאַגיע פֿון זיין וואָרט פֿאַרבינדט אונדז סוצקעווער מיט די מזלות פֿון פֿאַרשוויגענע געפֿילן, מיט אַלע ניואַנסן פֿון אויפֿגייענדיקע שטימונגען, מיט די טונקעלע פלאַסטן פֿון אונדזער אונטערבאַוווסטזיין. זיינע אימאַזשן שפּאַנען זיך אויס ווי אַ רעגן־בויגן איבער דער „גייסטיקער ערד" נאָך דעם גרויסן מבול; זיי גיבן רעאַליטעט קאָשמאַרנע וויזיעס און לייזן אויף דאָס רעאַלע אין דעם דעמער פֿון געלייטערטן טרויער.

טייל מאָל מאַכט אַבֿרהם סוצקעווער עקספּערימענטאַלע עקסקורסיעס אין מלכות פּאָעטישקייט, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַליין איבערצייגן, אַז מען קען אויסטאָן אַ ליד פֿון אַלע פּאָעטישע אַקסעסואַרן און זיך אַ שפּיל טאָן מיט אים, ווי מיט אַ באַל, וויסנדיק פֿון פֿאַרויס, אַז עס וועט דאָך טרעפֿן צום באַשטימטן ציל. ער מאַראַליזירט אין די דאָזיקע לידער, פּאָלעמיזירט מיט זיך אַליין, אָדער ער שמועסט זיך דורך מיט דער וועלט איבערן קאָפּ פֿון ליד:

דער זייגער האָט אויפֿגעהערט וויינען. געשלאָסן
אַ האַנט אין אַ האַנט איז דער גילדענער קרייז.
אַצינד מוזסטו מעסטן מיט אַנדערע מאָסן:
דיין הארץ איז אַ טויב אין אַ פּאַסטקע פֿאַר מייז.

אַבֿרהם סוצקעווער ווייס עס אָבער, אַז ווען ער וועט מיד ווערן פֿון דעם דאָזיקן געוואַגטן שפּיל מיט אַפֿאָריזמען־געדאַנקען, קען ער זיך אומקערן צו דער טיפֿער געדאַנקלעכקייט און דער מוזיקאַלישקייט פֿון זיין וואָרט אין דעם אויסגעפֿי־בערטן אָאַזיס, ווו „ביימער זעען אויס באַבלעטערטע חלומות", צו געפֿינען

אַן אַנשפּאַר אין דער „גײַסטיקער ערד‟, וואָס וועט אַן עכטן דיכטער קײן מאָל ניט פֿאַרראַטן.

די דאָזיקע גײַסטיקע ערד פֿירט פֿון אַלע גלותן — סײַ פֿיזישע, סײַ גײַסטיקע, אַלס באַגאַזש, ניט נאָר דעם דיכטערס חלומות און אַנטוישונגען, זי פֿירט אויך גלײַכצײַטיק די רעשטלעך פֿון אַ געפּײַניקט, צעברעקלט פֿאָלק, כּדי זיי צו פֿאַראַנקערן אין דעם אייגענעם לאַנד, ווו:

פֿון שבֿטים צוועלף — אַ גאַנצער קיבוץ־גלויות.

און צו יענעם באַרג, דעם הר־סיני, ווו „די שטילקייט בליט מיט בשׂמים / פֿון אַלע דורות‟. די דאָזיקע שורות, הויך־קינסטלעריש, און מאָנומענטאַל אין זייער פּשטות, זענען אַ פּועל־יוצא פֿון זײַן נײַער דערקענטעניש, פֿון דער וויזיע, וואָס האָט זיך אים אַנטפּלעקט אין „סנהען פֿון שוואַרצאַפּלען‟ בײַ דער „מתּן־גבֿורה‟.

סוצקעווער טראָגט אין האַרץ און אין בלוט דאָס געבאָט, וואָס פֿלאַמען פֿון די קרעמאַטאָריעס האָבן אויסטאַטוירט אויף זײַן נשמה.

דו זאָמל אײַן די רויכן אין דײַן ליידיקייט און פֿלי,
אַזוי ווי כ׳לעב, די טויטע קינדער מײַנע וועלן לעבן!

ג

ווי ס׳באַווײַזן זיך נאָך אַ לאַנגער, שווערן ווינטער צווישן מאָך די ערשטע שניי־גלעקלעך, אַזוי גיבן אַ שימער סוצקעווערס אײַגעהאַלטן־שטילע ליבעלידער מיטן גאַנצן חן און נאַגנדיקער בענקשאַפֿט פֿון אַ פֿאַרשפּעטיקטן פֿרילינג. איך קען זיך ניט אָפּהאַלטן פֿון ציטירן איינס פֿון זיי:

אַ דינע, שמייכלענדיקע האַנט
געצויגן האָט זיך מיר אַנטקעגן.
אַזוי קאָן אויסזען אַ בריליאַנט,
געשליפֿן זוניק פֿון אַ רעגן.

אַ האַנט זאָל שמייכלען מיט אַ בליק
פֿון אומפֿאַרמײַדלעכן באַצווינגער!
אַזוי קאָן ווײַזן זיך מוזיק,
ווען ס׳וואָלט מוזיק פֿאַרמאָגן פֿינגער.

די איידלקייט פֿון געפֿיל איז דאָ אײַנגעפּאַסט ווי אַ קמיע אין אַ גילדענעם רייף פֿון צימצומדיקייט און פּרעציזקייט.

פֿאַר אַ פּאָעט פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס מדרגה איז ניט לײַכט דער וועג צו זיך אַליין. עס לויערן אַזוי פֿיל סכּנות, עס לאָקערן אַזוי פֿיל בייזע כּוחות. נאָר ווען אַ דיכטער דערראַנגלט זיך צו אַזאַ סך־הכּל, ווי סוצקעווער, אין דעם ליד „פֿון זיך צו זיך‟, דעמאָלט קען מען זײַן זיכער, אַז ער וועט בײַקומען אַלע געפֿאַרן.

ווי לאַנג דער  ־װעג פֿון זיך צו זיך, ווי לאַנג?
אַ מאָל אַ גאַנץ לעבן רגע דאַרף געדויערן,
און שוין. אָט איז די גאַנצקייט. נאָר אַ שלאַנג
איז אויף דער סטעזשקע צווישן ביידע טויערן.
און זיבן וועלטן, זיבן קעלטן דאַרף אַ מאָל דער גאַנג
דער נאָענטער, פֿון זיך צו זיך, — געדויערן.

ווײַזט אויס, אַז סוצקעווער האָט יאָ דורכגעמאַכט דעם גאַנג "דורך זיבן וועלטן און דורך זיבן קעלטן", ווײַל ווי אַנדערש וואָלט ער זיך געקענט דער־הייבן אָן דער דאָזיקער דערקענטעניש צו אַזאַ גרויסער פּשטות און טיפֿער מענטש־לעכקייט, ווי אין דעם ליד: "שפּילצײַג?"

דײַנע שפּילצײַג, מײַן קינד, האַלט זיי טײַער,
דײַנע שפּילצײַג נאָך קלענער ווי דו.
און בײַ נאַכט, ווען ס'גייט שלאָפֿן דאָס פֿײַער, —
מיט די שטערן פֿון בוים דעק זיי צו.

לאָז דעם גאָלדענעם פֿערדעלע נאַשן
די פֿאַרוואָלקנטע זיסקייט פֿון גראָז.
און דעם יינגל טו אָן די קאַמאַשן
ווען דער אָדלער פֿון ים גיט אַ בלאָז.

און דײַן ליאַלקע טו אָן אַ פּאַנאַמע,
און אַ גלעקעלע גיב איר אין האַנט.
ווײַל ס'האָט קיינער פֿון זיי ניט קיין מאַמע,
און זיי ווייגען צו גאָט בײַ דער וואַנט.

האָב זיי ליב, דײַנע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — ווײ און ווינד — :
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

און דאָרט ווו עס טוליעט זיך צו די מירטנצווײַגן אויפֿן הר מירון דער ריח פֿון פּאָעטס קינדהייט, באַגעגענען זיך דאָס פֿאַרגאַנגענע מיט דעם אויפֿגייענדיקן "בײַם קוואַל פֿון טרערן" פֿון וועלכן עס טרינקען זיך אָן מיט וואונדער ניט נאָר אַבֿרהם סוצקעווערס אייגענע ווערטער, נאָר מיט זיי צו גלײַך די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור:

אַ דרימל־זונאויג מיניעט זיך אויף יעדן מירט באַזונדער.
ס'פֿאַרגאַנגענע — וועט באַלד אַ נײַע זײַניקייט געבערן...
אַנטפּלעק מיר, קול, דעם קוואַל ווו דײַנע ווערטער טרינקען וואונדער!
— געפֿינסט דעם קוואַל אין דיר, אין דײַנע טרערן.

אַריה שמרי

# מיט סיבירער װײַן

אַ יובֿל גייט, אַבֿרהם סוצקעװערס יובֿל. כ׳שטעל זיך פֿאָר, װי אַזוי דער ציפֿער 50 װעט גיין זיגזאַגיק־װאַקלדיק צום דיכטערס טיר, און מיט װיפֿל מי ער װעט זיך פֿראַנטעװען, כּדי אויסצוזען יונג, אַז דער דיכטער זאָל אים אַרײַנלאָזן אין זײַן פּאָעטישן היכל. כ׳בין אַ בעלן צו זען, װי אַזוי דער יוסטער פּ ו פּ צ י ק װעט מצליח זײַן. סײַדן ער װעט ענדערן זײַן ניכטערע מיושבֿדיקייט און ער װעט זיך לאָזן אָנשיכּורן פֿונעם פֿינקלדיקן סיביר־װײַן, װאָס איך טרינק שוין אַזוי פֿיל יאָרן מיט אַ ״בורא פּרי הגפֿן״ פֿון ישׂראלדיקער נאַטור־שיכּרות.

װײַסער װײַן פֿון קינדהייט, פֿריש, קדמוניש.
נאָנטע נעכטן־ריחות. קאַראַװאַן
זונען און לבֿנות. אומפֿאַרגײלעך
ציִען זיי דורך מיר — דעם היגן מלך.

מיט אָט דעם װײַסן ״װײַן פֿון קינדהייט״ איז גוט צו קומען אין טאָג פֿון יובֿל. ער איז האַפּטיק. אַלע װיטאַמינען פֿון שירה יוירן אין זײַן בלענדיקייט; די ערשטע פֿינקלענישן פֿון װעלטס סוד און שיינקייט; דער ערשטער אויפֿשוים פֿון ״העלן מוט״ פֿאַר דרייסטקייט און גבֿורה. און טאַקע בײַ אים, בײַם בעכער װײַסן װײַן, — סיביר־געזאַנג — יענע גרויסע קאַראַװאַנישע צעװיגטקייט איבער דער צײַט און אירע אויפֿגעציטערטע מרחקים, אין גרויסװעלט־געזאַנג פֿון אַבֿרהם סוצקעװער.

זאָל שטיין דער ״װײַסער װײַן״ אויפֿן טיש, אין טאָג פֿון יובֿל.

״סיביר״, װי סוצקעװער האָט די פּאָעמע אויסגעפֿאָרעמט, בלײַבט אַ װינקלשטיין אין זײַן שאַפֿונג און אַ פֿעסטער באַװײַז פֿאַר דער ייִדישער פּאָעזיע, װי װײַט און דרייסט זי איז דערגאַנגען אין אירע פֿאַרמעסטן — אַרײַנצונעמען אין זיך װעלטלאַנדשאַפֿט.

װ ע ל ט ל אַ נ ד ש אַ פֿ ט — סײַ שטחדיק, אין ״פֿאָלג מיך אַ גאַנג״ פֿון שטעטלשער מיליע ביז טיף־אָטעמדיקייט פֿון װײַטע ערגעצן, און סײַ אין זינען פֿון פּאָעטישע איכותן מיט יונגן גרויסװעלטישן שאַפֿונג־נוסח.

סוצקעװערס ״סיביר״ מיינט קינדהייט, היים, בליק אויף צוריק און על־פּי שׂכל־הישר פֿון רוטינירטן נאָסטאַלגיע־נוסח האָט דאָ געלויערט (בײַם װאָלף װאָס שמעקט צום ״פֿלייש פֿון דער מוזיק״) יענער ״צאַרטער צערטל״ פֿון פּרימיטיװע צוגעלאָזטקייטן, װאָס האָט שוין ניט איין פּאָעט געשטעלט בדיל־הדל. אָבער סוצקעװער האָט אויסגעמיטן יעדע נאָסטאַלגיע, און די װערטיקייט פֿון דער פּאָעמע איז דװקא אין איר האַרט־צעמענטיקן אָװעקשטעל, אין איר סקולפּטאָרישער פֿעסטקייט, װו געפֿילן שוימען ניט, נאָר ברויזן, און דער בליק אויף צוריק האָט אין זיך דעם נײַגערישן אויסקוק צו מרחקים, װאָס איז דער סימן מובֿהק פֿון װעלטלאַנדשאַפֿטלעכן אין סוצקעװערס דיכטונג.

די סטאַטישע פֿונדאַמענטן פֿון געצוימטן מײַסטעריש־בילדערשן וואָרט — די אַלע תּמציתדיקע דעטאַלן פֿון סוצקעווערס סיביר־זעונג, ווי: "אײַזיק בלאָע וועגן", "אויסגעשוויגענע קופּאָלן" — זענען אין גאַנצן אַדעקוואַט פּאַראַלעל צו דער סיבירער פּראַסטיקייט און הויכער אומענדיקער ווײַסקייט פֿון דער גוט־מאָלעריש באַנומענער לאַנדשאַפֿט.

אין דער קופּאָליקער אויסגעשוויגנקייט הערן זיך אַרויס — טאַקע צוליב דער אויסגעשוויגנקייט הערן זיך נאָך טיפֿער אַרויס — די אַלע "שנייענקלאַנגען", טײַבלעכס פּיק־פּיק, וואָרצלענס צײַנגעקריצן, זונענס שפּיזגעשרייען, און דער עיקר — די ערשטע קינדפֿרעגעניש אויף דער סודיקייט פֿון אַ ווײַסער וועלט — אירע ווײַטקייטן און גרענעצן.

אַ קינדהייט גייט דאָרט אויף — "בליט אַ וועלט — אַ קינד פֿון זיבן יאָר" — שטיל און דין־קלינגענדיק ווי די טריט אויפֿן אײַזיקן שניי. די אָפּגעהאַקטע קורצ־קייט אין די שורות איז דער געטרײַער ריטעם פֿון די שנייטריט:

פֿעלדער — בלאַנקע, בלענדיקע מעטאַלן — —

און אין דער קינדישער אײַנגעהערטקייט:

יעדער שניי איז אַ פֿאַרפֿראָרן גלעקל,<br>
גיב אַ ריר און ס'ענטפֿערט מיט אַ קלונג,<br>
און דער קלונג — אויף טויזנט אַ צעברעקל.

און נאָך מער איז די דאָזיקע דינקייט און קורצקייט אין דער היים־שילדערונג, אין די געוויינטלעכע וווּנדער־רגעס, ווען עס שפּילן סודיק זאַכן און געשעענישן צווישן טאַטע און זון. איינציקע ווערטער ווערן דאָ אויס אַ גאַנצע מיסטעריע:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.<br>
קינדהייט. קינד.

נאָר איבער זיי — נאָך מער בקול־דממה־דקה:

אַ שאָטן נעמט אַראָפּ<br>
ס'פֿידעלע פֿון וואַנט, און דין־דין־דינע<br>
שנייענקלאַנגען פֿאַלן אויף מײַן קאָפּ.

שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —<br>
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט<br>
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען<br>
איבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.

דאָס פּשוטע זאַכוואָרט "זילבערלעך" ווערט דאָ דער סאַמע פֿאַרביקסטער תּמצית

פֿון אַ מוזיקאַלישער סיטואַציע אין דער וויבריִרנדיקער לופֿט צווישן טאַטן דעם בעל־מנגן און דעם קינד, וואָס וואַקסט אין דער שניי־לבֿנה־גלאַזיקייט צום לויטערן זילבער פֿון זײַן מאָרגנדיקן פּאָעט־באַרוף. דער טאַטע זעט עס נאָך ניט:

טאַטע זעט ניט, אַז פֿון העלער הויט
ווער איך פֿון אַ ייִנגל — אַ לאַווינע,
ווען ליכט און וווּנדער האָט געבויט.

דער צוזאַמענגאַנג פֿון פּלאַסטישער נאַטור־זאַכיקייט, דמיונדיקער חלום־פֿאַרביקייט און וואַכער דענקענדיקער געדאַנקלעכקייט — וואָס איז אַזוי אייגן פֿאַרן גאַנצן נוסח־סוצקעווער — זעט זיך אַרויס וואָרצלדיק, מהותיק אין אַ קליינער שילדערונג בײַם משפּחה־טיש פֿון סיבירער "ליכטיק טונקעלן, פֿאַרשנייטן כוטער":

ווײַס ווי די לבֿנה איז דער טאַטע,
שטילקייט פֿונעם שניי אויף זײַנע הענט.
ער צעשנײַדט דאָס שוואַרצע ברויט מיט בלאַנקן,
רחמימדיקן מעסער. ס'פּנים בלויט.
און מיט נײַ צעשניטענע געדאַנקען
טונק איך אײַנעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.

אַלץ אײַניקט זיך דאָ: נאַטור־זעונג פּערזאָניפֿיצירטע — שניישטילקייט אויף הענט; זאַכיקייט — רחמים־שפּיל פֿון ברויט און מעסער; שפּירעוודיקע געדאַנקלעכקייט בײַם טונקען ברויט אין זאַלץ — טאַטנס ברויט.

דאָס גייען מיט ליד אויף ראַנד פֿון זאַכן — איז אַ פּשטות, וואָס איז גאָר ניט אַזוי פּשוט.

טאַלאַנט צו באַגײַסטערונג פֿאַר זאַכן, חוש פֿאַר פּלאַסטישע עלעמענטן — געהערט ניט צו די געוויינלעכקייטן און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייטן פֿון דער ייִדיש־שירה. אפֿשר אַ גלגולדיקער רעזולטאַט פֿון "לא תעשה לך פסל", און זיכער צוליב אונדזער גורל־געשאַנק — וואָגל־וואַנדער און דאָס פֿעלן פֿון יניקה און באַהעפֿטונג צו נאַטור און שורש.

דערפֿאַר איז פּנים חדשות — די עצם נטיה צו אײַנגעהערטקייט, ווי:

שטיל. אין אונדזער טויבנשלאַק אַ טײַבל
פּיקט זיך פֿון אַן אייעלע, פּיק־פּיק.

אָדער:

די וואָרצלען פֿונעם וואַלד
קריצן מיט די ציין אין טיפֿע גרונטן.

און דאָס נאָכקוקן חיה־טריט, ניט נאָר אין שרעק, נאָר אויך מיט נײַגער צו שיינקייט:

די סימניב ..אָפּעס וואָס אַ חיה
האָט פֿאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי —

ס'איז סוצקעווערס געפֿינס און געווינס אַט די וואַכע הער־און־זעעוודיקע חושימדיקייט פֿאַר נאַטור און זאַכן (כּמעט אַ "גוייִשער" נס אין יידיש). זיי האָבן שוין געפֿינקלט און געשאַרכט אין זיינע "ווונדערוועלדער" און "צויבער־שליטנס" בעת זיין סיבירער אָנהייב און זענען שפּעטער אין זיין אויפֿגערייפֿטן "וואַלדיקס" געוואָרן דער:

אַלץ איז ווערדיק פֿאַר מיין אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חשובֿ, טייער פֿאַר מיין סטראָף:

ווי אין יעקבֿס חלום — לייטער איבער שטיין, מלאָכים אויפֿן לייטער — די דאָנקפֿולע אָפּצאָלונג פֿון נאַטור און זאַכן צום פּאָעט, ווען ער דערגייט דעם סוד פֿון זייער זיין, דעם ווונדער אין דער ממשות. דאָס ז י י ן ווערט ו ו ע ר ן, און דער דומם פֿון נאַטור און זאַכן ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אויסשטראַלונג פֿון פּאָעטישער סובלימירונג.

אַזאַ חלומדיקע שטייגונג פֿון רויער ממשות צו העכערע ספֿערן, איז דער בעסטער שׂכר פֿאַרן פּאָעט, וואָס "אַלץ איז ווערדיק" פֿאַר זיין אויגס געוואָגל.

שוין איינע פֿון סוצקעווערס סיביר־זעונגען זאָגט עדות אויף אַזאַ לייטער־שטייגונג, כאָטש אויף איר שפּיץ גייען ניט אַרום קיין מלאָכים, נאָר — אָטעמס:

פֿונעם הונט, געשפּאַנט אין שליטן, פּראַלט
לעבעדיקער דאַמף. דער דאַמף באַגעגנט
שטייגנדיק אַ קוימענרויך וואָס העלט
און אַ מענטשן־אָטעם פֿון דער געגנט —
ביז אין לופֿט בלייבט הענגען אַ געצעלט.

ווי אויף טרעפּ, און אַלץ אויסגעאיידלטער, שטייגט דאָס דאָזיקע סובלימירטע לופֿטבילד פֿון הונטדאַמף, קוימענרויך, ביז מענטשן־אָטעם.

און גלייך נאָך דעם, אין האַריזאָנטיקן לופֿטקוק, נאָך העכער, קומט דאָס גע־דאַנקלעכע פֿון אומרויִקן קינד־פֿרעגער:

"זאָג, ווו ענדיקט זיך די וועלט, אַ, טאַטע?"

אַזוי הייבט זיך עס אָן פֿון סאַמע נאָענט, פֿון ממשות "אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט", דורך גייסטיק שטייגנדיקע סובלימירונגען פֿון לופֿט־שפּילנדיקע דמיונות, ביז זיי פֿאַראַנקערן אין דיאַלאָגישן צווישן טאַטע־זון — פֿראַגן און ענטפֿערס; זוכעניש און סודיקער אַריינבליק אין וועלטס פֿאַרהוילנקייט. אָבער אַלץ — אין דער קאָנ־קרעטער ראַמיקייט פֿון פֿאַרשנייטן כוטער, און וועלט־רחבֿותן פֿאַרסודיקטע, וועלכע רירן אָן די היים־ממשות — די טירן און פֿענצטער.

אויף דער פֿראַגע: "ווו ענדיקט זיך די וועלט" ווײַזט אָן דער טאַטע:

"הינטער יענער כאַטע,
אויפֿן באַרגשפּיץ, ווו די זון פֿאַרגייט".

און סאַראַ סך־הכל פֿון דאָזיקן פֿרעג און ענטפֿער! — מיט סאַראַ נײַגער, זשעדנעקייט און פּאָעטישער טעמפּעראַמענטפֿולקייט:

אַניאָגן די שקיעה! און איך לויף
אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פֿון טרערן,
ווו די וועלט זיך ענדיקט, באַרג אַרויף.
בײַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען,
ס'זאָל ניט זײַן מײַן בענקעניש אומזיסט.
אַלע יאָרן, ביז־מיר, יאָר־מיליאָנען,
צאַפּלען פֿון די שנייען: זײַ באַגריסט.

אַזאַ פּאָעטישע לײַדנשאַפֿטלעכקייט אָנצורירן דעם סוד פֿון וועלט־עקסיסטענץ, און ממשותדיק — "הינטער יענער כאַטע"! אַזוי פֿאַנטאַזיסטיש־מאַגיש איז די שורה "בײַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען" — אַזעלכע אויגן האָבן אַרויסגעפֿינקלט פֿון די בלאָע אײַזיקייטן און שנייען פֿון אַלע "יאָרן ביז־מיר, יאָר מיליאָנען". און אַזוי הימניק־עקסטאַטיש איז דער אַרויסזיג צו חדוות־החיים פֿון "זײַ באַגריסט" אינעם צאַפּלען פֿון די שנייען.

דער "זײַ באַגריסט" פֿון שנייען, אַרויסגעהערט אין דער קאָסמישער ליכטיקייט פֿון דער סיבירער לאַנדשאַפֿט — וואָרצלדיקער האָפּט און קראַפֿט איז ער פֿאַר דעם גאַנצן דרך החיים און דרך היצירה פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.

ניט נאָר מיט דערמאָנונג שליסט זיך די פּאָעמע "סיביר" נאָר אויך מיט מאָנונג:

זאָלן אָט די קלאַנגען, זאָל די מאָנונג,
בלײַבן איבער מיר אַ מאָנומענט.

אין אַלע גבֿורה־שורות פֿון אַבֿרהם סוצקעווער — אויסגעזונגען אין מאוימדיקן אומבײַט פֿון דער צײַט אויף גאָר אַנדערע וועגן און פֿעלדער — וועלן מיר אויך דערקענען די ערשטע גבֿורה־זעונגען בײַם אירטיש:

איצט דערלאַנגט אַ פֿלאַטער פֿול מיט גבֿורה
לעבן פֿלאַם אַ בראַנדזענע געשטאַלט.

אָן שום ספֿק, אַז דער סיבירער "צפֿון־שטערן" איז געוואָרן ליכט און וווּנדער פֿאַר יאָרן, און כּוח החיים אין אַלע נסיונות:

ווען מײַן לעבן צאַנקט ווי אַ לאַמטער,
בייג איך מײַן געזאַנג צו אײַך אַריבער,
עפּן זיבן אויערן און — הער.

דער "העלער מוט" וואָס האָט סוצקעווערן געשטאַרקט אין זײַנע ערשטע נײַ־פּאַרעמדיקע געזאַנגען — אַוודאי און אַוודאי איז ער ניט געווען בלויז קאַפּריזנע העזה פֿון יונגער מאָדערנקייט — ווי עס פֿירט זיך בײַ לײַטן מיט יעדן העזהדיקן אַרויפֿשפּאַר פֿון יונגע שעפֿערישע כוחות. ס'איז דער העלער מוט פֿון זײַנע ערשטע פֿרישנאַטוריקע יניקות. מיט זייער געזונטער העלקייט האָט סוצקעווער אויסגע־שטאַלטיקט אויף דער טרויער־פּאַנאָראַמע בײַ "די טויערן פֿון געטאָ" זײַן מוטיקן חזיון פֿון "אַ האָרדע בלויאויגיקע יונגען".

די אַרבל פֿאַרקאַשערט, און פֿעסט די ידים:
— מיר ווילן דאָס פֿאָלק פֿון זײַן געטאָ באַפֿרײַען.

ניט צופֿעליק באַווײַזט זיך אין ליד "אַ נאַכט מיט שפּינאָזע", ווי אַן עדות צום בונד פֿון ליד און געדאַנק — די ווײַסע בעריאָזע: "אַ ווײַסע בעריאָזע קלאַפּט אַן אינעם פֿענצטער". דאָס זענען אַלץ די שפּורן פֿון "העל־סיבירישן געזאַנג".

אויף "וואַלדיקס" — וואָס זעט הײַנט אויס ווי אַ נס, ווי אַ ווײַטער זוניקער אינדזל אויף יענער זײַט פֿון אַ שטורמישער צײַט — איז געקומען ווי אַ הונגער צו באַנײַטער נאַטור־קרעפֿטיקייט, דווקא ווען אַלע ביימער האָבן געזאָגט בלעטער־פֿאַל און דער שטורעם איז געהאַנגען אין דער לופֿט. ס'איז געווען אין גורל־דיקן אינסטינקט פֿון פּאָעט צו גיין אין וואַלד נאַראַטש — אָפּזוכן די לעצטע זוניקייטן, איידער זיי פֿאַרשווינדן און וואַלד נאַראַטש ווערט דער פֿאַטאַלער מקום־מיקלט פֿאַר די ניט־דערשאָכטענע אַנטלויפֿערס פֿון די געטאָס און לאַגערן.

און אויב עס גייט אין דערקענען דעם שורש אין שפּעטערדיקע שאַפֿונגען — איז דער בעסטער עדות די "אָדע צו דער טויב".

די טויב — אַ מאָל האָבן מיר זי געהערט ערשט אַנטפּלעקט, בײַם אָנהייב פֿון דער סיביר־פּאָעמע — אין דעם אויספּיקן פֿון אַן אייעלע, און דערנאָך, בײַם סוף פֿון דער סיביר־פּאָעמע, בײַ דעם לעצטן אָפּשייד פֿון טאַטן, אין לויף נאָכן שליטן מיטן אָרון. אַריבער דעם אָפּגרונטיקן קבֿר —

נאָר מײַן טויב איז דעמאָלט גראָד פֿאַרפֿלויגן,
אָוונטזון באַקריינט מיט ווײַסן גאָלד,
און אַרויף צום לעבן מיך געצויגן.

זי איז ווידער געקומען אויף דער ישׂראלדיקער ערד:

פֿינגערשע נעסטן פֿון יִנגל דערוואַרעמען זי און זיי קושן.
וואָרקען מיט זוניקן אָטעם אויף ס'בײַ אירע שנייִקע פּליושן.

און ווידער ניט נאָר לשם דערמאָנונג, נאָך העל־מוט פאָרן עתיד:

— כ׳וועל מיַינע פליגל דיר אָנטאָן, אַרויסציִען וועל איך די נעגל,
אָנבלאָזן וועט זיך מיט פריַיהייט אַ וויַיסער געדאַנק ווי אַ זעגל.
ביסט ניט ביַים טויט אין אַרענדע, די טעג וועלן קריַיזן און קריַיזן,
אייביק איז בלויז די לעגענדע און זי וועט אַ שמייכל באַוויַיזן.

ניט צופעליק טרעפן מיר דאָ ווידער די שנייען־לאַווינע, די וויַיסע בעריאָזע. אונטער אַ בוים לעבן ים־סוף דערקלינגען די כוואַליעס דעם דיכטערס אָדע. אָבער דאָ ביז אַהער ציט די וויַיסע לאַנדשאַפט, און די פריַיד מיטן דערקענטן טיַיבעלע:

— טיַיבעלע, ביסטו די זעלבע, די פליגל ניט גראָ, איז דאָס מעגלעך?

ווערט אויך די מסקנא פאַר ניַיע פריידיק שעפערישע העלקייטן:

— בויען און בויען דעם טעמפל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!

דאָס איז זי — די ערשט אָנגעטרויטע זינגיקע לעבנס־עשירות, דער "זיַי באַגריסט", אַרויסגעהערט אין די רחבֿותדיקע ליכטפעלדער פון דער באַלעבנדיקער פאָעט־לעגענדע "סיביר".

ניַיע מילגרוימיקע וויַינען פון ישׂראל־ערד, מיט טעמים פון סוצקעווערס ישׂראל־געזאַנג, שטעלן זיך אַליין — על דעת המקום והקהל — אויפן טיש פון סוצקע־ווערס יובֿל־שׂימחה. זאָל צווישן זיי אויבן אָן זיך פילן שטאָלץ דער בכור, דער וויַיסער סיביר־וויַין, און פון שניילאַנד ביז זונלאַנד זאָל זיך הערן העלמוטיק: זיַי באַגריסט!

יעקבֿ גלאַטשטיין

# 50 יאָר סוצקעווער — 500 יאָר ייִדיש

דער 50סטער געבורטאָג פֿון אַ. סוצקעווער איז דער יום־טובֿ פֿון 500 יאָר ייִדיש. סוצקעווערס לידער שטעלן מיט זיך פֿאָר די איבערצייַגנדיקסטע באַווייַזן פֿון אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט ביז קיין גלייַכן צו זיך אין דער געשיכטע פֿון לשונות. מען וואָלט באַדאַרפֿט דורכלייענען אַ גאַנצע ביבליאָטעק פֿון ייִדישער פּאָעזיע, כּדי אונטערצושטרייַכן און אַרויסברענגען דעם טריומף פֿון ייִדיש. אָבער אין סוצקעווערס ליד געפֿינט מען אַלץ אויפֿגעזאַמלט, אַלע הערזישע מעלות פֿון אַ לשון וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך אַ ריי נאַציאָנאַלע קריזיסן און קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס זענען געוויינטלעך עלול צו פֿאַרגליווערן און פּאַראַליזירן פֿאָלקסאויסדרוק און אים אייַנקאַרגן ביז אַ קרעכץ.

ייִדיש האָט זיך געלייַטערט אין אָרעמקייט. די אמתע באַריידעוודיקייט און צעשמועסטקייט האָט אונדזער לשון באַקומען אַ דאַנק די געדיכטע פֿאָלקסמאַסן. די רייַכערע קלאַסן האָבן געקאַרגט רייד און ווען ס׳איז זיי געוואָרן גאָר ענג אין אויסדרוק, זענען זיי אָנגעקומען צו אַ סך פֿרעמדשפּראַכיקן גראָבן קלייַען. דער ייִדישער פֿאָלקסמענטש האָט טיפֿער געגראָבן און אַרויסבאַקומען די טייַערסטע פּערל, זייַן טרויער און זייַן פֿרייד איז ניט געווען גאַנץ, ביז ער האָט זיך ניט אַרויסגעהאָלפֿן מיט די אומגעריכטע ווונדערס פֿון ייִדישן לשון. ייִדיש האָט אים אַקאָמפּאַנירט דעם גאַנצן ייִדישן מעת־לעת.

בייַ וויניק ייִדישע פּאָעטן שפּירט מען אַזוי די ריינקייט פֿון אונדזער שפּראַך, ווי בייַ סוצקעווערן. כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, אַז אַ בלעטל סוצקעווער שאַפֿט אַ קלימאַט וואָס ברענגט אַ רייך־ייִדישע פֿלאָרע, ווי פֿרוכט אָפּגעריסן פֿון אַ ייִדישן בוים. אָפֿט מאָל דאַכט זיך ווען מען גיט זיך איבער צו סוצקעווערס עטלעכע צענדליק שורות, אַז ער גיט אונדז אַ לעקציע אין ייִדיש־שאַפֿונג פֿון ערשטע טריט ביזן הייַנטיקן טאָג. סוצקעווער רעדט און אילוסטרירט. ער איז אַליין דער לעקטאָר, דער אילוסטראַטאָר און דער מנגן. מען הערט אין אַ בלעטל סוצקעווער, ווי ס׳פֿליט אַרויס די גאָלדענע פּאַווע און ווי תּוך כּדי דיבור פֿליט זי דורך אַלע מעטאַמאָרפֿאָזעס פֿון אונדזער לשון. זי נאַשט בייַ דער פֿאָלקס־מעשׂה, בייַ חסידישע מעשׂיות, בייַ די קלאַסיקערס אונדזערע און זי ווייַזט וואָס פֿאַראַ אַן אוצרות עס ליגן נאָך אין לשון באַהאַלטן, ביז איצט ניט־אַנטפּלעקטע, ניט־אַנטדעקטע.

און נאָך איידער מען נעמט־אויף דעם אינהאַלט פֿון סוצקעווערס אַ פֿערז, זינגט מען אים אויס מוזיקאַליש, און מען שפּירט אַז דער פּאָעט איז איבערגעגעבן צו אַ גרויסע עבֿודה — ער זינגט פֿאַר אונדז דאָס געזאַנג — ייִדיש. סוצקעווער איז דער אַלקעמער און אַלמייַסטער פֿון ייִדישן ליד. ער קען נעמען אַ פֿערז און אים פֿאַרקינסטלערן, פֿאַרקונציקן, פֿאַרוועבן אין אַלוזאַרישע מיינען, וואָס איין מיין זאָל ווערן אַ שאַכטעלע פֿאַר אַ צווייטן און אַ צווייטער פֿאַר אַ דריטן און אַלע דרייַ זאָלן זיך אַרומנעמען מיט שלום עליכמס פֿון אַזעלכע גראַמען, וואָס ייִדיש האָט אין זיך פֿאַרגניזהט ביז דעם טאָג, ווען ס׳איז דערשינען אַבֿרהם סוצקעווער

און ער האָט געהאַט די זכיה צו עפֿענען און אַנטפּלעקן די דאָזיקע דערשטוינונגען.

דער יום־טובֿ פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט סוצקעווער איז אַ פֿולער קיילעכדיקער יום־טובֿ, ווייל ס׳איז אוממעגלעך צו דערגרייכן וואָס סוצקעווער האָט ווירטואָזיש דערגרייכט, אויב ער איז ניט געוואָרן דער אויער־און־אויג־פּאָעט פֿון טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט שוין פֿון טאָג פֿון זיין געבוירן געמוזט צעברעכן אַן אַריינגעגנבֿעטן שטראַל אויף די פֿאַרשידענע קאָמפּאָנענטע ליכטשפּריצלעך. די פּאָעטישע בילדלעכקייט זיינע איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ גרויסער דערפֿאַרונג, אַ קינדישע, אַ שטיפֿערישע, אַן אַנאַליטישע און אַן אַנווענדלעכע אויף רייפֿסטע זעונגען און געשעענישן. ס׳איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ רייכער לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט דעם פּאָעט גענומען אין דער אַרבעט אַריין, נאָך איידער ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם סוד פֿון וואָרט.

ווען סוצקעווער איז געוואַקסן און ער האָט איינגעזאַפּט מוזיקאַלישע רייד און לידער פֿון פֿרעמד־לשונדיקע פּאָעטן, איז ער ניט געבליבן געפּלעפֿט, ווייל ער איז שוין דעמאָלט געווען גרייט מיט זיין גאַנצן פּאָעטישן אַרסענאַל צו טאָן דאָס זעלביקע צום יידישן געמאָסטן־און־געוואויגן וואָרט.

דער שידוך פֿון וואָרט, מוזיק און געפּלאָטער פֿון אַן אָריגינעלער בילדלעכקייט איז ביי סוצקעווערן גלייך געשטעלט געוואָרן אין דינסט פֿון יידישן לשון, דורך אַלע קלימאַטישע באַדינגונגען, ווי יידיש וואָלט געווען דאָס באַגערטע לאַנד פֿון יונגן פּאָעט.

מ׳קען ניט שרייבן אַזעלכע לידער ווי סוצקעווער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין זיין יוגנט און ניט האָבן דאָס געפֿיל, אַז יידיש איז אַ לאַנד מיט די רייכסטע מעגלעכקייטן. אין סוצקעווערס ערשטע לידער איז ניט פֿאַראַן דער מינדסטער סימן, דער מינדסטער קאָמפּלעקס פֿון זייטיקייט, פֿון בעל־כּרחודיקייט, פֿון שרייבן אויף אַ לשון, וואָס איז ניט אַ טייל פֿון דער גרויסער וועלט־סימפֿאָניע פֿון לשונות. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן מיט זיין גאַנצער געבוירענער פּאָעטישער באַגאַבונג אין דער רחבֿות פֿון יידישן לשון און ער האָט זיך אויף אַן אמת און ניט איראָניש צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייננגאָרטן.

סוצקעווער איז אַ וווּנדערלעכער איינזאַפּער פֿון איינדרוקן, וואָס ווערן פֿאַרנוצט געזונטערהייט. אַלע חושים זיינע זענען תּמיד איינגעשפּאַנט אין דער מיסיע פֿון לעבן. דורך זיינע לידער רעדט אַ פּאָעט וואָס האָט ניט נאָר ליב דאָס יידישע לשון, נאָר די יידישע ליטעראַטור, די יידישע שעפֿערס און מען פֿילט באַשיים־פּערלעך, ווי די ליבשאַפֿט זיינע זינגט אויס אַן אָדע צו דער אַנטוויקלונג פֿון יידיש און צו יעדער ליבשאַפֿטלעכער האַנט וואָס איז צוגעלייגט געוואָרן אין פּראָצעס פֿון דער גרויסער אַנטוויקלונג. ביי סוצקעווערן ווערט דאָס אַלץ פּאָעטיש סינטעזירט. סוצקעווערס קערבֿ מיט מתּנות צו דער נייער יידישער פּאָעזיע זענען דערצו גרויס דערמיט, וואָס זיי גיבן יידיש די חשיבֿות פֿון אַ באַזונדערער פֿעסטונג וואָס מען מוז איינעמען. מ׳קען אויף סוצקעווערס לידער ניט פּראָווען קיין עלעמענטאַרע סטאַטיסטיק פֿון אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל סלאַווישע ווערטער, אַזוי פֿיל העברעישע אויסדרוקן און אַזוי פֿיל מיטל־הויכדייטש. דער פּאַראַד

פֿון סוצקעווערס ליד איז אַ פֿולע און באַזונדערע דערגרייכונג, וואָס ווי קאַטאַ־ליטיש די באַזונדערע באַשטאַנדטיילן זאָלן ניט זײַן, איז דער פּראָדוקט אַ כּע־מישער. ער איז פֿון די געציילטע גרויסע יידישע פּאָעטן, וואָס דעמאָנסטרירט אויף אַן איבערצײַגנדיקן אופֿן די וווּנדערס פֿון אַנטשטאַנען יידישן לשון.

צום געבורטסטאָג ווערט מען זיכער שאַצן און אָפּשאַצן סוצקעווערס ליד — אין דער פּראַסטיקער פֿרייד פֿון סיבירישע מאָרגנס, און די געזעענע גרוילן פֿון דער געטאָ, ווען זײַן גרויזאַמע מײַסטערשאַפֿט איז געווען אַ געשאַנק אין די שוידער־טעג ווען דער גאַנצער יידישער הימל איז געווען געשלאָגן מיט פֿאַרפֿינצטערניש, אין דער "געהיימשטאָט" פֿון פּאַרטיזאַנישע קאַמפֿן, און די ניסים פֿון באַפֿרײַונג־קאַמפֿן אויף אייגענער ערד, אין עקזאָטישע אַפֿריקאַנישע געזאַנגען, אין געבורט פֿון אַ נײַעם פֿאָלקלאָר — די אומעטומיקייט פֿון פּאָעט, זײַן ווערסאַטיליטעט, זײַן גרויסקענעוודיקייט און פֿילזעעוודיקייט.

איך אַליין האָב עס שוין געטאָן בײַ אַ סך געלעגנהייטן און איך לאָז עס איצטער איבער צו אַנדערע וואָס טראָגן אונטער זייערע געשאַנקען צום געבורטסטאָג פֿון פּאָעט. מיך אינטערעסירט אין דעם מאָמענט, בעת עס ליגן פֿאַר מיר סוצקעווערס לידער און איך בלעטער זיי, די פֿולע און זעטיקע דערגרייכטקייט פֿון לשון, אין די הענט פֿון אַ מײַסטער וואָס לעבט אַזוי בשלום מיט יידישע ווערטער, ווײַל ער האָט קיין מאָל ניט געשפּירט קיין צוואַנג און קלעם, בעת ער האָט געזונגען. יידיש איז אים אַנטקעגנגעקומען מיטן בעסטן און שענסטן און וויפֿל ער האָט זיך מײַסטעריש ניט געריצט מיטן לשון, איז אים יידיש גאַרניט שולדיק געבליבן, זי האָט אים צוריקגעשפּילט מיט אַלע חנען און געווינען, אַז וויפֿל ער האָט פֿאַר־לאַנגט, פֿאַרמאָגט זי נאָך: אַקער, גראַב, אַרײַן און אַרויס — אַלץ איז דאָ אין יידיש, פֿאַר דער גרעסטער מעגלעכער מײַסטערשאַפֿט, אויב דער מײַסטער אַליין לײַדט ניט פֿון שפּלות, אַז אים קלעמט נעבעך דאָס יידישע לשון.

סוצקעווער איז אַ גלייביקער פּאָעט, אַפֿילו אין די שווערסטע טעג פֿון לעסטערונג האָט ער געלעסטערט ווי אַ גלייביקער. אָט די גלייביקייט קומט אים שטאַרק צו נוץ, בײַם אײַנהיימישן זיך מיט אַלערליי נײַע טעמעס און אינהאַלטלעכקייט. ער גלייבט אין זײַנע לידער. בײַ דער גאַנצער גרויסמײַסטערשאַפֿט זענען זיי ניט קיין טעכנישע צאַפּלען, נאָר זיי זענען פֿולע, געשעענע לידער. די לידער זײַנע זענען ישן — זיי זענען דאָ, די מייסטע לידער זײַנע נייטיקן זיך ניט אין אָנשפּאַר אויפֿן גאַנצן פּאָעט, אַז ער זאָל זיי פֿירן אויף אַ גילדן קייטעלע, זיי עקסיסטירן אין אייגענעם זכות, ווײַל זיי זענען פֿאַרגאַנצטע שאַפֿונגען.

סוצקעווער באַהערשט אַלע פּאָעטישע פֿאָרמען. ער קען אויסזינגען אַ ליד, ער קען עס אויסדערציילן, ער קען עס אויסשמועסן, ער קען עס אויפֿפֿריידיקן און ער קען עס אײַנטרויערן. ער קען שאַפֿן אַ פּאָעטישן דיאַלאָג פֿון מענטשלעכן היך־און־קריק — און ער קען מאָנאָלאָגירן מיט זיך אַליין אין ליד.

סוצקעווער איז דער גרעסטער גראַמען־מײַסטער פֿון יידישן ליד. מייסטע גראַמען זײַנע פֿאַלן צו צו זייערע באַשערטע רייד מיט אומגעריכטער שׂמחה און מיט דער איבערראַשונג פֿון קריגן דעם ריכטיקן זיווג. סוצקעווער שרײַבט זייער זעלטן פּראָזע, הגם ווען ער שרײַבט אַ בלאָט פּראָזע, איז אין אים פֿאַראַן

גאַר אַ סך פֿון פּאָעט. ער ציט ניט אַרויס זײַן פּראָזע פֿון אַ באַזונדער קעשענע, אָבער ער שרײַבט ווייניק, ווײַל זײַן גאַנצע פּראָזע פֿאַרנייטיקט ער און פֿאַרנוצט אין זײַן ליד.

סוצקעווערס מוזיקאַלישקייט איז ניט אָפּצוטיילן פֿון דעם אופֿן, ווי ער נוצט אויס די מאַגיק פֿון ייִדישן וואָרט. אַזאַ מוזיקאַלישקייט קען מען זיך ניט אויס־לערנען, מען קען עס ניט אויסמעסטן, צוטאַנצנדיק מיטן מוזיקאַלישן פּיסל. די לופֿט צווישן וואָרט און וואָרט, דאָס וואָס שאַפֿט דעם אינעווייניקסטן ריטעם און ניט דעם אימיטירטן אָדער מעכאַניש געמײַסטרעוועטן, איז ניט צום אויסלערנען. ווען מען רעדט פֿון געבוירענעם פּאָעט מיינט מען דאָס געבוירענע געהער פֿאַר דער דאַזיקער שײַכות פֿון וואָרט מיט וואָרט, אין צוגאָב צו דער געמאָסטנקייט פֿון דער שורה. אַ שורה קען אויסהאַלטן די ראַיעלסטע מאָס און זײַן האַרט ווי אַן אַלטער ביין. ריטעם נעמט אַרײַן אין זיך די אײַנגעבוירענע פֿאַרשטענדעניש מזווג צו זײַן וואָרט מיט וואָרט. סוצקעווער פֿאַרמאָגט דאָס געהער פֿאַר אַזאַ ריטעם, ווײַל ער איז דורכויס דער געבוירענער פּאָעט, דער פּאָעט וואָס פֿײַערט זײַן פֿופֿציקסטן געבורטסטאָג און איז די גאַנצע קײַלעכדיקע פֿופֿציק יאָר — דער פּאָעט.

פֿאַראַן שטופֿן אין פּאָעזיע. פֿאַראַן פּאָעטן וואָס קענען הערן און אַזעלכע וואָס קענען זיך אײַנהערן. פֿאַראַן פּאָעטן וואָס קענען זען און אַזעלכע וואָס קענען דערזען. סוצקעווער האָט גלײַך אָנגעהויבן ווי אַ בליציקער זעער און אַ גרויסער מנגן און ער האָט געקלעטערט מיט זײַן ליד, כּדי צו קענען דערגרייכן אַלץ העכער און העכער און גרונטעווען טיפֿער און טיפֿער. אָבער דער עיקר זעען מיר אין סוצקעווערס דערגרייכונגען די פֿולע דערמעגלעכונג פֿון ייִדישן וואָרט, אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקטע און נאָך ניט אַנטפּלעקטע ווינקלען.

מיר פֿאַרמאָגן אַ סך גוטע ייִדישע פּאָעטן, אָבער די מייסטע פֿון זיי זענען ייִדישע פּאָעטן ווײַל זיי זענען ייִדן, וואָס שרײַבן ייִדישע לידער. סוצקעווער איז דער ייִדישער פּאָעט ווען מען דאָס ייִדישע לשון האָט געבוירן אַנטקעגן אַלע טענות. ס'איז בפֿירוש נייטיק געווען אַ שפּאַנענדיקע לשון־עוואָלוציע פֿון אַ 450 יאָר פֿאַר־געבורט, כּדי מיר זאָלן איצטער קענען בענטשן דעם ייִדישן פּאָעט סוצקעווער צו זײַן פֿופֿציקסטן געבורטסטאָג.

אַבֿרהם רעגעלסאָן

# "אָדע צו דער טויב"

אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעזיע איז אַ באַזונדער־מיניקע צוזאַמענגיסונג פֿון אַ זעל־טענער קונסט: אַ בויערן אין פּערל און אויפֿצילען זיי אויף אַ שנירל, אַן איין־פּאַסן אַ רובין אין אַ ברילִיאַנטן־בראָש — מיט גרויל און מיט ווי און איבער־מענטשלעכע לײדן. אָט די אָריגינעלע קונסט קוואַלט אַרויס פֿון זײַן תּוך און פֿון זײַן פּערזענלעכקייט, דער גרויל קומט צו אים פֿון דרויסן, איז אים אויפֿגעצווונגען געוואָרן פֿון זײַנע לײדן און די לײדן פֿון זײַן דור, און האָט זיך אײַנגעקריצט אין זײַן זכרון אויף ניט צום פֿאַרווישן. ווי שטאַרק ער זאָל זיך ניט פֿרייען מיט די גראַנדיעזע שאַפֿונגען פֿונעם פֿאָלק וואָס לעבט אויף אין ציון און ווי שטאַרק ער זאָל ניט הנאה האָבן אַרומפֿאַרנדיק איבער דער וועלט — וועט דאָך זיך אַרויס־שלאָגן פֿון אים די פּײַן און וועט פֿון דאָס נײַ אַרויסשרײַען פֿון זײַנע שורות.

זײַן בוך "אָדע צו דער טויב" איז פֿון דרײַ טײלן.

דער ערשטער טייל, וואָס גיט זײַן נאָמען דעם גאַנצן בוך, איז צוזאַמענגע־שטעלט פֿון צען כּמו־סאָנעטן און זייער אינהאַלט איז: אַ שטילער שמועס צווישן דיכטער און זײַן מוזע, וואָס באַווײַזט זיך פֿאַר אים אין דער געשטאַלט פֿון אַ טויב — אַ שמועס און אַ ווידוי און אַ חשבון מיט דער וועלט. און פֿאַר וואָס זאָג איך כּ מ ו ־ סאָנעטן? ווײַל אין טעכנישן זינען זענען זיי גאַרניט קיין סאָנעטן. יעדער בלעטל פֿון זייערע בלעטער איז געבויט פֿון זעכצן שורות, וואָס זענען אײַנגעטײלט אין פֿיר סטראָפֿן; און די שורות גראַמען זיך פֿאַרוויַז, און יעדע איינע פֿון זיי איז אויסגעפֿורעמט אין העקסאַמעטערס. און דאָך — די לאָגיק פֿון דעם סאָנעטן־רינג שוועבט איבער דער גאַנצער פּאָעמע ווי אַ ווײַטער, פֿאַרבאָרגענער מוסטער.

בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב אין דײַן חומר,
בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אייביק דאָס פּנים פֿון טרוימער.
דאָ, צווישן אָפּקלאַנגען רויע, פֿאַרזונקענע, ליימיקע פֿאָרמען,
זאַמל אין זילבערנע זילבן, צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען.

די שורות פֿון דער "אָדע" זענען אײַנגעהילט אין שנייִקע פּליושן פֿון דער טויבס ברוסט; אַ שטומקייט וואָס ווערט צעשניטן פֿון אַ מעסער, און פּערל רעגענען פֿון איר מיט אַ פּערלנער אימה; גרילן קלאַפּן; ספּירט־שיכּרות.

ווערט פֿאַרטונקלט דער פּאָעזיע־שפּיגל מיט אַ פֿײַער וואָס איז דורכויס פֿינצ־טעריש מיטן בילד פֿון קינדער, גאָלדענע פֿייגל, וואָס ליגן אין סקעלעטן. זומפּיק איז די ערד און דער הימל. דער היכל ווערט פֿאַרברענט און די זײַלן אַנטלויפֿן ווי חיות. און דער דאָזיקער חורבן — צי איז ניט שולדיק אין אים דער מענטש, וואָס קאָרמעט זײַן פּאָעזיע־טויב מיט פּערל־קלאַנגען, מיט ליבשאַפֿט־קערנער?

אָבער די טויב, וואָס שפּרינגט אַרום, די טויב וואָס וואָרקעט, איז אים מגלה

דעם מיזמור פֿון דער נאַטור, וואָס זײַן ניגון איז "כוואַליק און וואַלדיק און וועלטיק". פֿון הימל פֿאַלט אַראָפּ פֿאַר אים אַ שטיין־מעטעאָר פֿול מיטן ריח פֿון שטערן און איז — "מוזיק אונטער גאָלדענע ריפּן". און דער שטיין וואָס ווערט אויף אַ מיסטעריעזן אופֿן אידענטיפֿיצירט מיט דער טויב, באַפֿעלט אים צו לעבן, צו מאָלן, צו שילדערן. און זי גיט אים, די טויב, דרײַ בלוטיקע טראָפּנס אַ סימן, איידער די לבֿנה וועט אים ווערן אַ מצבֿה צוקאָפּנס.

ער אַליין ווערט "די שנייען־לאַווינע, די ווײַסע בעריאָזע, דער שפּיגל, דער אָפּהילך פֿון שטילקייט". עס איז ניטאָ קיין לעבן אָן פּאָעזיע. אין קעניגרײַך פֿון ליד באַהעפֿטן זיך שיינקייט און אייביקייט.

דער מיטלסטער טייל פֿון בוך הייסט "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט" און איז די פּרוכט פֿונעם דיכטערס אַ נסיעה איבער אַפֿריקע אין יאָר 1950. דאָס איז אַ זאַמלונג מאָטיוון פֿון די נעגער־געצעלטן, קראָקאָדילן־טײַכן, ברילּיאַנטן־גרובנס אין קעמבערלי. דאָ זענען קולטלידער צו ברענגען אַ רעגן און אָנצוצינדן אַ גלוסט; אַ קללה אויף אַ מאַלפּע־סוחר, וואָס קומט צעאַקערן דאָס לײַב פֿון אַ יונג מיידל, מיט דרײַצן אָקסן, וואָס ער ברענגט נדן פֿאַר איר פֿאָטער.

אין דעם דאָזיקן טייל זענען פֿאַראַן לידער, וואָס פֿאַרמאָגן אַ קדמוניתדיקן טעם, עפּעס אַזוינס וואָס מע פֿילט אין געוויסע פּסוקים פֿון תּנ"ך, ווי דער זמר פֿון למכס איבערבעטן זיך און באַרימען זיך פֿאַר זײַנע צוויי ווײַבער עדה און צלה. איינער לויבט זײַן אָקס בזה הלשון:

קומט באַוווּנדערן מײַן אָקס.
ניטאָ צו אים קיין גלײַכן.
זײַן טאַטע איז געווען די זון,
זײַן מאַמע — די לבֿנה.

ווײַסער פֿון די שפּריצן מילך די ערשטע
בײַ אַ פּרוי,
ווען זי גיט צו זייגן, איז די ווײַסקייט פֿון זײַן שטערן.

אין זײַנע אויגן קאָן מען זען די צוקונפֿט.
נאָר איר זאָלט
בעסער זיי ניט עפֿענען
אין רגעס ווען זיי דרימלען.

די הערנער זענען מאַסטן פֿון אַ שיף,
אַזאַ וואָס פֿירט אין בויך אַפֿולע אוצרות.

מיידלעך ווערן אַנדערש אינעם שימער פֿון זײַן פּראַכט.
אין זייער בלוט —
אַ וואַרעמקייט פֿון אומבאַקאַנטע מײַלער.

קומט באַוווּנדערן מײַן אַקס.
ניטאָ צו אים קיין גלײַכן.

ווי ער באָדט זיך — ווערן זיס די טײַכן .

אויף זײַן נסיעה איבער אַפֿריקע, באַרײַכערט פֿון נײַע אײַנדרוקן, זענען אין די טיפֿענישן פֿונעם דיכטערס נשמה ווי פֿאַרגראָבן געוואָרן די גרוילן פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהייט, די שווידערן פֿונעם געטאָ־פֿײַער, דאָס קריכן אין די אונטערערדישע קאַנאַלן און דער פּראָסטבונקער אין וואַלד — זיי זאָלן ניט אויפֿרודערן זײַן פֿריש געמיט. אָבער זיי קומען צוריק און שטורעמען אויף אינעם דריטן טייל פֿון בוך, וואָס זײַן פֿאָרעם איז: קאַפּיטלען פּאָעזיע אין פּראָזע.

דער דאָזיקער טייל ווערט אָנגערופֿן "גרינער אַקוואַריום". דער אַקוואַריום — דאָס איז דאָס פֿאַרזיגלטע זכרונות־קעמערל אין דער נשמה.

דער גרינלעך־טונקעלער קאָליר פֿון אָט דעם נשמה־קעמערל ציט זײַן יניקה פֿון עטלעכע עלעמענטן:

אַ גרינער מעסער האָט אויפֿגעשניטן די ערד.
ס׳איז געוואָרן גרין.
גרין.
גרין.
גרינקייט פֿון טונקעלע יאָדלעס דורך אַ נעפּל;
גרינקייט פֿון אַ וואָלקן מיט געפּלאַצטער גאַל;
גרינקייט פֿון מאַכיקע שטיינער אין אַ רעגן;
גרינקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך אַ רייף, געקײַקלט פֿון אַ זיבן־יעריקן;
גרינקייט פֿון קרויטבלעטער אין שפּליטערס טוי, וואָס צעבלוטיקן פֿינגער;
ערשטע גרינקייט אונטער צעשמאָלצענעם שניי אין אַ קאַראַהאָד אַרום אַ בלאָ בלימעלע;
גרינקייט פֿון אַ האַלב־לבֿנה, וואָס מע זעט זי מיט גרינע אויגן פֿון אונטער אַ כוואַליע;
און פֿײַערלעכע גרינקייט פֿון גראָז, באַזיימט אַרום אַ קבֿר.
גרינקייטן שטראָמען אין גרינקייטן. לײַב אין לײַב. און אָט איז שוין פֿאַר־וואַנדלט די ערד אין אַ גרינעם אַקוואַריום.
נענטער, נענטער, צו דער גרינער ווימלעניש!

איך קוק אַרײַן: מענטשן שווימען דאָ ווי פֿיש. אומצאָליקע פּאָספּאָרנע פּנימער. יונג. אַלט. און יונג־אַלט אין איינעם. אַלע, וואָס כ׳האָב זיי געזען אַ גאַנץ לעבן און דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקסיסטענץ; אַלע שווימען זיי אינעם גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופֿ־טיקער מוזיק.

דאָ לעבן די טויטע!
אונטער זיי טײַכן, וועלדער, שטעט — אַ ריזיקע פּלאַסטישע מאַפּע, און אויבן שווימט אַרום די זון, אין געשטאַלט פֿון אַ פֿײַערדיקן מענטש.

איך דערקען באַקאַנטע, פֿרײַנד, שכנים און צי פֿאָר זיי מײַן שטרויע־
נעם הוט;

— גוט־מאָרגן.

זיי ענטפֿערן מיט גרינע שמייכלען, ווי אַ ברונעם ענטפֿערט אַ שטיין מיט
צעבראָכענע רינגען.

מײַנע אויגן פּאַטשן מיט זילבערנע ווערעס, יאָגן, שווימען, צווישן אַלע
פּנימער. זיי נישטערן, זוכן איין פּנים.

געפֿונען, געפֿונען! אָט איז דער חלום פֿון מײַן חלום — — —

— דאָס בין איך, טײַערע, איך, איך. די קנייטשן זענען בלויז אַ נעסט
פֿון מײַן בענקשאַפֿט.

מײַנע ליפּן, פֿאַרלאָפֿענע מיט בלוט, ציִען זיך צו אירע. נאָר ווי, זיי בלײַבן
הענגען אויף דער שויב פֿון אַקוואַריום.

אויך אירע ליפּן שווימען צו מײַנע. איך פֿיל דעם אָטעם פֿון ברענענדיקן
פּונש. די שויב איז אַ קאַלטער חלף צווישןביידן.

— איך וויל דיר לייענען אַ ליד, וועגן דיר... מוזסט הערן!

— אויסווייניק, ליבער, קען איך דאָס ליד, איך אַליין האָב דיר געגעבן
די ווערטער.

— ווײַל איך דײַן לײַב נאָך איין מאָל פֿילן!

— מע קאָן ניט נענטער, די שויב, די שויב...

— ניין, די גרענעץ וועט באַלד פֿאַרשווינדן, אָט צעזעץ איך די גרינע
שויב מיטן קאָפּ — —

נאָכן צוועלפֿטן זעץ האָט געפּלאַצט דער אַקוואַריום.
ווו זענען די ליפּן, ווו איז דאָס קול?
און די טויטע, די טויטע, — זענען זיי געשטאָרבן?

און דער דיכטער בלײַבט אַליין. ניטאָ קיינער. אַנטקעגן אים גראָז. "און אויבן —
אַ צווײַג מאַראַנצן, אָדער קינדער שפּילן זיך מיט גאָלדענע זייפֿנבלאָזן".

נאָך דעם דאָזיקן הויך־פּאָעטישן אַרײַנפֿיר־קאַפּיטל קומען געשיכטעס פֿון די
חורבן־יאָרן, וואָרהאַפֿטיקע בילדער פֿון אַ געשפּענסט־ווירקלעכקייט: די אַריס־
טאָקראַטישע פֿרוי, די ליבהאָבערין פֿון קונסט און פּאָעזיע, וואָס איז אין געטאָ
געוואָרן אַן אײַנגעשרומפּענע בעטלערין, און זעט אויס ווי אַן עגיפּטישע מומיע;
אַן אָפּגעהאַקטער בראַנדזענער קאָפּ פֿון אַ פֿערד, וואָס ווײנט מיט פֿראָסט־
טראָפּנס אויפֿן גורל פֿון אַ יידישער זקנה און אויף אירע פֿאַרצערטלטע קינדער־
לעך, וואָס הינט זענען זיי באַפֿאַלן אויפֿצופֿרעסן; אַן איבערגעבליבענער פֿון די
געטאָס, אַ מענטשן־סקעלעט, וואָס גייט אַרויס פֿון די קאַנאַלן נאָכן שונאס מפּלה
און אויף זײַן אַקסל — אַ מײַזעלע, וואָס איז אים געווען אַ פֿרײַנד אין די קאַנאַלן,
און ער פֿילאָסאָפֿירט מיטן מײַזעלע וועגן דער נישטיקייט פֿון נקמה, ווײַל איטלעכע
נקמה איז צו קליין; אַ בוים, אַ "סוכאָסטאַי", וואָס ווערט אונטערגעשניטן דורך
פּאַרטיזאַנער, כּדי צו מאַכן פֿײַער אויף אָפּצובראָטן אַן אָקס, וואָס האָט פֿאַר־
בלאָנדזשעט אין וואַלד, און פֿונעם בוים גייט אַרויס אַ ייד אין אַ טלית און דערציילט,

אַז דאָ, אין אַ פּוקסנהייל אינעם בוימוואַרצל, ליגט ער שוין מיט זײַן ווײַב לאַנגע חדשים: זי באַקט בולבעס און ער זאָגט תהלים: "אַ נס, אַ נס. וואָלט איך ניט געזאָגט תהלים, וואָלט איך דאָך אײַנגעשלאָפֿן און די זעג אײַערע וואָלט מיך דעמאָלט צעשניטן". און נאָך מעשׂים און מעשׂיות, וואָס טוען ווי' ווי די בין, וואָס גיט אַ ביס אין אויגאַפּל; וואָס צערײַסן אַ יִדיש האַרץ ווי שמות פֿון אַ הייליק ספֿר; וואָס גיסן־צונויף דאָס לעבעדיקע בלוט מיטן בלוט פֿון די אומגעבראַכטע, — דאָס בלוט פֿון צענדליקער טויזנטער זכריהס, וואָס וועט זידן און קיין מאָל זיך ניט אײַנשטילן. און אַלץ איז באַלויכטן מיט אַ פּערלשײַן פֿון אַ קאַלטער לבֿנה, מיט אַ וווּנדערלעך ליכט פֿון אַ דיכטער־פֿאַנטאַזיע.

אַ סך נעמען זיך דעם נאָמען פּאָעט, ווערן באַרימט ווי פּאָעטן. אָבער אמתדיקע פּאָעטן זענען זייער ווייניק פֿאַראַן, געציילטע ממש, איינער־צוויי אין אַ כּרך, דרײַ־פֿיר אין אַ דור, זעקס־זיבן אין אַ תּקופֿה. ניט איין מאָל האָב איך פֿאַרלייקנט ייִדיש, אויס קנאות צו העברעיִש. אָבער איך קען ניט פֿאַרלייקענען אַן אמתן פּאָעט אין ייִדיש, וואָס שטייט פֿאַר מײַנע אויגן; און ממילא איז ער אַ לעבעדיקער עדות פֿאַר דער וויטאַליטעט פֿון דער שפּראַך אין וועלכער ער שאַפֿט.

עס איז פֿאַראַן אין סוצקעווערן די דאָזיקע זעלטענע סגולה פֿון אמתדיקע פּאָעטן, וואָס ער איז פֿאַרכישופֿט פֿון דער אָריגינעלער פֿראַזע פֿון דער דיכטונג בײַ אַנדערע, וואָס ער איז פֿאַרפֿאָלגט פֿון איר, ווערט שיכּור פֿון איר — און ניט ווייניקער פֿון דעם — פֿאַרפֿאָלגט אים, זינגט זיך אין אים, זײַן אייגענע אָריגינעלע פֿראַזע, וואָס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן, און ער ראַנגלט זיך מיט איר, ווייטיקט זי, ביז זי ווערט אַרויסגעבראַכט בשלמות אַ צאַפּלדיקע און בלײַענדיקע אין איר גאַנצער פֿולקייט. איז דער אמתער פּאָעט מתפּלל אויף אָט דעם גנאָד־באַריר מיט דער מוזע, וואָס איז דער גרעסטער פּרײַז זײַנער, און כּלערליי אַנדערע פּרײַזן און אויסצייכענונגען זענען בײַ אים נישטיק.

ווי דער אמתדיקער פּאָעט איז אונדז סוצקעווער דרײַפֿאַך טײַער: ער איז אונדז טײַער צוליב דעם וואָס ער איז אַ זעלטנקייט, אַ יקר־המציאות; ער איז טײַער מיט דער טײַערקייט פֿון פּערל, סאַפּירן און קאָראַלן; און ער איז טײַער מיט דעם, וואָס זײַנע געשליפֿענע אָרנאַמענטן גלײַען מיט דער פּײַן פֿון זײַן פֿאָלק.

אפרים אויערבאך

# אַ קאַפּיטעלע סוצקעווער

אין אַ ליד צו אַ פּאָעט גיט אַבֿרהם סוצקעווער אַרויס זײַן מאָנונג צו פּאָעזיע:

באַשאַף אַ נײַעם אָדם אין דײַן צלם
פֿון רויע קלאַנגען, פֿון אַן אויפֿגעשוידערטן מעטאַפֿאָר.

דאָס וואָרט "אויפֿגעשוידערטן" האָב איך אונטערגעשטראָכן, ניט סוצקעווער, און געטאָן האָב איך עס דערפֿאַר, וואָס דערנאָך האָב איך געזוכט אין זײַנע לידער דעם ""אויפֿגעשוידערטן מעטאַפֿאָר". געפֿונען האָב איך די "רויע קלאַנגען", וואָס פֿון זיי האָט סוצקעווער געשאַפֿן דינע קלאַנגען־סימפֿאָניע. דעם "אויפֿגע־שוידערטן מעטאַפֿאָר" האָב איך ניט געפֿונען. סוצקעווערס מעטאַפֿאָר דאַרפֿן מיר אויפֿנעמען מיט אַלע חושים אונדזערע, — זען, הערן און אַפֿילו שמעקן. דאָס איז דער פּאָעטישער גאָב זײַנער. דאָס וואָרט זײַנס האָט אַן אייגענעם קלאַנג און האָט אויך אַן אַראָמאַט. מעטאַפֿאָרן פֿון אַזאַ קוואַליטעט וואַקסן־אַריבער אויפֿ־געשוידערטקייט, וואָרעם זיי זענען דורכגעלײַטערט, דורכגעזיפּט דורך די זיפּן פֿון געמיט־געדאַנק.

אין ליד "מיט וועמען" פֿרעגט דער פּאָעט יעקבֿ אָבֿינו מיט וועמען האָט ער זיך געראַנגלט בײַם מעבֿר יבוק. איז דער געדאַנק, אַז כאָטש יעקבֿ האָט דעם מלאך מנצח־געווען, איז ער דאָך אַרויס אַ הינקענדיקער. נאָר פֿונעם געדאַנק וואַקסט־אַרויס אַ בילד, —

הינקען מיר ביז איצטער,
און ס'הינקען מיט אין אונדז חלומות — — —

האָט סוצקעווער דעם געדאַנק דערטראַכט ביזן סוף? ניין, איר שפּירט, ווי אין פּראָצעס פֿון אויספֿירן דאָס ליד האָט דער מעטאַפֿאָר אים דערטראָגן צו דער געדאַנק־פֿולקייט. אפֿשר וואָלט אַן אַנדער פּאָעט געקענט שאַפֿן אַן "אויפֿגעשוי־דערטן מעטאַפֿאָר" אין אַזאַ ליד, אָבער דאָס ליד וואָלט ניט געווען אַזוי טיף ווי סוצקעווערס, וואָרעם דער אויפֿשוידער צערודערט אונדזערע חושים און דערמיט אַליין פֿאַרשטאָפּט ער די טיפֿקייט. דער מעטאַפֿאָר פֿון חלומות, וואָס הינקען, הענגט אויף אַן אַבסטראַקציע, ער רופֿט אָבער אַרויס אין אונדז אַ וויזיע, וואָס דורך געדאַנקלעך־זעערישע קאַנאַלן דערפֿירט זי אונדז צו אַ דינעם מענטש־טראַגיזם.

אין אַ פּראָזע־פּסוק זאָגט סוצקעווער: "קיינער האָט מיך אָבער ניט געוואָרנט, איך זאָל זיך היטן פֿון ווערטער, וואָס זענען שיכּור פֿון י ע נ וו ע ל ט י ק ע מאָנבלומען. דעריבער בין איך געוואָרן דער קנעכט פֿון זייער ווילן". ווידער, "יענוועלטיקע" האָב איך אונטערגעשטראָכן, ניט סוצקעווער, און ווידער איז דאָ אַ כּוונה דערבײַ. וואָס זענען "יענוועלטיקע מאָנבלומען?" ווידער: ווי אַזוי ווערן ווערטער שיכּור פֿון זיי? און פֿאַר וואָס איז דער פּאָעט געוואָרן "דער קנעכט

פֿון זייער ווילן?" דער עכטער פּאָעט האָט אָבער זײַן אייגענעם פּאָעטישן אמת און בײַ סוצקעווערן זענען די "יענוועלטיקע מאַנבלומען" זײַן פּאָעטישער אמת. אין זײַן פּאָעזיע איז דאָ אַ מין נאַרקאָטיק, וואָס פֿאַרשיכּורט דאָס וואָרט זײַנס. נאָר ווידער, ווי מיטן "אויפֿגעשווידערטן מעטאַפֿאָר", איז ער אַ ביסל מגזם מיטן זאָג, אַז ער איז אַ "קנעכט פֿון זייער ווילן". אין אים איז דאָ אַ פּאָעטישע ניכטערקייט און אַ ניכטערע פּאָעטישקייט. ער קנעט אויס דאָס וואָרט, אַן דער כ׳ צווישן דער עין און דער טית, — ניט קנע (כ) ט.

סוצקעווער, וואָס איז שיכּור פֿון ווערטער, איז אפֿשר דער איינציקער פּאָעט בײַ אונדז, וואָס וויל דערגיין צום וואָרט, וואָס איז אין גאַנצן אויסגעטאָן פֿון וואָרטיקייט. אין איין ליד זאָגט ער: "דאָ לעבט נאָך אַ לשון וואָס דאַרף ניט קיין ליפּן". אין אַן אַנדער ליד: "אויסגעפֿינען וויל איך צווישן מידברדיקע סקאַלעס / יענעם אַלף־בית אָן ווערטער". און ווײַטער: "פֿאַרזיגל אַלע ווערטער"... און נאָך: "געבליבן בלויז קלאַנגען, איך זע בלויז די קלאַנגען"... אָבער צו דער אייגענער צײַט וויל ער "אָנצינדן שוואַרצע מירמלווערטער אין אַ סטראָפֿע", אָבער טאַקע אין דעם אייגענעם ליד ("דער בלינדער מילטאָן") זאָגט ער:

צו פֿיר און פֿערציק יאָר
בין איך געשלאָגן
מיט זעעוודיקייט. ווי אַ גייזער שלאָגן
אין מיר די בלוטן פֿון אַ דור.
שיכּור פֿון מײַן זעעוודיקייט — — —

איז דאָ אַ סתּירה צווישן דעם פּאָעטס שיכּור־זײַן פֿון ווערטער און "שיכּור פֿון מײַן זעעוודיקייט"? יאָ, סע איז די פּאָעטישע לאָגיק פֿון סתּירות. אַ מאָל דאַכט זיך, אַז סוצקעווער ראַנגלט זיך מיט דער פּאָעטישער צווייִקייט אין זיך: אַבסטראַקטע בילדלעכקייט און קאָנקרעטע, אַזעלכע שורות, למשל, —

איך בין אַ תּפֿילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן,
ווי אַ בוים
איז אָנגעטאָן מיט פֿייגל אין אַ שטורעם.

איז דער צונויפֿפּאָר פֿון דעם אַבסטראַקטן בילד "אַ תּפֿילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן" מיט אַ בוים וואָס איז "אָנגעטאָן מיט פֿייגל אין אַ שטורעם" דער אויסדרוק פֿונעם דאָזיקן געראַנגל. נאָר קיין סתּירה איז צווישן די בײדע מעטאַפֿאָרן ניטאָ, זיי דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע. די "תּפֿילה אָנגעטאָן מיט וווּנדן" איז פֿאַרן פּאָעט געוווען צו שאַרף און אפֿשר אויך "אויפֿגעשווידערט", האָט ער זי, די תּפֿילה, ווייכער געמאַכט דורך דער פֿייגל־קאָנקרעטקייט.

אַ מאָל הייבט סוצקעווער אָן אַ ליד אַפֿאָריסטיש ניכטער און גיט באַלד אַ פֿלי צו דער וואָרטיקער פֿליגל־צעשפּרייטקייט. וואָס, למשל, קען זײַן ניכטערער, ווי "זאָמל ניט קמצניש דײַנע שעהען"? נאָר די דריטע און פֿערטע שורות זענען שוין אָנגעשיכּורט:

נאָר צעשפּרייט זיי איבער אַלע דנאָען,
זונפאַרגאַנג זאָל צאַפּלען אין אַ נעץ.

און צום סוף פון עם ליד איז דער פּראָצעס שוין אַ פאַרקערטער: די ערשטע צוויי שורות פון דער סטראָפע זענען אַבסטראַקטע, אימאַזשינעטיוועּ, —

רײַס אַראָפּ זײַן מאַסקע, און געשווינדער
דײַנע שעהען איבער אים פאַרשפּרייט.

דאָס רעדט זיך פונעם טויט און, כּדי דאָס בילד צו זען, דאַרף איר אַרײַנקוקן אין זיך אַליין מיט פאַרמאַכטע אויגן. די לעצטע צוויי שורות, כאָטש זיי פאַרמאָגן אין זיך קינסטלערישן פּאַראַדאָקס, זענען זיי אָבער נאָענט צו אונדזער וויזועלישקייט און קאָנקרעטע באַגריפן, —

זקנים זענען פאַרגרימירטע קינדער,
און די אַלטע שטאַרבן יונגערהייט.

אין אַ ליד הייבט ער אָן די סטראָפע מיט אַ שורה, וואָס איז די ערשטע העלפט קאָנקרעט און די צווייטע — געזען מיטן זײַן אייגענעם פּאָעטיש־פאַנטאַסטישן געזע. לאָמיר זען: דער אָנהייב איז, — "גרילן, ווי שוסטערלעך, קלאַפּן", — איר האָט געהערט די גרילן, די שוסטערלעך האָט איר געהערט קלאַפּן און דער מעטאַפאָר "קלאַפּט" אײַך אויס דעם קלאַנג. די צווייטע העלפט איז שוין — "די גראָזן אַרײַן אין מײַן שטערן", — אַ מעטאַפאָר, וואָס נאָר סוצקעווער האָט אים געזען, נאָך מער, געהערט. אַז מיר שטעלן צונויף די שורה אין איר פולקייט, דערשפּירן מיר ווי האַרמאָניש זי איז, ווי ביידע העלפט זיגגען זיך צונויף און שאַפן די שטימונג, וואָס דער פּאָעט האָט אונדז געוואָלט קאָמוניקירן. אינעם אייגענעם ליד איז ווידער דאָ סוצקעווערס "שיכּרות", וואַריִרט, — "ווער האָט פאַרשיכּורט די פינגער, זיי זאָלן באַשאַפן אַ שורה" דער דאָזיקער מאָטיוו, אין כּלערליי פאַרבן, קלאַנגען און באַגריפן, לאָזט אים ניט אָפּ.

סוצקעווער אָפּערירט אויך מיט קאָנטראַסטן, וואָס באַצווינגען אײַך. זיי זענען, ווי אַ געדיכט־גראָז כּמאַרע מיט פּאַסן זונשײַן באַזוימט. אַז דאָס געמיט אײַערס איז אַ תּפילהדיקס, ווערט איר פאַרשיכּורט פון די פּאַסן זונשײַן. ווידער, אַז אײַער געמיט איז אין טרויער געשליירט, ווירקט דער קאָנטראַסט אײַך מער נאָך צו פאַרטרויערן. סוצקעווערס קאָנטראַסטן:

ערגעץ מעסט אַן אָדלער מיט אַ פּענדזל אין די נעגל
מײַנע קליינע פריידן, גרויסע פּחדים, —

האָט איר דאָ אָוועקגעשטעלט קליינע פריידן קעגן גרויסע פּחדים. אינעם קעגנשטעל ווערן די פריידן קלענער און די פּחדים גרעסער. אָבער נאָך אַ טיפערער קאָנטראַסט איז דאָ אין די לעצטע צוויי שורות פון דער סטראָפע:

קומען צו דער אויסשטעלונג וועט בלויז אַ ווײַסער זעגל,
אָפּגעריסן פֿונעם שוואַרצן פֿאָדעם.

דער "ווײַסער זעגל" אין קאָנטראַסט צום "שוואַרצן פֿאָדעם" פֿירט אונדז אַרײַן אין דער סאַמע טיפֿעניש פֿונעם פּאָעטס געמיט און צו דער אייגענער צײַט, וואָס פֿאַר אונדזער וויזיע פֿלאַטערט דער ווײַסער זעגל, קענען מיר זיך ניט באַפֿרײַען פֿונעם שוואַרצן פֿאָדעם.

אינעם איצטיקן "קאַפּיטעלע סוצקעווער" שטעל איך זיך דער עיקר אָפּ אויפֿן פּאָעטס מעטאַפֿאָרן, דערפֿאַר וואָס דער תּוכן וואַקסט בײַ אים אַרויס פֿון וואָרט־בילדלעכקייט. נעמען מיר אַזעלכע צוויי שורות אין דער לידער־סעריע "אין מידבר סיני":

און ס'פֿאַלט די זון אַראָפּ פֿון אַ טעראַסע,
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער.

דער פּאָעט זינגט דאָ פֿונעם טאַל פּיראַן, ווו "רויטע הירשן זענען אויס די יונגען". דאָס זענען די "יונגען" פֿון ישראל, וואָס זענען צוריקגעקומען צום סיני ניט מקבל צו זײַן די תּורה, נאָר זי צוריק אויסברענען אין פֿײַער. איז אין דעם בילד פֿון די פֿריִערדיקע צוויי שורות דאָ אַזאַ דערהויבענע פֿרייד, וואָס וואַקסט אַריבער תּוכן. וויזיע און שפּירונג ווערט דאָ דער תּוכן. איר זעט די "רויטע הירשן", איר שפּירט זייער איבערלעבונג, בעת זיי כאַפּן די זון אויף זייערע אַקסלען. אין אַן אַנדער ליד פֿון דער סעריע:

אין מידבר סיני ווערט דײַן אומה יִינגער,
און דײַן געבאָט, אין בלעטער פֿעלדז — דײַן פּינקס,
פֿאַרקריצן מיט אַ פֿײַערדיקן פֿינגער
סקעלעטן פֿון די געטאָס און טרעבלינקעס.

איז דאָ ווידער בילדלעכקייט טיף־פּאָעטישער תּוכן, דינער טראַגיזם, וויזיע אַרײַנגעזען אין געדאַנק. דער פּאָעט שפּילט מיט נערוועזע, פֿילעוודיקע פֿינגער אויף די קלאַווישן פֿון האַרץ און מחשבֿה. אָדער אפֿשר דאַרפֿן מיר גאָרניט אָפּטיילן האַרץ פֿון מחשבֿה, וואָרעם בײַ אים זענען זיי אַ האַרמאָנישער איינס, וואָס איז נאָך געבענטשט מיט אייגענעם וואָרט־אַראָמאַט.

דורכצוגיין סוצקעווערס אימאַזשן־וועלט וואָלט נייטיק געווען מער ווי אַ קאַפּיטעלע. דאָ האָב איך נאָר געוואָלט געבן אַן אָנווונק אויף מײַן פֿאַרערונג צו אים.

ישעיהו שפּיגל

# שטריכן צו אַבֿרהם סוצקעווערס קינסטלערישן פּראָפֿיל

## א

די קונסט־געשיכטע אין אירע אַלע פֿאָרמאַציעס — און בעיקר יענע פֿאָרשונגען, וואָס ווילן אונדז געבן אַ קלאָרן באַשייד פֿון אַ ליטעראַטור־עפּאָכע, אָדער בלויז פֿון אַ קלײנעם צײַטאָפּשניט פֿון דער עפּאָכע, מיט אירע אַלע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע טרײַב־כּוחות — באַזירן זיך ס׳רובֿ אויפֿן עלעמענט פֿונעם *אומבאַשיידלעכן*, אינדיווידועל־יחידישן יצירה־טעמפּעראַמענט, וואָס איז אײגנטימלעך בלויז *דעם* און ניט קיין אַנדערן שאַפֿער. אַלע מאָנאָגראַפֿיעס וועגן גרויסע ליטעראַטור־שעפֿער (אַנדרע מאָרואַ, עמיל לודוויג) באַזירן זיך בעיקר אויף די סודותדיקע *גײַסט־כּוחות* און *גײַסטיקע וואָרצלען*, וואָס ס׳האָט אונדז איבערגעלאָזט דער קונסטשאַפֿער אין דער וועלט־ליטעראַטור. ניט בלויז דאָס וואָרט מיט זײַן קלאַנג, בילד, ריח און וויבראַציע זענען דער היפּנאָז־שורש, וואָס האָט געווירקט אין דער פּאָעזיע, פּראָזע — בעת ס׳איז די רייד וועגן ליטעראַטור. *אַרום* דעם וואָרט און *מיטן* וואָרט איז תּמיד מיטגעגאַנגען די גײַסט־אַטמאָספֿערע פֿון אַ דור, אָפֿט פֿון גאַנצע דורות. הונדערטער יאָרן האָבן אין אײראָפּע זיך געפֿורעמט די פֿאַרשיידנסטע סטילן, שולן, ליטעראַרישע אידעאָלאָגיעס און כּלערליי קונסט־סיסטעמען. די אַ אַלע שאַפֿערישע גײַסטיקע כוואַליעס האָבן ניט געקענט קיין גרענעצן פֿון ימים און יבשות, פֿון פֿאָלק און פֿאָלק. באַדײַטנדיק גרויס איז תּמיד געווען די קעגנזײַטיקע השפּעה צווישן די שאַפֿערישע גענעראַציעס, פֿון איין דור אויפֿן צווייטן — און צווישן די קעגנווערטיקע דורות. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ היקפּדיק בילד פֿון שאַפֿערישער אינפֿלוענץ, פֿון מענטשלעכער שטענדיקער גײַסטיקער באַפֿרוכפּערונג. ערשט די *אומקום־תּקופֿה* האָט פֿאַר אונדז אויפֿגעשטעלט די ביז צום הימל־דערגרייכנדיקע טויטדאַמבע — און בעיקר פֿאַרן ייִדישן שאַפֿערישן וואָרט. פֿון די פֿאַרשלאָסענע און פֿאַרגעטאָ׳עטע אותיות פּורחות, איז בלויז פֿאַרבליבן אַן אָפּגעשונדן, דערשראָקן שאָטן־אות, וואָס האָט געדאַרפֿט ערשט אויף ס׳נײַ זיך איבערצײַען מיט אָדערן און וואַרעם בלוט דורכן סודותדיקן, גײַסטיקן כּוח פֿונעם ייִדישן דיכטער.

## ב

איך מיין, אַז מען קען זאָגן: ביז צו דער אומקום־תּקופֿה, ביז צו דער גענעראַציע פֿון יענע שאַפֿערס, וואָס די געשיכטע האָט זיי אונדז איבערגעלאָזט אויך *נאָכן* חורבן, מיט זייערע אַלע וויסטע גורלות און נסיונות — איז נאָך קיין שום גײַסט־מענטש אין די פֿרײַערדיקע דורות ניט געשטאַנען אַזאַ פֿאַרזיגלט־אָפּגעצוימטער פֿון יעטוועדער דרויסנדיקער השפּעה, אַזאַ איינזאַם־פֿאַרשטויסענער — ווי דאָס איז געווען דער ייִדישער דיכטער, וואָס דער האַקנקרייץ האָט אים פֿאַרטריבן אין די געטאָ־מויערן, אָדער געטאָ־קאַנאַלן. ער איז פֿאַרבליבן, דער שאַפֿער, אַזוי גרויזאַם־אַליין ווי פֿאַרמויערט אין זיך מיט זײַן שפּירונג, געוויין און האָפֿענונג. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אין זיך אויך מיט־אײַנגעמויערט, איז געווען דאָס צע־

בראַכענע ייִדישע וואָרט. און דאָס וואָרט, — באַשפּריצט מיטן בלוט פֿון פֿאָלק און מיטן אייגענעם דיכטערבלוט. צי איז זײַן וואָרט, דעם דיכטערס וויזיע, געווען צוגעגרייט צו אַזעלכע נסיונות ערבֿ דעם קאַטאַקליזם? צי האָט דער בלוט־מבול ניט אָפּגעשווענקט יעדע מענטשלעכע שפּירונג, אָפּגענומען און געטייט יעטוועדע חשיבֿות, דויערהאַפֿטיקייט און גלויבן אין קינסטלערישן וואָרט — און אין וואָרט בכלל? צי האָט די רעאַליטעט ניט געשפּאָט פֿון אַלע מאָסן, מיטלען פֿון דער מענטשלעכער שפּראַך, וואָס האָט געוואָלט געבן דאָס שיינע? עס זענען באַקאַנט ווערק, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויף פֿאַרשיקונג, תּפֿיסות און איזאָלירטקייט. אָבער — צי קען מען געטאָ־פֿאַרמויערטקייט פֿאַרגלײַכן צו אַ תּפֿיסה, אָדער איזאָלאַציע? בלויז דער ייִדישער שאַפֿער איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַזאַ ביטערן נסיון. איך טראַכט אָפֿט וועגן די פֿאַרנעפּלטע שאַפֿערישע שטויסן, וואָס כ׳האָב אַליין איבער־געלעבט אין יענע אומגליקלעכע טעג, בלײַבנדיק פֿאַרמויערט אין געטאָ אויף יאָרן. וואָס האָט געצוווּנגען דעם דיכטער אויפֿצוברעכן און אַרויסצוגיין פֿון זײַן אײַנ־געמויערטקייט — און נעמען די פּען אין האַנט? בטחון? בטחון — אין וואָס? אין גוטן גורל, וואָס נאָר די הימלען באַשטימען פֿאַרן מענטשן? אפֿשר: דאָס פֿײַערלעכע, איינזאַמע קינסטלערישע שפּילן־זיך מיטן וואָרט, ״דאָס שפּאַלטן פֿון וואַקאַלן״ — ווי סוצקעווער זינגט צו רעמבאָ, — כּדי צוזאַמען מיטן שגעונדיקן שפּיל זיך צו באַפֿרײַען פֿון געטאָ־קעגנוואָרט? צי טאַקע עסקייפּיזם פֿון עמק הבכא דורכן וואָרט? און אפֿשר אַ מצבֿה נאָך זיך און נאָכן פֿאָלק? און אויב אַ מצבֿה — צי האָט ער געהאַט, דער שאַפֿער, די אַדעקוואַטקייט פֿון די קינסטלערישע געפֿעסן פֿאַר אַט דער מצבֿה? צי האָט ער געהאַט פֿאַרגייער פֿון אַזאַ מין קאַטאַ־קליזם אין דער ליטעראַטור? אפֿשר איובֿ אפֿשר ביאַליק?

די אומקום־תּקופֿה — און אויך דער שאַפֿונג־פּראָצעס פֿון ייִדישן דיכטער בעת יענע יאָרן — וועלן לאַנגע דורות זײַן אַ טעמע פֿאַר פֿאַרשונג. אין איצטיקן מאָ־מענט איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פֿול געפּרוּווטער, בונטער שאַפֿערישקייט פֿון איינעם פֿון יענעם דור פֿ אַ ר מ ו י ע ר ט ע, אויף איינעם פֿון די, וואָס זענען געווען מסוגל מיט דער סטיכיִע פֿון זייער פּאַטעטישן איך — און מיט דער גנאָד פֿון גורל — שוין אין געטאָ צו שפּאַלטן דאָס וואָרט אויף אַטאָמען, אויף וואַקאַלן, כּדי ניט צו בלײַבן ״אַ שטומע פֿידל מיט אַ קלאַנגען־ים אַן אומבאַקאַנטן״. און ער האָט זײַן שאַפֿערישקייט אונדז איבערגעגעבן אין זעלטענע דיכטערישע גאָסן און פֿורעמס, כּדי זיי זאָלן לײַכטן, קלאַנגען, מאָנען און דערציילן אויף לאַנגע, לאַנגע דורות.

ג

ווען מען קומט צום ביז איצטיקן פּאַטעטישן פֿאַרמעג פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, בעת מען לייענט זײַנע פּערזן — און לייענען דאַרף מען אים פּאַוואָליע, גאָר פּאַוואָליע — וואַקסט פֿאַר אונדז אויס אַ מין פּרץ־צויבערער, אַ וואָרט־מכשף, אַ פּאָעט, וואָס האָט דערטרונקען אין זײַן אומרוּיִקן גײַסט די מוראַדיקסטע חזיונות, מיראַזשן און ראַנגלענישן. איצט שעפּט ער זיי אַלע אַרויס פֿון דער דערטרונקנקייט מיט די שענסטע גינגאָלדענע עמערס. דער עדות פֿון י ע נ ע ר פּײַן מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן, אין ליכט. די זעלביקע געזעצן, וואָס גילטן אין דער ״טויטער״ נאַטור

גילטן אויך אין דער קונסט. די באַשערטקייט פֿון לעבן עפּנט פֿאַרן דיכטער נײַע, הומאַנע חלומות. וואָסער שלל פֿון פֿאַרבן, ריחות, בילדער און מעטאַפֿאָרן מישט ניט צונויף זײַן כּישוף־פֿינגער, כּדי אונדז צו פֿירן אינעם לאַבירינט פֿון זײַן פּאָעטישן פּאַליי? אַ. סוצקעווער איז פֿון די וואָגנדיקע דיכטערס. ער האָט ניט מורא צו שטעלן אַ טראָט אין דער פֿינצטער פֿון זײַן פּאָעטישן לאַבירינט. וואָרעם ער ווייס, דער דיכטער, אַז דאָס, מיט וואָס זײַן גײַסט איז געפּרוווט געוואָרן, איז איינמאָליק, ווי איינמאָליק ס׳איז דאָס ערדישע לעבן פֿונעם דיכטער, ווי איינמאָליק ס׳איז ״געהיימשטאָט״ מיט אירע אַלע דיכטערישע נסיונות.

כ׳האָב ניט געזונגען סתם. איך האָב געמוזט
אַרויסוואָיען פֿון זיך די קאַנאַליאַדע!

יאָ, וואָלפֿיש־אַרויסוואָיען — דאָס איז סוצקעווערס פּאָעטישער קרעדאָ. ער שרײַבט ניט זײַנע לידער, ער וואָיעט זיי אַרויס פֿון זיך אונטערן דרוק פֿון אומצאָליקע אַטמאָספֿערן. זײַן יעדעס ליד איז ווי אַ פֿאַרטײַעטער וואָלף, וואָס וואַרפֿט זיך אויף דיר פּלוצעם, אומגעריכט און דו ווערסט געפֿאַנגען, ווי דער פּאָעט אַליין, ״אין דער ווילדער פּראַכט פֿון זײַן אייגענער פֿאַרשפּרייטער גרזאַנגנעץ״. פֿאַר־פּלאָנטערט אין דער אָ נעץ פֿון ריינער, קוואַרציקער פּאָעזיע, ווו יעדער אָדערל זינגט באַזונדער, באַוווּנדערסטו די פּאַנאָראַמעס, פֿולע מיט סודותדיקע פּאָעטישע סימנים פֿון אַלט־ייִדיש און ייִדיש נוסח ווילנע. און אויב אַפֿילו דער שלל פֿון פּאָעטישן אַקוואַרעל־מאָזאַיִק שלינגט אַ מאָל אײַן די אידעע — ביסטו זיכער, אַז באַלד קומט דער בליץ, וואָס פֿאַרענדיקט דאָס ליד מיט אַנטפּלעקערישער דיכטערישער שיינקייט.

יעדעס בוך סוצקעווערס פֿאַרלאַנגט אַ באַזונדערע שטודיע סײַ בנוגע דער טעמאַטיק, סײַ בנוגע דער פּאָעטישער עשירות, פֿאַרטיפֿונג און אַנטפּלעקונג. פֿון די ביז איצט דערשינענע ביכער באַקומט זיך אַ רעליעף פּאָעטיש פּראָפֿיל פֿונעם מענטשן אַבֿרהם סוצקעווער אויפֿן פֿאָן פֿון אונדזער עפּאָכע. זינט אַ פֿערטל יאָר־הונדערט (1937) ווי ער האָט אָוועקגעשטעלט זײַן פּאָעטישע קוזיניע אין דער ייִדישער דיכטונג — מיט זײַן ערשט בוך ״לידער״. שוין דאָרט וועט איר געפֿינען די לויטער־גוטע און אויך האַרבע זוימען פֿון אַלע שפּעטערדיקע ווערק, וואָס האָבן זײַן נאָמען גרויס געמאַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. צווישן דעם בוך ״לידער״ און זײַן לעצט בוך ״גײַסטיקע ערד״, ליגט אויסגעשפּרייט אַ קאַלירקער ביכער־טעפּעך מיט גרויסע דיכטערישע דערגרייכונגען: ״די פֿעסטונג״, ״ייִדישע גאַס״, ״געהיימשטאָט״, ״אין פֿײַער־וואָגן״, ״סיביר״, ״אָדע צו דער טויב״, ״אין מידבר סיני״, ״אָאַזיס״ — ווערק, וואָס באַקריינען און באַשיינען די ייִדישע דיכטונג און דאָס ייִדיש־לשון אין גורלדיקע עטאַפּן פֿון אונדזער פֿאָלק בעת און נאָכן חורבן.

צי האָט אַ. סוצקעווער אין דער דיכטונג פֿאַרגייערס? וואָס איז זײַן אַזוי געדרו־פֿענער לייטמאָטיוו אין דער פּאָעזיע? צו וועלכן אַני־מאַמין דינט זײַן קרעאַ־טיווע גײַסטיקייט? צי קען מען אים קינסטלעריש דעפֿינירן ווי, למשל, לייוויקן אָדער גלאַטשטיינען — הגם ייִנגער פֿון זיי אין יאָרן, אָבער ניט ייִנגער אין

דיכטערישער געפּרוווטקייט, אין מענטשלעכע יסורים און — מיטן אויסדרוק־כּוח פֿון זײַן פּאָעטישער גאַמע?

כ׳וואָלט געפּרוווט דעפֿינירן בערך אַזוי: אַ. סוצקעווער אין זײַן ליד, פּאָעמע — אין זײַן גאַנץ ביז איצטיק שאַפֿן, איז כּולל אין זיך צוויי עיקר־עלעמענטן: א. דעם פּאָעטישן צויבער פֿון וואָרט מיט זײַן פֿאַרביקייט, שפּילעוודיקייט, זינגעוודיקייט, איבערראַשנדיקער זעעוודיקייט און שפּירעוודיקייט, פֿולע מיט מקורותדיקע התגלותן פֿון בילד־ און שאָטן־ניואַנסירונג; און ב. דיכטערישע אידעען־פֿולקייט, געבויט אויף נאַציאָנאַלע חורבן־ און רענעסאַנס־מאָטיוון. איך זע אין אים צוויי שעפֿערישע פּנימער: פֿון פּאָעט־צויבערער און פֿון דיכטער־עפּיקער. כ׳ווייס ניט צי די פֿונאַנדערטיילונג לויפֿט אַדורך אין אַלע ווערק אין סאַמע האַרץ פֿון זײַן יצירה, אָבער אַלץ ווײַזט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אין סוצקעווערס ביז איצטיק שאַפֿן אַ בולטע באַריערע, וואָס טיילט אָפּ זײַן פּאָעזיע פֿון זײַן דיכטונג. אין אַלע ליטעראַטורן איז צו געפֿינען דעם פּראָטאָטיפּ פֿון ריינעם פּאָעט און ריינעם דיכטער — הגם אין די ווערק זייערע איז דאָס ניט תּמיד לײַכט פֿונאַנדערצושיידן. דער דיכטער איז תּמיד אויך אין זײַן שאַפֿן עפּיש, בעת דער פּאָעט־ליריקער דאַרף לחלוטין ניט דעם עפּישן עלעמענט. אים גענוגנט דאָס צויבערשפּיל פֿון פּאָעטישן וואָרט גופֿא, די אַנטפּלעקונגען, וואָס ווערן געבוירן אין דער פּאָעטישער וויזיע. אויב, למשל, מיר וועלן אויף איין זײַט אַוועקשטעלן אַלס דיכטער אַזעלכע נעמען ווי: הוגאָ, בײַראָן, מיצקיעוויטש, געטע, וויטמאַן, לייוויק, ביאַליק — באַקומט זיך אַנטקעגן זיי, אויף דער צווייטער זײַט, אַלס פּאָעטן: באָדלער, שעלי, סלאָוואַצקי, רילקע, פּושקין, פּראָסט, טשערניכאָווסקי. אויב די אָ פֿונאַנדערטיילונג זעט אויס צו זײַן בלויז אַן אילוזאָרישע ווי דער קו־המשוה — איז פֿון דעסטוועגן צו זען אַ גרונטיקן קינסטלערישן און אידעיִשן אונטערשייד אין די אַרויסגערעכנטע שעפֿערס ווערק, ווו מען קען בולט אָנטרעפֿן דעם עפּישן עלעמענט, אָדער דעם ריינעם פּאָעטישן קוואַרץ, ווו ס׳לויפֿט ניט אַדורך קיין שום רעאַל־עפּישער אָדער.

די ביכער: „די פֿעסטונג", „געהיימשטאָט" און טײַלווײַז „ייִדישע גאַס" זענען ווערק פֿונעם דיכטער סוצקעווער, ווו די עפּיק איז גובֿר דעם פּאָעט־מכשף. דאָס מיינט ניט, אַז אויך אין די ווערק איז ניט פֿאַראַן סוצקעווערס מאַגיש־פּאָעטישע וויבראַציע מיט אַלע זײַנע פּאָעטישע כּוחות. דאָס זענען ווערק אויסגעשפּינטע פֿון פֿאָלקס־אומגליקן און קאָשמאַרן, פֿון נאַציאָנאַלע חלומות און ראַנגלענישן, ווערק, ווו דער פּאָעטישער איך טרעט אָפּ דאָס אָרט דעם דיכטער פֿאַר רעאַלע, העכערע צילן. דאָ קומט דער דיכטער נעענטער צו די קוואַלן פֿון זײַן נאַציאָנאַלער אַחריות. אין דעם עפּאָס „געהיימשטאָט" האָט סוצקעווער דערגרייכט אַ זעלטענע נאַראַטאָרישע הויכקייט, געמישט מיט יענע־וועלטיקן פּאָעטישן צויבער. צי איז עס דערפֿאַר וואָס דער הינטערגרונט פֿונעם עפּאָס איז אַזוי פֿײַערלעך־גרויזאַם און איינמאָליק? צי איז עס דערפֿאַר וואָס דאָס עפּישע דיכטערוואָרט איז אַרויסגעוואָיעט געוואָרן אויפֿן פֿאָן פֿונעם חורבן?

אַלס פּאָעט האָט אַ. סוצקעווער אין זײַן ליד גאָר אַ צווייט פּנים. דאָ, הגם ער נוצט דעם זעלביקן שאַפֿערישן עלעמענט פֿאַר זײַנע שורות ווי פֿאַר זײַנע דיכטערישע ווערק, איז זײַן וואָרט גאָר אַנדערש: ס׳איז הייס־וווּלקאַניש, ניאַגאַריש, דער

ריטעם — געמײַסטערט מיט אַ ספּעציפֿישן אַטעם, דער גאַנצער פּערז — געטע־סעט, פֿאַראַקערט און דאַך קומט זײַן בילד אַרויס עטעריש, מחמת דער פֿילטרירונג פֿון זײַן וויזיע אין דער ראַפֿינעריע פֿון די קלאָרסטע פּאָעטישע פֿליסיקייטן. דאָ האָבן מיר דאָס גרויסע עשירות פֿון אַ פּאָעט, וואָס וואָלט פֿון זײַן פּאָעטישער פּזרנות געקענט פֿאַרטיילן אַ טוץ אַנדערע פּאָעטן. ער בויט זײַן פּאָעטישע שורה פֿון פּשוטע ווערטער, אָבער ער הילט זי אַרום מיט אומצאָליקע לויכטנדיקע ספֿערן, ווו ס'פֿאַלן שטיקער ליכט פֿון וואַנדערנדיקע לבֿנות און קאָמעטן. די גוטע פּאָעטישע דימענטן פֿון זײַן ליד ליגן ניט אויבן־אויף, נאָר דו קומסט צו זיי דורך אַ סך בליצן און ליכט־זאַווערוכעס. דער פּאָעט אַקערט אַקערט לאַנג אין זיך ביז ער דערקענט די גרויסקייט פֿון קליינקייט. מיט אַ סך פּאָעטישן געדולד באַזינגט ער די אומשטאַרביקע גרויסקייט פֿון מיקראָקאָסמאָס. ער אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז נײַע, לעבעדיקע וועלטן און הימלען, וואָס זענען ביז אים געווען טויט און שוואַרץ. אפֿשר דערפֿאַר איז זײַן יעדעס ליד אַזוי פֿול מיט פּאָעטישער עשירות, מחמת אים פֿאַרדריסט אַפֿילו — ווי ער זינגט —

צו ווינציק ביז איצטער פֿאַרנומען, דערקענט
די גרויסקייט פֿון קליינקייט.

דאָס זענען שורות, וואָס וועלן שוין תּמיד מאָנען פֿון פּאָעט: אַקערן, אַקערן, אַקערן ביז צו העלזעערישער אַנטפּלעקונג.

ד

ווילנע, ירושלים־דליטא, יונג־ווילנע — דאָס זענען עטאַפּן אין אונדזער קולטור־געשיכטע. אָבער דאָס וואָס יונג־ווילנע האָט מיט זיך געבראַכט אין דער יִדישער ליטעראַטור — איז ניט געווען ענלעך צו אַנדערע ליטעראַטור־נעסטן, ווו ס'האָט זיך אויסגעבריט אַ נײַ קינסטלעריש פּנים אין אונדזער יִדישער וועלט־ליטעראַ־טור. יונג־ווילנע איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. דאָ איז געווען אַלט־דורותדיקע טראַדיציע, הייליקע אַלט־יִדישקייט, געפּאָרט מיט וועלטלעכקייט און נעאָ־יִדיש־קייט, אויף אַן ערד, וואָס איז געווען כּמעט אַ פֿאַרמאַכטער יִדיש־פּלאַנעט. דאָס איז געקומען דורך יניקה פֿון די אור־יִדיש־קוואַלן, וואָס האָבן גענערט און אויפֿגעשטעלט גענעראַציעס פֿון גאונים, טרוימער, און רעוואָלוציאָנערן. דער הגר״א, משה קולבאַק, הירש לעקערט, איציק וויטנבערג זענען ניט קיין צופֿע־ליקייטן אויף דעם פּלאַנעט. אין דער פּאָעזיע פֿון דעמאָלטיקן יונג־ווילנע — און איצט מיטל־ און אַלט־ווילנע — איז שוין געלעגן פֿאַרזייט דער זוימען פֿון גרויסקייט. צי דאָס איז חיים גראַדע, אַבֿרהם סוצקעווער, אלחנן וואָגלער — אַלע זענען זיי געוואָרן די געטרײַע זין פֿון אַ גרויסער יִדישער טראַדיציע, פֿון דער פֿאַרהייליקטער ירושלים־דליטא.

אין וואָס איז באַשטאַנען די רעוואָלוציע פֿון דער גרופּע יונג־ווילנע?
די דאָזיקע רעוואָלוציע דעפֿינירט יעקבֿ גלאַטשטיין אַזוי:

די רעוואָלוציע פֿון דער גרופּע יונג־ווילנע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי

האָט געבראַכט דער ייִדישער וואָרט־קינסטלערישער וועלט אַ שטאָט, וואָס איז אילוזאָריש געווען לאַנד, באַדן, מחמת דער ייִדישער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעפֿורעמט אין ווילנע, איז געווען אַ שטאָלצער, נײַער ייִד, און זײַן ייִדיש מויל, פֿאַרפּאַנצערט און געבענטשט מיט ווונדערלעכע, טרעפֿלעכע העברעיִזמען, איז געווען אַ זיכער מויל, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן פֿאַר דער גאַס. זײַנע ייִדישע מעשׂים, די ייִדישע טאָג־טעגלעכע טועוודיקייט זײַנע, איז געווען אַן אומדערשראָקן, פֿעלדזן־פֿעסט מצווהדיק ייִדישקייט; אַ פּראָדוקט פֿון דור־דורות ייִדישער ווידערשפּעניקייט, אָבער תּמיד אין די ראַמען פֿון טראַדיציע, וואָס יעדער ווילנער האָט געטראָגן ווי אַ קרוין אויפֿן קאָפּ.

אָט די קרוין אויפֿן קאָפּ טראָגן די דיכטערס פֿון יונג־ווילנע. בײַ וועמען ס׳איז די קרוין אויסגעזעצט מיט מער אײדלשטיינער, בײַ וועמען — מיט ווייניקער. אָבער אַלע טראָגן זיי די קרוין פֿון ייִדישער פּאָעזיע מיט גרויס גלויבן אין איר חשיבֿות און אומשטאַרביקייט. און איינער פֿון די, וואָס טראָגט זי מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ און יראת הכּבֿוד — און פֿון צײַט צו צײַט זעצט ער אַרײַן אין דער קרוין אַ נײַעם פּאָעטישן דימענט — איז אַבֿרהם סוצקעווער.

ה

איך ווייס ניט וואָס דער פּאָעט־דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער וועט נאָך אונדז געבן אין דער ליטעראַטור. איך ווייס ניט וואָס זײַן פּאַרסודותדיקער און נאָך פֿאַר־מויערטער בליק וועט פֿאַר אונדז אַרויסהייבן פֿון הינטער די פֿאַרשלאָסענע חורבן־יאָרן — און פֿונעם פֿאָלקס־רענעסאַנס אין מדינת ישׂראל. איך ווייס ניט די סודות פֿון זײַנע פֿינגער, וואָס האַלטן די פּען אין דער האַנט. ער אַליין ווייס אַוודאי אויך ניט די אַ סודות. אָבער דאָס, וואָס אַבֿרהם סוצקעווער האָט אונדז געגעבן ביז איצט — איז גענוג, אַז מיר זאָלן דאַנקען דעם גורל וואָס ס׳איז אונדז אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן אַ שאַפֿער פֿון אַזאַ שפּרודלדיקן, גײַסטיקן יצירה־כּוח. דאָס איז גענוג אַז ער זאָל שטיין מיט זײַן פּאָעטישן באַלעמער אין מיזרח־וואַנט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע. דאָס איז גענוג פֿאַר אונדזער דור — און אפֿשר אויך פֿאַר די קומענדיקע דורות. דאָס איז גענוג, אַז מיר זאָלן אים הײַנט צוטראָגן אונדזער ברכה און תּפֿילה פֿאַר נײַע, גרויסע, פּאָעטישע דערגרייכונגען. און צוזאַמען מיט אַבֿרהם סוצקעווער פֿליסטערן מיר זײַנע צוואהדיקע, גראַניטענע שורות:

בדמיך חיי —
אין דײַן ליד זאָלסטו לעבן!

1963

יעקבֿ פֿרידמאַן

# געזאַנג צום געזאַנג

אַבֿרהם סוצקעווערן — צו זײַן יובֿל

מלכים טוען די קרוינען אָן מיט בליאַסקענדיקן שטאָלץ.
בטלנים זוכן אין בוזעם־קעשענע דאָס טאַבעק־פּושקעלע
פֿון פּראָסטן דעמבענעם האָלץ
און געפֿינען אַ קרוין... שמוכען זיי עניוותדיק פֿאַרשעמט
און באַהאַלטן זי צוריק לעבן גרויען פּראָסטן העמד,
און טוליען די שאָפֿענע קעפּ צו די פֿאָליש־ווענט און קושן דעם אַלטן מאָך,
וואָס שמעקט מיט ברונעם און וואַלד און עפּעס מערער נאָך.
און זיי קוועלן, די קינדער מיט די לאַנגע אַלבאַסטערנע בערד,
און שפּאַנען מיט צעריסענע שיך איבער גאָטס נאַקעטער ערד.

דערקענט זיי קיינער ניט. בלויז חדר־ייִנגלעך עפֿענען די אָפּלען מיט געשטוין.
זיי זעען: אונטער גרויע כאַלאַטן בליצט גינגאָלד פֿון קרוין...

אין די געדיכטע וועלדער שטרעקן די בטלנים די הענט אויס צום שענסטן בוים
און נעמען אַראָפּ די בלויע סאָלאָווייען, וואָס שלאָפֿן צווישן
בריליאַנטענעם געבלאָט,
טוען אויף זייערע פֿליגלען די קרוינען אָן און זינגען אַ געזאַנג צום געזאַנג,
וואָס קערט אַהיים פֿון נע־ונד.

אַ געזאַנג צום געזאַנג וואָס איז ברויט און איז זאַלץ און במילא — קרוין־איבער־קרוין.
געזאַנג — אונדזער פּראַצע, אונדזער גורל, אונדזער לוין!

און זיי שמוכען די קינדער מיט די לאַנגע אַלבאַסטערנע בערד
און קושן דאָס געזאַנג, וואָס קיניגט איבער וואַלד, איבער טײַך,
איבער הימל און איבער ערד
פֿון אייביק ביז אייביק לעולם ועד!

א. מ. פוקס

# די מאַגיע פֿון וואָרט

אַ קינד פֿון דער ייִדישער גאַס, פֿון דער לעגענדאַרער ווילנע, האָט דער בעל־היובֿל פֿאַרזאַפּט די גייַסטיקע ווערטן פֿון דער אַלט־ייִדישער טראַדיציע. אָבער זייַן פּאָעטיש בילד פֿון וועלטלעכן געשען, דורכגענומען מיט פֿאַרביקן וואָרטגעשליף, וואָרצלט אין דער אוניווערסאַלער דיכטונג.

אין דער פֿאָרעם־מײַסטערשאַפֿט פֿון זייַנע לידער, און דער עיקר אין זייער טיפֿ־זיניקייט און סימבאָליק, איז ער אַ גלייַכער צו רייַנער מאַריאַ רילקע. אַזוי ווי רילקע זעט ער אויך די וועלט מיטן קינסטלעראויג פֿון פֿאַנטאַסטיק און באַוווּנדער און די וועלט זינגט צו אים מיט דער האַרמאָניע פֿונעם באַשאַף.

זייַן גייַסט ווערט באַווירקט פֿון די סאַמע געוויינטלעכע אָביעקטן בעת דער טאָג־טעגלעכער באַגעגעניש, ווי אַ בוים, אַ שטיין, אַ פֿאַרבייַגייער, אַ לאַנדשאַפֿט אָדער נאַטורעלעמענטן: רעגן, שניי — אָבער אייַנגעפֿאַסט אין זייַן לידפֿאָרעם ווערט דאָס אַלץ דערהויבן צו סימבאָלן. ווען אונדזער פּאָעט באַמערקט אַ געוויינט־לעכן פּלאַנקען אַרום אַ בית־עולם — נעמט זייַן רעבעליש מענטשגעפֿיל פֿאָדערן ביי אים, ער זאָל זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ האַק, כּדי דורכצוברעכן די פֿאַרצוימונג און באַפֿרייַען די טויטע פֿון זייער געפֿענקעניש:

אַז איך זע: אַרום בית־עולם הויקערט זיך אַ פּלאַנקען,<br>אָדער ס׳איז דאָס גוטע אָרט פֿאַרמויערט מיט אַ וואַנט —<br>גיבן ביימער בערדיקע מיר איבער די געדאַנקען<br>פֿונעם פֿאָלק, וואָס אונטער וואָרצלען האַלטן זיי אין צאַנקען:<br>״ברודער, אויך אַ טויטער וויל ניט זייַן קיין אַרעסטאַנט!״

און איך ווער אַ האַק ווו אַלע פֿינצטערנישן בלאַנקען,<br>אויסצולייזן טויטע פֿון דעם פּלאַנקען, פֿון דער וואַנט...

מיר דאַכט, אַז אין אָט דעם קורצן ליד איז מײַסטעריש אויסגעדריקט די גרונט־אידעע פֿון אַבֿרהם סוצקעווערס גאַנצער שאַפֿונג; זייַן קינסטלערישע שטרעבונג איז צו באַפֿרייַען פֿון שטומער געפֿענקעניש אויך דעם דומם. מיט אָט דער ״האַק״ — זייַן געבענטשטער פּען — באַפֿרייַט ער דאָס פֿאַרהוילענע ייִדישע וואָרט פֿון פֿאַר־גליווערטקייט. דעריבער פֿאַרמאָגט דאָס ליד זייַנס דעם קאָליר און אַראָמאַט פֿון איינמאָליקייט.

ווי אַ פּראָזע־שרייַבער האַלט איך פֿאַר וויכטיק צו באַטאָנען, אַז דער כּוח פֿון זייַן ״האַק״ איז באַזונדערס בולט אין זייַן וווּנדער־סעריע פֿון קורצע באַשרייַבונגען א. ג. ״גרינער אַקוואַריום״ וואָס אין בוך ״אָדע צו דער טויב״. דאָס זענען לידער אין פּראָזע־פֿאָרעם מיט הויך־קינסטלערישן, שאַרף געשליפֿענעם סטיל. די גאַנצע סעריע איז אַ וואַלד־מגילה אָן אַ גלייַכן אין אונדזער ליטעראַטור — ווי אויך אין

דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס זענען פֿון די שענסטע, בילדערישסטע דערציילונגען אין דער ייִדישער פּראָזע. אַ מאָל האָט מען אַזעלכע קורצע פּאָעטישע דערציילונגען געשריבן מיט פֿילאָסאָפֿיש־לירישער שטימונג, כּמעט אָן טעמאַטיק. אָבער ״גרינער אַקוואַריום״ איז אַזוי וואָגיק באַשווערט מיט עטיש־מענטשלעכער טעמאַטיק פֿון צײַט־געשען, אַז דער גײַסטיקער גרונט־עלעמענט איז אַרויסגעהויבן אין אַן איבער־צײַט־מאָס. די נאַכטיק־גרויליקע וואַלדבילדער זענען געגליכן אין זייער רעאַליטעט צו עדגאַר פּאָ׳ישע שרעק־פֿאַנטאַסטיק, און זענען אַרויסגעפֿירט דורך אַ שטורעם־געוויטער פֿון יענע־וועלטיקע פֿאַרהוילונגען.

איך באַטראַכט ״גרינער אַקוואַריום״ ווי אַ המשך, אָדער אַ ווײַטערדיקן טייל, פֿון סוצקעווערס אומפֿאַרגעסלעכער פּאָעמע ״געהיימשטאָט״. ווי מיר געדענקען, ענדיקט זיך די פּאָעמע אַזוי: ״און ער איז אַוועק זיך אַליין צו געפֿינען״. ע ר — דאָס איז דער הויפּטהעלד פֿאָליע. אין ״גרינער אַקוואַריום״ באַגעגענען מיר אים ווידער, נאָר אַ פֿאַרשטעלטן אונטער אַנדערע נעמען, דאָ הייסט ער שוין באָמקע, קאָליאַ, צאַלקע... ס׳איז אָבער דער אייגענער העלד, אין אַ נאָך מער קאָמפּליצירטער, פֿאַרטיפֿטער און פֿײַנלעך־געלײַטערטער בילדערוועלט, וואָס ״איז אַוועק זיך אַליין צו געפֿינען״, און זײַן אמתער נאָמען איז אַבֿרהם סוצקעווער.

י. גולה

# הערות וועגן דער פּראָבלעם פון פּסיכאָרעאַליאַ אין דער פּאָעמע "געהיימשטאָט"

## א

די פּאָעמע "געהיימשטאָט" שיידט זיך אונטער פון אַבֿרהם סוצקעווערס אַלע פּאָעטישע שאַפונגען — פון דער לירישער און סובטעלער פּאָעמע "סיביר" ביז דער לעצטער לידער־זאַמלונג — מיט אייניקע ספּעציפישע סימנים, וועלכע יעדער איינער, וואָס איז באַהאַוונט אין זיין דיכטונג, וועט גלייך ביים אָנהייב באַמערקן. דאָס איז ניט, פאַרשטייט זיך, בלויז דער אונטערשייד אין פאַרנעם, ווי אויך ניט די ספּעציפישקייט פון דער בולטער עפּישער באַאַרבונג. די פּאָעמע איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פילפאַרביקער אָבער איינהייטלעכער־אין־איר־מהות פּאַליטרע פון סוצקעווערס דיכטערישער יצירה, וועמעס סטרוקטורעלער כאַראַק־טער־שטריך ס׳איז לאַנגאָטעמדיק און נטיה צו עפּישע עלעמענטן. און ס׳איז אויך ניטאָ קיין טעמאַטישער אונטערשייד. דער אומקום דינט זייער אָפט אַלס אָפענער אָדער באַהאַלטענער הינטערגרונט אין אַ סך סוצקעווערס שאַפונגען, אַפילו אין זיינע שפּעטערדיקע לירישע לידער, וואָס האָבן ניט לכאורה וועלכע עס איז עצמדיקע שייכות צום אומקום. דערביי מוז באַמערקט ווערן, אַז ביי סוצקעווערן איז דער אומקום ניט אין דער בחינה פון אַ פּראָבלעם און ניט אין דער בחינה פון אַ היסטאָרישער געשעעניש, און אויך ניט אין דער בחינה פון אַ שוידער־געשפּענסט: דער אומקום איז ביי אים אין דער בחינה פון נאַטור. נאַטור — וואָס באַגלייט ווי אַ שאָטן זיין טריט און שריט אינעם ליד. נאַטור — וואָס יעדער פּאָעטישער רעיון ווערט אַריינגעגאָסן אין איר, פּאַסט זיך צו זיינע דימענסיעס און טראָגט אויף זיך — מער אָדער ווייניקער בולט און מער אָדער ווייניקער אָפן — דעם שטעמפּל פון זיין כאַראַקטער. עס רעדט זיך דאָ אויך ניט, פאַר־שטייט זיך, וועגן אונטערשייד אין סטיל. "געהיימשטאָט" צייכנט זיך אויס מיט דער זעלבער פאַרכאַפּנדיקער רייכקייט פון שפּראַך און מיט דער זעלבער קלאַסישער פּעדאַנטישקייט אין דער סטיליסטישער און סטרוקטורעלער אַרכיטעקטאָניק צו וועלכער סוצקעווער האָט אונדז צוגעוווינט אין זיינע שירים און וועלכע זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דרך. אַבֿרהם סוצקעווער האָט קיין מאָל ניט מוותר געווען אויף אויספאַלירן זיין לשון־סטיל און אויף אויסשלייפן זיינע פערזן און מיר וועלן ניט מגזם זיין אויב מיר וועלן זאָגן, אַז פון אָט דער בחינה — אויך פון אָט דער בחינה — שטעלט פאַר מיט זיך סוצקעווערס דיכטונג אַ הויכפּונקט אין דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע לגבי וועלכער ס׳איז שווער זיך משער צו זיין, אַז ס׳קאָן נאָך געבן עפּעס העכערס.

די עיקרדיקע באַזונדערקייט פון דער פּאָעמע "געהיימשטאָט" איז, קודם־כל, אין איר פאַרנעם. מיר מיינען ניט צו זאָגן: אין איר כמותדיקן פאַרנעם, נאָר אונדזער כוונה איז צו זאָגן: אין איר טעמאַטישן פאַרנעם, אין איר ברייטן פיל־זייטיקן און דורכויס אַ־פּערסאָנאַלן צוגאַנג צו איינער פון די קאָמפּליצירטסטע

פּראָבלעמען אויפֿן געביט פֿון פֿאָרשן דעם מענטשלעכן גײַסט; צו דער פּראָבלעם פֿון דער שטעלונג און שטאַנדהאַפֿטיקייט אין גאַנץ עקסטרעמע צושטאַנדן פֿון דערווירקלעכקייט, צושטאַנדן וואָס זענען כּמעט פֿאַנטאַסטיש אין זייער עקס־טרעמקייט.

אויב מיר זאָלן וועלן, געהערט גאָר ניט "געהיימשטאָט" אָרגאַניש צו דעם, וואָס מיר רופֿן אָן בדרך־כּלל "אומקום־ליטעראַטור". אַ סך שאַפֿונגען האָבן מיר געלייענט וועגן אומקום, — פֿון זיי ערשטקלאַסיקע אין זייער ליטעראַרישן ווערט און אַנדערע ווייניקער אויסגעצייכנטע, — אָבער מיר האָבן ניט געזען אַפֿילו קיין איינע, וואָס זאָל זײַן ענלעך צו דער פּאָעמע "געהיימשטאָט". ענלעך ניט אין דער בחינה פֿון איר ניוואָ, אירע יסודות אָדער פֿאָרמעלער פֿאָרפֿולקומונג, נאָר ענלעך אין דער בחינה פֿון איר אויסגאַנג־פּונקט, אין אַנאַליז פֿון פּאָעטישן מאַ־טעריאַל גופֿא, און דער עיקר אין דער בחינה פֿון איר פּסיכאָלאָגישער אויטענ־טישקייט. "געהיימשטאָט" האָט ניט קיין שײַכות צו דער אומקום־ליטעראַטור אויך דערפֿאַר, וואָס בעצם איז דאָרטן ניט דער אומקום דער עיקר, נאָר דער מענטש וואָס פֿירט די מלחמה מיטן אומקום, אַ מלחמה פֿון אינערלעכן שוווּנג, אַ פּסיכאָלאָ־גישע מלחמה, אין וועלכער ער איז מנצח, אָדער — פֿאַלט דורך אין אָט דער מלחמה. דער אומקום גופֿא, אין זײַן טראַגישער ברוטאַלקייט, דערשײַנט אין דער פּאָעמע נאָר אין איינער פֿון די דרײַ היפּאָסטאַזעס: אָדער ווי אַן אויפֿקלערונג פֿאַר דער ראָם אין וועלכער די געשעענישן קומען פֿאָר, אָדער ווי אַ שוידערלעכע דער־מאָנונג פֿון אַן עבֿר וואָס איז פֿאַרבײַ, הגם זײַנע רעזולטאַטן פֿילט מען נאָך גוט אָפּ, אָדער ווי אַ גרונד אַרײַנצוטראַכטן זיך אין די קאָמפּליקאַציעס פֿון דער נשמה און מעשׂים פֿון די העלדן אין דער פּאָעמע, וואָס זייער אויפֿפֿירונג אין די אונטער־ערדישע קאַנאַלן פֿון ווילנע, פֿאָלגן מיר נאָך צוזאַמען מיטן פּאָעט. אַזוי צי אַזוי איז די ראָלע פֿון אומקום אין דער פּאָעמע אַ צווייטראַנגיקע. וואָס אַן אמת, דער־שײַנט דער אומקום אין דער פּאָעמע איין מאָל אין דער היפּאָסטאַזע פֿון דער ביטערער, דראַמאַטישער ווירקלעכקייט — אין קאַפּיטל "די שלאַכט אין קאַנאַל" — אָבער מיר וועלן ניט מאַכן קיין טעות אויב מיר וועלן זאָגן, אַז אָט דער פּרק קומט בלויז צו ניואַנסירן דעם עפּישן געוועב פֿון דער פּאָעמע און צוגעבן איר באַוועגונג און דינאַמישקייט. פֿון קוקווינקל פֿון אידעישן מאַטעריאַל פֿון דער שירה דינט דאָ ניט דער אומקום אַלס מאַטעריאַל, נאָר אַלס דעקאָראַציע, אַלס הינטערגרונט, אַלס ראָם; כּמעט ווי אַ פּרעטעקסט.

פֿון דאַנען שטאַמט אויך, ווײַזט אויס, אַן אַנדערער, באַזונדערער קענצייכן, וועלכן דער לייענער באַמערקט, ווען ער פֿאַרטיפֿט זיך אין "געהיימשטאָט": דאָס פֿעלן פֿון לירישן טאָן אין דער פּאָעמע, אָדער — די קאַרגשאַפֿט פֿון ליריק. סוצקעווערס עפּיק אין זײַנע גרויסע פּאָעמעס איז דער עיקר אַ ליריש געוועב, און דאָס אין זייער אַ בולטער מאָס. אין פֿלוג קען ניט אַזאַ רעפּרעזענטאַטיווער ליריקער ווי סוצקעווער, מיט זײַן גאַנצער ליבשאַפֿט צו עפּישע עלעמענטן (אַ ליבשאַפֿט, וואָס איז "טראַדיציאָנעל" פֿאַר דער ייִדישער דיכטונג) שאַפֿן "ריינע" עפּישע שירה, און ער האָט באמת אַזאַ שירה ניט געשאַפֿן, חוץ "געהיימשטאָט". אין "געהיימשטאָט" זענען דאָ ממש איבעראַשנדיק ווייניק לירישע עלעמענטן און אַפֿילו דאָרטן ווו זיי באַהערשן דעם דיכטער און פֿלעכטן זיך אײַן אין געוועב פֿונעם שיר, זענען

זיי נאָך באַהאַלטן, פֿאַרשלונגען אין מאָטיוו און מען פֿילט, אַז זיי זענען בפֿירוש ניט צום האַרצן דעם דיכטער. ווען סוצקעווער וואָלט דאָ אויסגעלאָזן זײַן לירישן "יצר", וואָלט "געהיימשטאָט" געווען ענלעך צו זיינע אויסגעצייכנטע לירישע אומ־קום־לידער. די קינסטלערישע שיינקייט פֿון דער פּאָעמע וואָלט דורך דעם ניט געליטן, אָבער איר גײַסטיקע באַזע וואָלט פֿאַרשמעלערט און רעדוצירט געוואָרן, אין בעסטן פֿאַל, צו אַן איין־דימענסיע־ אָדער צוויי־דימענסיע־שאַפֿונג. ווען ער וואָלט אַזוי געטאָן, וואָלט ער אין אַ לירישער קעגנשטעלונג אַרײַנגעשטעלט זײַן אייגענעם נפֿש און זײַנע אייגענע רעאַקציעס אין אַנבליק פֿון אומקום, — אָבער ניט דאָס האָט ער געוואָלט אין "געהיימשטאָט". דאָס איז אַ פּאָעמע, וואָס איז באַשטימט צו זײַן אַ־פּערסאָנאַל, זי האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו ווײַזן דעם "קומענדיקן לייענער" ניט דעם דיכטער און זײַן פּערזענלעכע וועלט, ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין שווידערלעכן שפּיגל פֿון אומקום, נאָר דעם מענטש און זײַן וועלט, גענויער — דעם ייִד און זײַן וועלט אין זייער פֿילפֿאַרביקער און פֿיל־דימענסיקער אָפּשפּיגלונג אין שווידערלעכן שפּיגל פֿון אומקום. דאָס ווערט כּמעט בפֿירוש געזאָגט אין איינעם פֿון די פּרקים פֿון דער פּאָעמע ("נאָכן מבול"):

גערולדיקער לייענער, זוך ניט אַרומעט
דעם דיכטערס פּערזאָן אין דער ווילדער פּאָעמע.
אַחוץ אים ווערט אויך דאָ געגנוג זײַן דער אומעט
און לײַדן דערפֿון ווערט ניט לײַדן די טעמע.
נאָר אויב דו ווילסט דווקא דערשנאַפּן דעם דיכטער,
דערגייען זײַן באַציִונג צו זיך און צו יענעם, —
גראָב טיפֿער זיך אײַן אין די שאָטנס און ליכטער
פֿון זײַנע חבֿרים, דאָרט ועסטו דערזען אים — —

דאָ ווערן מיר אָפּן גערופֿן ניט צו זוכן די לירישע עלעמענטן אין שיר. און אויב ניט געקוקט אויף דעם געפֿינען מיר דאָך דעם דיכטער אין אָט דעם שיר, איז דאָס בײַזײַן דאָרטן ניט קיין פּערסאָנעלע, נאָר אַ בײַזײַן וואָס שטעקט אין די נשמות פֿון די העלדן אין דער פּאָעמע, און דער מחבר אידענטיפֿיצירט זיך ניט בפֿירוש מיט קיין איינעם פֿון זיי, נאָר דווקא מיט אַלע צוזאַמען.

ב

אין זײַן קריטישער אָפּשאַצונג "אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע פֿון ווידערשטאַנד" וואָס איז דערשינען אין "דער טאָג" פֿון 14טן יאַנואַר 1951, שרײַבט ש. ניגער צווישן אַנדערן: ["געהיימשטאָט"]... "צייכנט זיך אויס אויך דערמיט, וואָס מער ווי אין יעטווידער אַנדער פּאָעמע האָט ער געמוזט אין איר דערגרייכן די קונסט־מדרגה פֿון אַן עמאָציע, וואָס ווערט דערמאָנט אין רויִקייט. אַן דער באַרויִקונג פֿון די אייגענע עמאָציעס, אַן דעם קינסטלערס זעלבסט־באַהערשונג וואָלט ער דעם הויפּטציל פֿון דער דאָזיקער פּאָעטישער שאַפֿונג — דעם ציל צו פֿאַרוואַנדלען פּײַן אין שײַן — ניט געקענט דערגרייכן. ווײַל דאָ איז קאָנצענטרירט דער גאַנצער אומענדלעכער פּײַן פֿון ווילנער געטאָ און פֿון אַלע אַנדערע געטאָס, און

ווען דער קינסטלער זאָל מיט דעם כּישוף און דעם כּוח פֿון זײַן קינסטלערשאַפֿט ניט אײַנהאַלטן און ניט פֿאַרהאַלטן זײַן גוואַלד־געשריי, זײַן געוויין און זײַן יאָמער, וואָלט ניט נאָר פֿון פּײַן ניט געוואָרן קיין שײַן, דער פּײַן אַליין וואָלט ניט געוואָרן: ער וואָלט זיך אַליין פֿאַרשריִען...".

מיר האָבן זיך דערלויבט צו ברענגען אַ לענגערן ציטאַט פֿון ש. ניגערס אָפּשאַצונג, כּדי צו באַקרעפֿטיקן אונדזער גרונטיקע און פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפֿט צו זײַנע הנחות. ש. ניגער זעט דעם ציל פֿון דער פּאָעמע אין אַ זאַך, וואָס ווערט דערמאָנט אין "פֿאָרליד": פֿאַרוואַנדלען דעם פּײַן אין שײַן. אויב דער קריטיקער שטיצט זיך דאָ בפּירוש אויף דער דערקלערונג פֿון פּאָעט אין "פֿאָרליד" — און דאָס ניט בלויז ווי אויף אַ ווײַטער און ניט־פֿאַרפֿליכטנדיקער אסמכתא — שײַנט אַז דער פּירוש פֿון ש. ניגער איז ווײַט פֿון מחברס לשון און פֿון זײַן כּוונה אין טעקסט פֿון שיר, ווו עס ווערט ניט געזאָגט, אַז דער פּײַן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין שײַן (דורך זײַן דיכטערישער באַאַרבעטונג — לויטן פּירוש פֿון ש. ניגער), נאָר עס רעדט זיך וועגן פּײַן, וואָס מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן. די כּוונה איז דאָ, אַז דער פּײַן פֿון דור פֿון אומקום און חורבן דאַרף זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מקור פֿון שײַן פֿאַרן לעצטן דור. עס איז אויך אויסטערליש, וואָס ש. ניגער שטיצט זיך אויף דער באַקאַנטער מימרא, וועלכע דעפֿינירט די פּאָעזיע אַלס "עמאָציע, וואָס ווערט דערמאָנט אין רויִקייט", ווײַל אָט די דעפֿיניציע גילט דאָך נאָר פֿאַר אַ לירישן ליד. די פּאָעמע, וואָס ליגט פֿאַר אונדז, איז אַן עפּישע כראָניק פֿאַר־עקסעלאַנס אין וועלכער עס ווערט בכלל ניט גערעדט וועגן די עמאָציעס פֿון מחבר — ניט דורך רו און ניט דורך געמיט־אויפֿברויז. דריטנס — אין "געהיימשטאָט", ווי דאָס מיינט ש. ניגער, איז ניט פֿאַראַן קיין אײַנגעהאַלטנקייט און ניט קיין צוימונג פֿון אַ גוואַלד־געשריי. די שילדערונגען אין דער פּאָעמע זענען וואָס אַן אמת געהאַלטן אין אַ מעסיקן טאָן, אָבער קיין שום זאַך זאָגט ניט עדות וועגן דעם, אַז דער פּאָעט האָט פּאַקטיש געוואָלט אויסלאָזן זײַן פּײַן אין אַ געשריי, נאָר ער האָט באַוועלטיקט זײַן געמיט, כּדי צו געבן דער פּאָעמע אַ פּאַסיקן קינסטלערישן תּיקון.

לויט ש. ניגערס הנחה — און עס שײַנט, אַז אַזאַ איז די מיינונג פֿון רוב קריטיקער וועלכע האָבן באַהאַנדלט די פּאָעמע "געהיימשטאָט" — האָט דער פּאָעט געהאַט די כּוונה ניט אַרויסצוזאָגן די רייד אין זייער רעאַלער שאַרפֿקייט, נאָר זיי אויסלײַטערן אין טיגל פֿון קינסטלערישער געצוימטקייט, זיי צו פֿאַרמולירן אין אַ פּערפֿעקטן דיכטערישן נוסח, אין אַ פֿולקומענעם ריטעם און אין אַ שיינעם פֿערז, כּדי אַזוי אַרום זיי מאַכן לויטערער און באַקוועמער אויפֿגענומען צו ווערן אין הארצן פֿון לייענער. דער עיקר אין דער פּאָעמע איז בכן דער נאָגנדיקער און שוידערלעכער פּײַן, וואָס האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין שײַן, בלויז מיטן כּוח פֿון דער קינסטלערישער געשטאַלטיקונג. ניט קיין פּײַן, וואָס איז שײַן אין זײַן מהות, נאָר פּײַן וואָס איז סטיכיש, פּײַן וואָס איז אין דער בחינה פֿון אַ געשריי, וואָס ווערט דערשטיקט פֿון זײַן אייגענעם כּוח. דאָ איז פֿאַראַן, אַזוי צו זאָגן, אַ מין דיסאָנאַנס אין דער פּאָעמע: מיר שלינגען אַראָפּ אַ פּיל, וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן אין דער ביטערקייט, און וועמענס לויטערער קינסטלערישער לבֿוש דינט בלויז אַלס פֿאַרזיסנדיקע איבערדעקונג.

ג

אמת — ס'איז פֿאַראַן אַ סך שײַן אין "געהיימשטאַט". בײַ דער ערשטער און איבערפֿלעכלעכער אָבסערוואַציע רופֿט דאָס אַרויס שטוינונג און דאָס פֿאָדערט אַן אויפֿקלערונג, ווײַל די סיטואַציע, וואָס ווערט געשילדערט אין דער פּאָעמע, איז באמת זייער עקסטרעם. אַ מנין מענטשן — מענער, פֿרויען און קינדער — לעבן אין אַן אָרט וועגן וועלכן אַ מענטשלעכער מוח וואָלט זיך קיין מאָל ניט משער געווען, אַז מען קען דאָרטן לעבן: אין קאַנאַליזאַציע־נעץ פֿון אַ שטאָט, וואָס איז אָקופּירט דורך די דײַטשן. אָן לופֿט צום אָטעמען, אָן שפּײַז, אָן מעגלעכקייטן זיך צו באַוועגן, אָן די נויטוועגדיקסטע הצטרכותן, וואָס אָן זיי איז אוממעגלעך אַז אַ מענטש זאָל קענען לעבן און עקסיסטירן. און אָט לעבט דווקא אַ מנין ייִדן אין אַ בערלאָגע, וואָס זיי האָבן אויסגעגראָבן אין קאַנאַל, און נאָך מער — ס'איז זיי גוט. זיי פֿאַרנעמען זיך מיט אַלע ענינים וואָס זענען דורכויס מענטשלעך. ליבן זיך, פֿאַרצייכענען זייער כראָניק, פֿרייען זיך און טרויערן, קריגן זיך און בעטן זיך איבער — מיט איין וואָרט: לעבן ממש ווי מענטשן אין נאָר־מאַלע באַדינגונגען, און ס'איז זיי גוט און ליכטיק. דער חושך — דאָס מענטשלעכע אויג געוויינט זיך צו און ער איז ענלעך צו —

ליכט, וואָס באַפּענצטערט די שוואַרצע בערלאָגע,
ווי אָפּשײַן פֿון טויזנטער וואַסערלעך וואַנדלט —

און דער אָפּשטויסנדיקער ריח פֿון קאַנאַל "ווערט פֿאַרביטן אויף שטענדיק" —

אויף ריח פֿון היישניט אין פֿרישן פֿרימאָרגן,
אויף ריח פֿון פֿרײַטיק צו נאַכטסן, פֿון זעמל,
וואָס איטלעכער האָט נאָך געשפּירט אין זײַן דרעמל.

ניט מער און ניט ווייניקער. און צום סוף:

ווי צווײַגן דורך נאַכטיקן רעגן באַקאַרשנט,
מיט היימישקייט האָט זיך צעבליט די מאַלינע.

און אין אַן אַנדער אָרט:

און העט בײַ דער גראַטע מען האַלט נאָך אין טאַנצן
בײַם פֿרישן לבֿנהוועבס פֿול מיט הנאה,
ביז וואַנען דער מולד צעפּאַלט זיך אין גאַנצן
אין ליכטזײַלן אָקערשט געבוירענע, בלאָע.
און זילבערנע כרובֿימלעך פֿלאַטערן, טוּיכן
אין וואַסער, דערטרינקען זיך, שימערן ווידער.
זיי שמעלצן פֿונאַנדער מיט וואַרעמע הויכן
די פֿינצטערניש, טוען באַלײַכטן די גלידער.

דאָס איז דאָך אַ פֿולשטענדיקער אידילישער אויסבליק, אַ פֿילפֿאַרביקע און לײַכטנדיקע פּאַנאָראַמע, ניט פֿון קיין פֿעלד וואָס גאָט האָט אים געבענטשט, און ניט פֿון קיין ברייטער און בליִענדיקער לאָנקע, נאָר פֿון אַ געשטאַנקיקער בערלאָגע אין מיטן פֿון דער קאַנאַליזאַציע־רער! און דאָך גיט דער משורר אַ פּרעכטיקע שילדערונג, ווי אַזוי —

צו ערשט האָט אַ בולבע, פֿאַרוואַלגערט אין קעלער,
אַרויסגעשטראַלט ווײַסינקע שפּראָצן. אַ סימן —
דער פֿרילינג שוין פּראַוועט אין שטאָט זײַנע בעלער.
עס האָבן דערזוניקט זיך מונטערע שטימען
אַרום דעם בית־עלמין. דאָס ליאַרעמט אַ כאַפּטע
צעזונגענע שטראָמען פֿון שטאָטישע גאַסן
דורך רעגן־קאַנאַלן מיט שנייען פֿאַרשטאָפּטע.
זיי רוישן, צעשינדן דעם אומעט אין פּאַסן
און שפּרייטן שוואַרצערדיקע ריחות צעבליטע —
אַן אָנדענק פֿון ווינטער, אַמאָליקער ליטע.

פֿון שנייען צעגאַנגענע, ערדן וואָס יערן,
פֿאַרמויערטע קוואַלן, פֿרישגראָזיקע רעגנס,
וואָס פּליעסקען דורך גראַטעס, צעגאָלדיקטע רערן,
פֿון ווינטערס צעגאַנגענע פֿרײַע פֿאַרמעגנס, —
עס האָבן די שטראָמען געזונגען אַן אָדע
צום פֿרילינג, אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אָרעם
דעם קעלער — —

און דאָס אַלץ — אין קאַנאַל.

וואָס אַן אמת זענען פֿאַראַן קאַשמאַרע בילדער אויך אין ״געהיימשטאָט״, אָבער אַ ל ע אָט די בילדער זענען בילדער מ ח ו ץ דעם קאַנאַל, בילדער פֿון ווילנע־של־מעלה אָדער פֿון עבֿר־זכרונות, וואָס אויך זיי דערמאָנען געשעעניש מחוץ די קאַנאַלן. אַזוי, למשל, זענען די ערשטע בילדער פֿון דער פּאָעמע, וואָס שילדערן דעם דיכטער פֿאַר זײַן ירידה אין די קאַנאַלן, אָדער דאָס בילד פֿון שטאָט, ווען אסתּר גייט איבער די גאַסן, כּדי צו ברענגען אַ ציגעלע פֿאַרן עופֿעלע אין קאַנאַל:

ווי האָזנפּלייש רויט, ווען עס שמעקט מיט נבֿלה —
די שאַרלאַכע זון אויף אַ דאַך אַ פֿאַרראַסטן — —

אָדער דאָס אויפֿטרייסלענדיקע בילד פֿון דער קבֿורה און די שילדערונג פֿון דער חורבֿער שטאָט אין פּרק ״דער פּרוש אויפֿן שולהויף״; דערשיטערנדיק אין זייער מרה־שחורהדיקייט זענען אויך די זכרונות פֿון די העלדן פֿון דער פּאָעמע, ווי למשל, די דערציילונג פֿון בלינדן אין פּרק ״ציאַנקאַלי״ און די דערציילונג פֿון קריינע אין פּרק ״מזל־טובֿ״. צוויי מאָל בלויז בײַטן זיך אין דער פּאָעמע די

״יוצרות״ און מיר געפֿינען אַ בילד, וואָס איז מחוץ דעם קאַנאַל, אַ שייַנענדיק און לייַכטנדיק בילד, און להיפּוך — אײן בילד אין קאַנאַל, וואָס איז געמאָלן מיט טונקעלע און טרויעריקע פֿאַרבן. ביידע בילדער ווערן געשילדערט לפּי דער אינערלעכער עקאָנאָמיק פֿון דער פּאָעמע: דער פֿאַרשנייטער און וואַלדיקער פּייזאַזש פֿון דער נאַכט, ווען פֿאַליע און דבֿורל, די צוויי הויפּטהעלדן, רייַסן אויף די באַנרעלסן — איז זוכה צו אַ העל־באַלויכטענער און אידילישער שילדערונג, דאַקעגן דער פּייזאַזש פֿון ״די שלאַכט אין קאַנאַל״ ווערט געשילדערט מיט אַ טונקלקייט פֿון יִיאוש. מיט איין וואָרט — די דאָמינירנדיקע פֿאַרב ביים שילדערן דאָס הייַפֿל ייִדן אין קאַנאַל איז העל־ווייַס, בלענדנדיק. דער פּאָעט באַנוצט זיך מיט אָט דער פֿאַרב באַוווּסטזיניק און בולט און בפּירוש ניט גע־צוווּנגענערהייט, ווי ״אַן עמאַציע וואָס ווערט דערמאָנט אין רויִקייט״, לויט דער מיינונג פֿון ש. ניגער.

דער אויבן דערמאָנטער מאָמענט טיילט שאַרף אויס די פּאָעמע ״געהיימשטאָט״ פֿון דאָס רובֿ ווערק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן איבערן אומקום. דאָס איז די איינציקע אידילישע יצירה, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפֿן הינטערגרונט פֿון אומקום און אָט דער פֿאַקט האָט אַרויסגערופֿן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע קריטיקערס, וואָס האָבן אָפּגעשאַצט די פּאָעמע ״געהיימשטאָט״. אַ סך האָבן אַנגעוויזן אויף דעם מיט פֿאַרוווּנדערונג, און אייניקע האָבן זיך אַפֿילו באַמיט אויפֿצוקלערן אָט די דערשייַנונג, בעיקר דורך דעם, וואָס זיי האָבן געזען אין דעם אַ דרויסנדיקן, קינסטלערישן עפֿעקט, וואָס איז ניט בלוט און פֿלייש פֿון דער יצירה, הגם דאָס איז פֿאַר איר לעבנס־וויכטיק צוליבן דערשיטערנדיקן דיכטערישן מאַטעריאַל, — ווי אָפֿט עס איז שוין פֿריִער אָנגעוויזן געוואָרן.

ד

עס מאַכט דעם אייַנדרוק, ווי דער פּאָעט וואָלט פֿאָרויסגעזען, אַז מען קען אין דער צוקונפֿט אַזוי אויסטייַטשן זייַן ווערק און ער האָט אונדז געוואָרנט אין ״פֿאָרליד״ אַזוי צו זאָגן: ״דו מאָרגנקינד! קום נענטער און איך וועל / פֿון ווערטער־פֿאַרבן מאָלן דיר אַ ווינקל / פֿאַרנאָגלט אין דער וואָר״... בכן, לויט דער בפּירושער דעפֿינירונג פֿון פּאָעט, ווערט דאָ גערעדט וועגן אַ ר ע אַ ל ע ר שילדערונג ״פֿאַרנאָגלט אין דער וואָר״. און ווייַטער זאָגט דער משורר: ״...און זאָל ס׳געמעל / אין דייַנע חושים געבן אַ צעפּינקל, / אַנטפּלעקן די נשמה — — /״. אויב מיר זענען זיך ניט טועה אין דער כּוונה פֿון משורר, וויל ער אונדז זאָגן, אַז די שיל־דערונג, וואָס ער ברענגט פֿאַר אונדז, האָט ניט פֿאַר אַ ציל צו אַנטפּלעקן די נ ש מ ה פֿון די העלדן, נאָר זייערע מעשׂים, דאָס וואָס ס׳וועט געשען מיט זיי: דורך די מעשׂים וואָס וועלן דערציילט ווערן, וועט זיך אַנטפּלעקן אין האַרץ פֿון לייענער אַ ווינקל פֿון זייער נשמה. און אַזוי איז די זאַך באמת, ווייַל דער פּאָעט שילדערט זייער וויניק אין ״געהיימשטאָט״ די גייַסטיקע וועלט פֿון די העלדן, נאָר שטעלט זיך דער עיקר אָפּ אויף זייערע מעשׂים און איבערלעבונגען, ממש ווי אַ געשיכטע־שרייַבער, וואָס שילדערט בלויז דאָס געשעענע. אַזוי צי אַזוי איז דאָרטן ניט פֿאַראַן קיין סטיליזירטע שילדערונג, נאָר להפּך, אַ שילדערונג וואָס איז ״פֿאַרנאָ־גלט אין דער וואָר״. דאָס הייסט: אַ רעאַליסטישע שילדערונג פּשוטה כּמשמעה.

קלאָר אַז דער איינפּאַכער און גאָר באַקוועמער פּירוש פֿון ש. ניגער ווערט אַזוי אַרום אָפּגעוואָרפֿן און מיר האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, ווי זען די פּאָעמע ״געהיימשטאָט״, מיט איר שײַן און חן, אַלס אַ גאַנצקייט, וואָס איז ניט צעפּיצלט אויף חומר באַזונדער און אויף פֿאָרעם באַזונדער, און דאַרף ניט באַטראַכט ווערן מחוץ אירע אייגענע גרענעצן.

פֿאַקטיש — פֿון צוויי קוקווינקלען קען מען אָבסערווירן די קאַשמאַרפֿולע געשעענישן פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט געטראָפֿן אונדזער פֿאָלק בעת דער הערשאָפֿט פֿון רישעות אין אייראָפּע. עס איז מעגלעך אַ קוקווינקל מחוץ די געשעענישן, ד״ה זען די געשעענישן ניט מיט די אויגן פֿון די העלדן גופֿא, נאָר מיט די אויגן פֿון דעם, וואָס זעט זיי דורך אַן אָביעקטיווער אָדער סוביעקטיווער פּריזמע, אָבער אַן אויסערלעכער פּריזמע. און דער מאָסשטאָב מיט וועלכן ער באַנוצט זיך איז דער מעמד פֿון אַ נאָרמאַל, רויִק און שטיל לעבן. אַזאַ אָבסערוואַציע איז שטאַרק מיט דעם, וואָס זי דעקט אויף דעם טראַגיזם פֿון די געשעענישן אין זייער פֿולער אויפֿטרייסלענדיקער און שוידערלעכער האַרבקייט, זי זעט די פּאַסירונגען אין די שוואַרצסטע פֿאַרבן, ווי אַ מענטש זעט די טיפֿסטע תּהומען, ווען ער קוקט אויף זיי פֿון אַ גרויסער הייך. אַזאַ איז דער דרך פֿון דער ליטעראַטור, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער טעמאַטיק פֿון אומקום בדרך כּלל: זי שפּילט כּמעט שטענדיק אויף דער סטרונע פֿון קאָשמאַר, וואָס ברענגט אַרויס די דראַמאַטישסטע טענער. אַזאַ אָבסערוואַציע קען ניט רעאַגירן אויף דער קאַטאַסטראָפֿע אַנדערש, ווי נאָר מיט אײן גרויסן און שוידערלעכן געשריי, ווײַל דער וואָס באַנוצט זיך מיט נאָרמאַלע מאָסשטאָבן איז לחלוטין הילפֿלאָז אין אָנבליק פֿון די אומנאָרמאַלע דימענסיעס פֿונעם שוידערלעכן אומגליק, וואָס האָט ווען עס איז געטראָפֿן אַ פֿאָלק פֿון צווישן די פֿעלקער. אַזאַ אָבסערוואַציע וועט אויך קיין מאָל ניט אויפֿכאַפּן די פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן, די פֿילזײַטיקייט אין דער פּסיכישער רעאַקציע פֿון די באַטייליקטע אין די געשעענישן גופֿא, און אויב זי וועט זיך אַפֿילו באַמיִען אויפֿצוכאַפּן אָט די ניואַנסן, איז זי פֿון פֿאַרויס פֿאַרמישפּט אויף אַ דורכפֿאַל. ווײַל דער וואָס קוקט אויף די פּאַסירונגען פֿון דרויסן קען זיך ניט משער זײַן פֿון דער ווײַטנס, וואָס עס טוט זיך אין האַרץ פֿון אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט די פּאַסירונגען ממש, און על־פּי־רובֿ, אויב ער איז זיך משער — שטעלט ער זיך פֿאָר פּאַסירונגען, וואָס זענען זייער ווײַט פֿון אמת. די פּסיכישע רעאַקציע פֿון מענטשן, וואָס געפֿינען זיך אין עקסטרעמסטע באַדינגונגען, קען קיין מאָל ניט איבערגעגעבן ווערן ריכטיק דורך אַ צווייטן, וואָס האָט זיך ניט געפֿונען אין אַזאַ לאַגע, אויב ער פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַ שטאַרק־אַנטוויקלטן חוש פֿאַר אָבסערוואַציע און אַ גאָר רײַכע פֿאַנטאַזיע.

״געהיימשטאָט״ איז דער היפּוך פֿון דעם. דאָס איז אַ יצירה, וואָס שילדערט דאָס קאָשמאַרפֿולע לעבן אין די אונטערערדישע קאַנאַלן, פֿון קוקווינקל פֿון די, וועלכע האָבן דאָרטן געלעבט, און בפֿירוש ניט פֿון קוקווינקל פֿון די, וועלכע האָבן געלעבט אַ רויִק און שטיל לעבן אין די יאָרן פֿון נאָכן אומקום. דעריבער איז די פּאָעמע אין איר דיכטערישן מהות איינע פֿון די אמתדיקסטע ווערק אין דער ליטעראַטור וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט דער שוידערלעכער טעמאַטיק פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע און אירע פּאַסירונגען. שווער צו וויסן, וואָס דעם דיכטער

האָט געהאָלפֿן אין מאָמענט, ווען ער האָט אָנגעהויבן מאָלן דעם אַזוי אויס־טערלישן און וווּנדערלעכן פּאָרטרעט פֿון אָט דער יצירה — צי דער פֿאַקט, וואָס אין דער פּאָעמע געפֿינען זיך אַ סך אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן אָדער אפֿשר די וווּנדערלעכע אינטויִציע, מיט וועלכער ער איז געבענטשט, — אַזוי צי אַזוי פֿאַרמאָגט „געהיימשטאָט“ מיט איר שײַן און ליכט אַ סך מער פּנימיותדיקע אויטענטישקייט, ווי דאָס רובֿ ביכער, וועלכע מיר האָבן געלייענט וועגן אומקום. אַזוי, געננוי אַזוי, און ניט אַנדערש, האָבן געפֿלעט און זיך אויפֿגעפֿירט די ייִדן אין די קאַנאַלן פֿון ווילנע, אַזוי האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום חושך, צום געשטאַנק, צו די בלאָטיקע שטראָמען, אַזוי האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט, אַזוי האָבן זיי צעטיילט צווישן זיך די אויפֿגאַבן, אַזוי האָבן זיי געליבט און געהאַסט, אַזוי האָבן זיי זיך געקריגט און זיך איבערגעבעטן, אַזוי האָבן זיי געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, אַזוי האָבן זיי געחלומט און געוואַרט אויפֿן אויסלייזער. אַזוי זענען זיי אויך ניכשל געוואָרן אין קליינע און גרויסע זאַכן און אַזוי האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט: אָפּט מאָל אין זייער גרויסקייט און אָפּט מאָל אין זייער קליינלעכקייט. אַזוי האָבן זיי אויסגעבעסערט זייערע לעבנס־באַדינגונגען און זיך געקליגלט צו מאַכן זיי באַ־קוועמער, און אַזוי האָבן זיי דורכגעלעבט — געפֿינענדיק זיך חדשים־לאַנג אין די קאַנאַלן, — זייערע קליינע שׂימחות און ווייטיקן, לויטן דרך פֿון יעדן מענטש. אַזוי האָבן אויסגעזען זייערע קאַשמאַרן און אַזוי האָבן זיי זיך געפֿרייט מיט דער שפּין, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט איבערן אַרײַנגאַנג אין דער בערלאָגע, ווו זיי האָבן זיך געפֿונען און געזען אין איר, אין דער שפּין, אַ סימן פֿאַרן המשך פֿון לעבן אויך מחוץ זייער מיזערנער ווירקלעכקייט. און אַזוי האָבן זיי געגלייבט באמת, אַז —

> ווי אומהיימלעך ליב ס'איז צו וווינען מיט טויטע!
> דערקענסט ניט קיין חילוק פֿון דיר ביזל יענע,
> וואָס לעבן זיך אונטער די בערגלעך די רויטע.

אויב ס'איז פֿאַראַן שײַן אין אָט דער פּאָעמע, איז דאָס ניט קיין שײַן פֿון דעם פּאָעט און זײַן קונסט, נאָר שײַן פֿון זײַנע העלדן, שײַן וואָס שטראַלט אויס פֿון זייער כּלומרשט „נאָרמאַל“־אָרגאַניזירטן לעבן, שײַן פֿון זייערע האָפֿענונגען, בענקשאַפֿטן און ליבעס. די אײַנוווינערס פֿון סוצקעווערס „געהיימשטאָט“ זענען באַשאַנקען מיט אַ שאַרפֿן לעבנס־באַוווּסטזײַן און מיט אַ בולטן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן. זיי האַלטן זיך ביודעים אַלס רעפּרעזענטאַנטן פֿון כּלל ישׂראל, די געשאָכטענע און קעמפֿנדיקע פֿאַר זייער קיום ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי גאַרן צו לעבן, נאָר ווײַל אין זייערע אויגן איז זייער אייגן לעבן געגליכן צום לעבן פֿון דער גאַנצער אומה, — און נאָר דער וואָס האָט געלעבט אין אַזעלכע באַדינ־גונגען ווי די, וואָס ווערן געשילדערט אין דער פּאָעמע, ווייס ווי ווײַט אמתדיק און אויטענטיש די זאַך איז. גלײַך אין ערשטן פּרק „אַ פֿאָלק זאַלבע צענט“ ווערט אָט דער מאָמענט אונטערגעשטראָכן:

> — עס לעבן נאָך ייִדן? קומט דין אַ געווימל:
> ניט שוין זשע געבליבן בלויז צען?

דאָס זעט אויס עמפּאַטיש און כּמעט גראָטעסק און דאָך — אַזאַ איז דער אמת. ניט דער אמת, וואָס ווערט געמאָסטן מיט נאָרמאַלע מאָסן, נאָר דער ספּע־ציפֿישער אמת, דער פֿאַרקרימטער און באַזונדערער אמת פֿון געפֿינען זיך אונטער אַ בלאָקאַדע און כּסדרדיקן קאַמף פֿאַרן קיום, ווען די באַדינגונגען דערמעגלעכן כּלומרשט אַ "זעלבשטענדיקן" לעבן, אָן דעם שטענדיקן, צעמאַרטשעטשענדיקן בײַזײַן פֿונעם צורר. פֿון דאַנען שטאַמט אויך די דאגה פֿון מנין יידן צו "פֿאַר־אײַביקן" זייערע איבערלעבונגען, און פֿון דאַנען אויך די שטאָלצע רייד פֿון פֿאַליע, בעת ער טיילט פֿונאַנדער די אויפֿגאַבן צווישן זײַנע חבֿרים: "און דו, חבֿר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער / מיט לידער. אַ פֿאָלק זאָלבע צענט איז מסתמא / אַ פֿאָלק... /"

פֿון דאַנען אויך די בענקשאַפֿט נקמה צו נעמען אין דער ממשלה פֿון רישעות און שעדיקן זי דורך אַ מיזערנעם אויפֿרײַס פֿון איין דײַטשער באַן. אַלע קליינע מעשׂים ווערן געזען אין דער קאַנאַלן־וועלט ווי סימבאָלן, און די חשיבֿות זייערע אין די אויגן פֿון די אויספֿירערס זעט אויס אויף אַ גראָטעסקן אופֿן אַ סך גרע־סער ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט.

מען קען דײַטלעך אָנווײַזן, אַז אויך די באַזונדערע פּעדאַנטישקייט פֿון דיכטער צו פֿאַרפֿולקומען דאָס לשון פֿון דער פּאָעמע און צו באַצירן עס מיט ערשטמאָליקע, אײַנדרוקספֿולע פּערזן, האָט פֿאַר אַ ציל צו סימבאָליזירן דאָס לעבן פֿון די קאַנאַל־אײַנוווינערס, דעם מנין גיבורים פֿון דער פּאָעמע. מלך ראַוויטש האָט שוין אָנגע־וויזן אויף דעם, אַז די גאַנצע פּאָעמע איז געבויט אויף סטראָפֿן צו צען קאַלאַנעס (פּערזן), — אַן אָנצוהערעניש, אַז אין דער גאַנצער לענג פֿון דער פּאָעמע זענען דאָרטן שטענדיק פֿאַראַן צען העלדן. און דער צענדלינג סימבאָליזירט דאָך די גרונטאײנהייט פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט: צען איז אַ "מנין", צען איז אַן "עדה". אַזוי צי אַזוי איז ניט פֿאַראַן קיין סתירה צווישן דאָס סטיכישע, דורך וויטיק צעמאַרטשעטע לעבן פֿון די העלדן און דער פֿאַרבלענדיקער עלעגאַנץ פֿון דער פֿאָרעם פֿון "געהיימשטאָט". דאָס פֿאַרקערטע איז ריכטיק: מיר זעען דאָ אַן עקזאַקטע האַרמאָניע צווישן מאַטעריאַל פֿון דער פּאָעמע און איר פֿאָרעם. איןביידן הערשט פֿולקומע אָרגאַניזאַציע און סדר.

די פּאָעמע "געהיימשטאָט" ציכנט זיך אויס מיט איר וווּנדערלעכער אויטענ־טישקייט, מיט אַן אינערלעכער, פּסיכאָלאָגישער אויטענטישקייט, וואָס איר אויס־גאַנגפּונקט איז דאָס זען פֿון די העלדן גופֿא זייער אייגענע וועלט. אויך דער דיכ־טער געהערט צו די העלדן פֿון זײַן דיכטונג, בעת ער שרײַבט:

> גראָב טיפֿער זיך אײַן אין די שאָטנס און ליכטער
> פֿון זײַנע חבֿרים, דאָרט וועסטו דערזען אים
> נאָך בעסער פֿון מיר. — —

מיר האַלטן ניט, אַז "געהיימשטאָט" איז ווייניקער אויפֿטרייסלענדיק, ווײַל זי איז פֿול מיט לויטערקייט און שײַן. פֿאַרקערט. די אַזוי פּשוטע און מענטשלעכע האַלטונג פֿון אַ פּשוטן מנין יידן, וואָס דער צופֿאַל האָט זיי פֿאַראייניקט אין איין עדה, אין באַדינגונגען, וועלכע ס'איז פּשוט שווער צו באַנעמען מיטן מענטש־

לעבן געדאַנק; דאָס אָפּהיטן זייער מענטשלעכע געשטאַלט און ווערדע; זייער פּאַריִיאושטער און דאַך שיינענדיקער קאַמף פאַרן קיום, — טרייסלען אויף ניט ווייניקער ווי די רעאַליסטישע שילדערונגען פון די שווידערלעכסטע קאָשמאַרן, דווקא דערפאַר, וואָס די גרויליקסטע פון זיי לאָזן זיך אַזוי שווער אָבסאָרבירן. נאָך מער — דורך דעם איז די פּאָעמע זוכה אויף אַ בולטן אופן צו אַ נייער אייגנ־טימלעכקייט און צו נייע דימענסיעס פון אַן אַלמענטשלעכן פאַרנעם. אין תּוך איז דאָס אַן אָפּטימיסטישע פּאָעמע, וועלכע קערט אום צוריק דעם לייענער — אויך אויפן הינטערגרונט פון אומקום! — צו דער אמונה אין מענטש, צו דער אמונה אין זיינע אימאַנענטע ליכטער, צו דער אמונה אין זיין כּוח זיך קעגנצושטעלן דער טיראַניע אַפילו אין איר שווידערלעכסטער געשטאַלט, צו דער אמונה אין לעבן ביי אַלע אומשטאַנדן, איבער דער פאַרלענדונג. פון דאַנען די גרויסקייט פון דער פּאָעמע ווי אַ מענטשלעכע יצירה, ווי אַן אַלמענטשלעכע יצירה, ניט געקוקט אויף איר יידישער באַאַרבונג און ספּעציפישן יידישן הינטערגרונט. דאָס איז אַ לויבגעזאַנג צום מענטש — און דווקא צום פּשוטן מענטש, צום מענטש אַלס מענטש — צו זיין גייסטיקער געשטאַלט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אָפּט דווקא אין די עקסטרעמסטע באַדינגונגען, און אַ הימען פון אמונה אין זיין קאַמף פאַרן לעבן, אַ הימען פון אמונה פאַר זיינע האָפענונגען, חלומות און שיין פונעם לעבן.

מלך ראַוויטש

# סוצקעווער און די איינמאָליקייט

אַן אומצאָל תּנאים שטעלן די קריטיקערס און די געקליבענע לייענערס — און זײַן זענען זיי אַפֿילו אין די בעסטע און גרעסטע ליטעראַרישע קרײַזן פֿון די ליטעראַרישסטע פֿעלקער, ניט מער ווי אַ פּאָר מנינים — צו אַ בידנעם פּאָעט, אויב ער וויל זײַן אַ בוים אין דעם וואַלד פֿון דער דיכטונג און די דיכטערס, וואָס זעט זיך אַרויס, אַ שטערן אין הימל פֿון דער דיכטונג און די דיכטערס, וואָס שײַנט העלער. יאָ, אַן אומצאָל תּנאים — איינער שווערער פֿון דעם אַנדערן. וועלט־ און אַל־באַקאַנטע תּנאים — און ניט נייטיק זיי דאָ איבערצוחזרן.

די צוויי שווערסטע און העכסטע און זעלטן דערגרייכבאַרע תּנאים זענען: אָריגינעלקייט, און — דער סאַמע העכסטער שטאַפּל, וואָס איבער אים איז שוין דער הימל אַליין — איינמאָליקייט.

מעג זיך דער דיכטער זײַן ווי גוט: ריטעם, גראַם, אינהאַלט, איבערלעבונג, געפֿיל, בילדערישקייט (שוין צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָרן, זינט דעם יוון סימאָ־נידעס, ווייסט מען, אַז פּאָעמעס זענען ריידנדיקע בילדער און בילדער זענען שווײַגנדיקע פּאָעמעס), אידעע, שליחות, לשון־שפּע — איז אַלץ ווייניק און ווייניק. ער דאַרף אויך זײַן אָריגינעל. ער דאַרף זײַן אַנדערשדיק לכל־הפּחות, אויב שוין ניט טאָקע אַנדערש.

דיכטונג איז ווי אַ פֿאַרמעסט־געיעג אויף רײַטוועגן פֿון ווערטער. די געיעג־פֿערד זענען די טאַלענטן. וואָס מער גרינגשאַפֿט אין די פֿיס און — פֿליגלען פֿון די טאַלענטן (ווײַל עס רעדט זיך דאָ ניט וועגן פּשוטע פֿערד און גײַערט פּעגאַזן) אַלץ זיכערער און נאַטירלעך אויך שנעלער קומט מען אָן צום ציל — און דער ציל איז די דויערנדיקייט און אַפֿילו די אייביקייט. (מכּוח דעם לעצטן קומט ערשט אין דער ווײַטער צײַט פֿאַר אַ באַזונדערער פֿאַרמעסט־געיעג — אָבער וועגן דעם איז שוין ניט לויט אונדזערע כּוחות צו מעדיטירן).

אין פֿאַרלויף פֿון דעם פֿאַרמעסט־געיעג הייבן אָן אָפּצושטיין דיכטערס מיט כּלערליי מעלות — און אַ מאָל אַפֿילו באַדײַטנדיקע. אַלערליי ריטעם־קינסטלערס, גראַממײַסטערס, אינהאַלט־האָבערס, געפֿיל־באַהאַרצטע, בילדערישקייט־רײַכע אי־דעענפֿולע, שליחות־אָנגעלאָדענע, לשון־שפּע־מאַגנאַטן. און עס בלײַבן אויפֿן פֿעלד נאָר די, וואָס האָבן אי די אַלע מעלות און אי נאָך עפּעס: אָריגינעלקייט. אָבער אָריגינעלקייט איז נאָך ווייניק, כאָטש די פּעגאַזן וואָס זענען נאָך געבליבן אויף דער פֿאַרמעסטונג, צאַפּלען שוין מיט די לעצטע פֿליגל־כּוחות — עס דאַרף נאָך זײַן איינמאָליקייט.

וואָס איז אָריגינעלקייט?

ווי שווער עס איז בכלל צו דעפֿינירן: וואָס איז פּאָעזיע? — אַזוי איז נאָך אַ סך מאָל שווערער צו דעפֿינירן: וואָס איז אָריגינעלקייט אין דער פּאָעזיע. מחמת אָריגינעלקייט איז ניט סתּם אַנדערשדיקייט. סתּם אַנדערשדיקייט איז מעכאַניש. קען אַ מאָל פּשוט צוגעטראַכט ווערן מיטן שוויס פֿון פּנים. אָריגינעלקייט מוז געבוירן־געשאַפֿן ווערן, האָבן אין זיך דאָס לעבן פֿון אַ קינד, אַ הירש, אָדער כאָטש

אַ יונג ביימל; אָריגינעלקייט דאַרף ניט אַרויסקומען פֿון שׂכל, אָבער דאַרף זיך לייגן אויפֿן שׂכל.

אָריגינעלקייט אין דער פּאָעזיע איז דעמאָלט דאָ, ווען דער דיכטער באַנוצט זיך מיט איינעם פֿון די עלעמענטן אירע אויף אַזאַ אופֿן ווי קיינער האָט זיך ביז איצט ניט באַנוצט. די אָריגינעלקייט מוז זיך ניט אויסשטרעקן אויף אַ גאַנץ דיכטער־לעבן. אַוודאי — וואָס מער און וואָס לענגער איז בעסער. אָבער עס קענען זײַן בלויז עטלעכע אָריגינעלע בליצן בײַ אַ דיכטער און ער זאָל שוין באַטראַכט ווערן ווי אַן אָריגינעלער פּאָעט. און די עלעמענטן, לאָמיר זיי נאָך אַ מאָל אויס־רעכענען, זענען: ריטעם — גראַם — אינהאַלט — איבערלעבונג — געפֿיל — בילדערישקייט — אידעע — שליחות — לשון־שפּע — נעאָלאָגיזמען — דוגמאות — פֿאַרגלײַכן — אַליטעראַציע — אַסאָנאַנס — אָנאָמאַטאָפּעע — מאָראַל — און נאָך און נאָך און נאָך.

ניט אין יעדן ליד קענען אַלע די עלעמענטן זײַן און זײַן אָריגינעל גענוצט. אָבער אין אַ פֿאַרנעמיקן אָריגינעלן דיכטער — קען מען זיי אין זײַן גאַנץ ווערק, אין זײַן לעבנסווערק געפֿינען און דאָך איז דאָס ניט קיין מוזזאַך, אַז אַ דיכטער זאָל גילטן ווי אַן אָריגינעלער דיכטער.

אַ גרויסן טייל פֿון אָריגינעלקייטן אויף די אויסגערעכנטע עלעמענט־געביטן קען מען בײַ אַבֿרהם סוצקעווערן געפֿינען. שוין איצט. און, אויב מיר מאַכן ניט קיין טעות אין חשבון, האָט ער ביז איצט צוועלף זאַמלונגען פֿון זײַנע לידער אַרויס־געגעבן. מיר שטרײַכן אונטער: שוין איצט, און ביז "הונדערט און צוואַנציק" איז אים נאָך ווײַט־ווײַט — אפֿשר נאָך צוועלף לידער־זאַמלונגען ווײַט. וואָרעם סוצ־קעווער איז אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פּאָעט, אַז זײַנע יאָרן דאַרפֿן זיך ציילן לויט זײַנע לידער־זאַמלונגען. אָט אַזוי ווי מען זאָגט אַ מאָל אויף אַ שיין מיידל: זי איז אַכצן פֿרילינגען אַלט... סוצקעווער איז צוועלף לידערביכער אַלט...

אין קליינעם ים פֿון סוצקעווערס לידער איז ניט גרינג צו זוכן דוגמאות צו די טעזן פֿון אונדזער מאמר. דאַרף מען זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן טראַף פֿון מזל. גיב איך אַ שטעל אויס אַ ריי פֿון זײַנע ביכער אויפֿן טיש און איך נעם אַרויס דאָס בוך "גײַסטיקע ערד" און איך מיש דאָרט אויף זײַט 54 און איך שרײַב איבער די ערשטע צען שורות פֿון יענעם זײַטל:

פֿון סאַמע ווינקל, איין־אַליין, יחידיש,  
מיטברייטן שמייכל גוטמוטיק־נאַיִוון,  
באַגריסט מיך אַ פּאָעט, וואָס שרײַבט אויף ייִדיש,  
און "מאַכט אַ וואָרע" זאָגט ער הויך בכּיוון.  
מען רופֿט אים שׂימחה, און אים פּאַסט דער נאָמען,  
ווי ס'פּאַסט אַ יונגן דיכטער זײַן טשופּרינע;  
ווי ס'פּאַסט אין שול אַ יתום זאָגן: אָמן,  
און ווי עס פּאַסט פֿאַר שׂימחהן זײַן פֿרײַנדינע,  
וואָס נייט אים אויס מיט בלימלעך אַ רובאַשקע,  
און וועט באַלד קומען אין "קנקן" מיט אים צו טרינקען משקה.

אַוודאי אויפֿן געביט פֿון ריטמען איז שווער צו זײַן אָריגינעל, אַזוי ווי עס איז שווער צו זײַן אָריגינעל אויפֿן געביט פֿון דער אַריטמעטיק. 3 און 4 איז 7, און 7 מאָל 7 איז 49. מען קען דאָ גאָרניט העלפֿן און ווייניק וואָס מחדש זײַן. יאַמב איז יאַמב און טראָכיי איז טראָכיי און אַמפֿיבראַך איז אַמפֿיבראַך — קורץ־לאַנג, לאַנג־קורץ, קורץ־לאַנג־קורץ — און מער ווי צוויי, דרײַ, העכסטנס פֿינף טראָפֿן, קען קיין פֿערזפֿוס זיך ניט אויסציִען. אָבער פּרעציז קען זײַן דער ריטעם און דאָס איז ער — דאָרט וווּ סוצקעווער וויל און דאָרט וווּ עס איז נייטיק — מיט דער פּרעציזיע פֿון אַ כראָנאָמעטער. אָבער אין די גראַמען איז שוין דאָס פֿעלד ניט אַזוי באַגרענעצט. עס קען בלויז זײַן שוין פֿריִער אויסגענוצט. און דאָ איז סוצקעווער אָריגינעל — אין דעם ציטירטן צען־שורה־סטראָף — אַגבֿ, סוצקעווערס אַ באַליבטער סטראָף, אפֿשר אַן אורמז אויף די עשׂרת הדיברות... זענען דאָ פֿינף גראַמען־פּאָרן, זענען פֿון די דאָזיקע פֿינף אַזש גאַנצע פֿיר פּאָר שידוכים צווישן אַלגעמיין־ייִדישע ווערטער מיט עבֿרית־עלעמענטן: יחידיש־ייִדיש, נאַיוון־בכיוון, נאָמען־אָמן, רובאַשקע־משקה: און דאָס פֿינפֿטע פּאָר טשופּרינע־פֿרײַנדינע איז אַ מישונג מיט אַ סלאַוויזם. נאָר יענער פּאָעט, וואָס לשון איז בײַ אים כּחומר ביד היוצר קען באַווײַזן אַזוינס.

בילדערישקייט, בילדער, ווי מיר וויסן שוין זינט יאָרטויזנטער, זענען שווײַגנדיקע לידער און לידער זענען ריידנדיקע בילדער. און אויך דאָ לאָמיר אַן עפֿן טאָן אַ בוך, דאָס מאָל "אָאַזיס", זײַט 59. דאָס זעקס־שורהדיקע ליד רופֿט זיך: "אַ מענטשן־פּרעסער".

דאָס נײַ געבוירענע בײַם שכן, ס'ערשטע מאָל אין וויגל,
געדענקט נאָך פֿון גן־עדן־צײַט אַ זמרל, אַ ניגל.

מײַן טאָכטער — גאַנצע פֿינף יאָר אַלט — איז נײַגעריק, מקנא,
אַ הירשלדיקע לויפֿט זי זען ווי שיין עס ווײנט אילנה.

מיט אַש באַשאָטן קומט זי באַלד פֿון יענע דלד אַמות:
— אילנה איז אַ מענטשן־פּרעסער, פּרעסט די ברוסט... איר מאַמעס...

אַ קינד האָט געזאָגט אַ וואָרט — צופֿעליק האָט עס מיר סוצקעווער דערציילט נאָך איידער ער האָט דאָס ליד געשריבן — און עס איז אַזוי אַנדערשדיק־אָריגינעל, אַז עס האָט סוף־כּל־סוף געמוזט טיף איבערגעלעבט ווערן, און אַרײַנגעגלידערט, אַרײַנגעלידערט אין סוצקעווערס לידער־אוצר. (דרך אַגבֿ: האָט איר באַמערקט די גראַמען־שידוכים?) איז אין דעם ליד אויך דאָ אידעע און שליחות, ווײַל אויך דאָס, און נאָך ווי! — זענען עלעמענטן פֿון דער פּאָעזיע. בראשית, ווען דאָס ליד איז אײַנגעפֿאַלן אין געמיט — אפֿשר ניט. אָבער אַז דאָס ליד איז אויפֿגעשריבן געוואָרן האָט זיך די אידעע אַרײַנבאַקומען אין דעם ליד דורכן פּענצטער... און זי איז דאָ. בפּירוש. אַ גאַנצן פּאַראַגראַף מיט טײַטשונגען וואָלט מען דאָ געקענט אַרײַנשרײַבן. אַזוי איז עכטע פּאָעזיע.

מיר וואָלטן געקענט נאָך ווײַטער מעדיטירן און מעדיטירן — וועגן סוצקעווערס

אָריגינעלער לשון־שפּע, זײַנע גנעאָלאָגיזמען, וואָס וואַקסן, אַזוי ווי נאַטירלעכע גרעזעלעך אין פרילינג, אויף די בייטן פון זײַן לשון־שפע: אַ זמרל, אַ ניגל. אָבער דאָס וואָלט אונדז צו ווײַט אַוועקגעפירט. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ פאָרשער מיט אַ קאַרטלעך־סיסטעם ביי דער זײַט. און אַזאַ זאַך שפּרינגט אַרויס און אַריבער איבער די רעמלעך פון דעם דאַזיקן מאמר.

אָריגינעלקייט — איז זי אַ מוזזאַך? מיר האָבן דאָך מיט אַ בלעטל פריער זיך אַליין געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט, אַז ניט. אָבער נאָך די שורות, וואָס מיר האָבן ווײַטער געשריבן, זענען מיר אַליין איבערצײַגט געוואָרן קעגן זיך אַליין: יאָ, אָריגינאַליטעט איז יאָ אַ מוזזאַך פאַר אַ דיכטער — און בעיקר פאַר אַ דיכטער פון אַ הויכער סטאַטור.

און אויב אַזוי — וואָס איז מיט דער איינמאַליקייט? איז זי אפשר אויך אַ מוזזאַך ביי אַ דיכטער פון אַ גרויסער סטאַטור? מיר האָבן שוין מורא צו ענטפערן אַז ניט — אפשר וועלן מיר זיך אַליין אַ פּאָר צענדלינג שורות ווײַטער דערשרײַבן צו אַ יאָ. נאָר יאָ צי ניט מוזזאַך — לאָמיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן סוצקעווערס איינמאַליקייט.

מיר האָבן אין זינען זײַן "געהיימשטאָט". מיר האָבן אין זינען זײַן "אין מידבר סיני".

כאָטש אָריגינעלקייט איז אַזאַ מין עלעמענט, וואָס מוז מיט דעם מענטשן מיט־געבוירן ווערן, ווי די פאַרב פון זײַנע אויגן, די פאָרעם פון זײַנע פינגער, דאָך קען מען איר, דער אָריגינעלקייט, אויך צוהעלפן אַ ביסל מיט דעם אינטעלעקט, אויב זי איז שוין סײַ ווי סײַ דאָ אין דער נשמה. און קיין בייז אין דעם.

אָבער די איינמאַליקייט — מיט איר אַליין ווערט מען ניט געבוירן. מען ווערט נאָר געבוירן מיט דעם טאַלענט, דעם געניוס, צו קענען אויפנעמען אין זיך די איינמאַליקייט, ווען זי קומט. נאָר קומען קומט זי פון דרויסן — פון די טיפענישן פון גיהנום, פון די הייכן פון הימל, פון די ווײַטענישן פון דער געשיכטע פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, פון אייגענעם פאָלק.

סוצקעווערס "געהיימשטאָט" איז אַ פּאָעמע וועגן אַ מנין ייִדן, וואָס זענען אַרונטער אין די קאַנאַלן פון עיר ואם בישראל — ווילנע, ירושלים־דליטא — און דאָרט איבערגעדויערט דעם חורבן, דאָרט איבערגעלעבט אַ פסח, דאָרט געפּראַוועט סדרים, געטרונקען ווײַן אויף קידוש און אפילו באַהאַלטן אַ ביסל טאָמער וועט מען דעם ווײַן נאָך אַ מאָל דאַרפן.

עס איז אַ טעמע, אַוודאי. אַלץ איז טעמע. אפילו מעשה בראשית איז אויך אַ טעמע. אָבער אַ דיכטער מוז האָבן דעם כוח אַנצולאָדן די טעמע אויף זײַנע אַקסלען און דורכצוטראָגן זי אויף אַ פּאַפּירענער בריק צום ברעג פון אַ בוך, אַ בוך אויף צו דויערן אייביק. וואָרעם סוצקעווערס "מעשה־געהיימשטאָט" (לאָמיר עס אַזוי רופן) איז אַ בוך מיט אייביקייט — כאָטש עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1948, און איצט האָבן מיר ערשט 1963.

אויך "אין מידבר סיני" איז אַן איינמאַליקע מעשה — און אויך דעם דאַזיקן ציקל סוצקעווערס וואָלט מען מסתמא געמעגט און געקענט רופן "מעשה־מידבר־סיני". דער ציקל איז דערשינען אין יאָר 1956 — נאָך דער טראַגיש־אויפגעצווונגע־נער ייִדישער ווידערבאַגעגעניש מיט סיני נאָך פערטהאַלבן טויזנט יאָר. דער

ציקל ביַי סוצקעווערן האָט צען לידער צו צוועלף שורות. אַ שורה אַ שבֿט... און יעדע שורה האָט צען פּערזנפּיס און דער גאַנצער ציקל צען לידער — אַ ליד אַ דיברה.

דער ציקל — דער אין אַ ליטעראַטור, און אויך ביַי אַ דיכטער, איינמאָליקער לידער־ציקל — שליסט זיַין ליד "ט" אָט אַזוי:

זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני בלאָז אַוועק די שינאה.
פאַרשנייַד אויף ס'נייַ אַ בונד מיט דיַינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

און מיר וועלן שליסן די דאָזיקע חבֿרישע רייד אַזוי ווי מיר האָבן זיי געשלאָסן ביַי אַ פּריערדיקער געלעגנהייט אַ מאָל לכּבֿוד אַבֿרהם סוצקעווערן: וואָס קען זיַין טיף־תהומיקער ווי "געהיימשטאָט", וואָס קען זיַין הויך־האָפּערדיקער ווי "אין מידבר סיני" — און וואָס קען זיַין איינמאָליקער!

ישראל עמיאַט

# "אָ אַ ז י ס"

אונדזער וועלט איז כולו סוד, אַלץ איז אויסגעמישט איינס מיטן צווייטן. איינס האָט מיט צווייטן אַ בלוטיקע קרובֿישאַפֿט, אַ טיפֿע שייַכות. דער מענטש האָט עפּעס פֿון אַ בוים: "כּי האָדם עץ השׂדה" און דער בוים איז אַזוי טראַגיש ווי דער מענטש. ניט נאָר אין האַרבסט, ווען אַלץ אינעם בוים וויינט — נאָר אַפֿילו אין פֿרילינג, ווען ער פֿאַררייַסט דעם שיינעם קאָפּ צום הימל מיט פֿרישן בליעכץ און זינגט זייַן ווייַס געזאַנג.

פֿאַר וועמען צירט זיך אַזוי דער בוים, ווער דאַרף עס קומען? און די מיליאַרדן געבוירטן און טויטן וואָס קומען פֿאַר אַרום אונדז יעדע רגע — ווער וועט זיי באַשיידן? מיר זענען טאָג־בוכהאַלטערס. מיר סומירן שעהען, טעג. גלייַכט זיך בייַ אונדז ניט אויס דער באַלאַנס. עמעץ מוז אוודאי פֿירן דעם קאָסמישן חשבון און בייַ אים גלייַכט זיך יאָ. "אתּה זוכר מעשׂי עולם" — האָבן מיר אַ גרויסע פֿילאָ־סאָפֿישע תּפֿילה אין די ימים־נוראים — דו געדענקסט וואָס עס איז און וועט פֿאָרקומען. אַלץ בלייַבט אויף שטענדיק פֿאַרקריצט אינעם קאָסמישן זכּרון — אַפֿילו דאָס פֿאַרטריקנטע בלעטל וואָס לויפֿט מיטן ווינט, אַנטלויפֿט ווי אַ מייַזעלע פֿון דער שרעק פֿאַרן ווערן גאָרניט; אַפֿילו די שיינקייט פֿון פֿאַרנאַכטן, ערגעץ אין וועלדער־טיפֿעניש, ווו קוועלעכלעך שורשען, פֿאַרהוילענע, פֿון קיינעם ניט־געהערטע.

שיינקייט! זי אַנטפּלעקט זיך אומעטום, אין קליינע זאַכן ווי אין גרויסע. שיין איז אַפֿילו אַ לוויה; שיין, ווי דאָס פֿאַרקרימטע פּנימל פֿון אַ נאָר וואָס געבוירן קינד. איז ווער איז עס דער פֿאַראייניקער פֿון אַלעם דעם וואָס האָט אַ שייַכות מיטן צווייטן און איז פֿאַרשאָלטן צו זייַן באַזונדער?

דאָס איז די מוזיק — דער ווינט וואָס טראָגט איבער די זאָמען פֿון דעם ער־געוויקס צו דעם זי־געוויקס; דאָס איז די מוזיק, דער אייביקער שדכן, וואָס מאַכט זיווגים פֿון די אָפּגעריסענע אבֿרים אין דער וועלט; די מוזיק איז עס יענער גרויסער באַלאַנס פֿון אונדזערע פֿאַרגעסענע טעג.

אבֿרהם סוצקעווער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָעט. אַ פּאָעט, וואָס קען דערפֿירן די דינע מוזיקאַלישקייט פֿון זייַן פֿערז צו אַזאַ מדרגה, וואָס איז נאָך בייַ אונדז ניט געווען — איז אַ מוזיקער.

זייַן בוך "אָאַזיס" איז באמת דעם מוזיקערס אָן אָאַזיס, ווו ער האָט זיך אויסגעטאָן פֿון הייַנטצייַטיקע פּראָבלעמען און זיך אָפּגעגעבן מיטן אַרויספֿאַנגען שיינקייט פֿון זייַן ווירטואָזן פֿערז. דאָס בוך איז ניט קיין סימפֿאָניע ווי "געהיימשטאָט". ס׳איז אַ ציקל סויטעס, עטיודן, נאָקטורנס. דאָ שפּילט ניט דער גאַנצער אָרקעסטער — נאָר אַ מאָל שפּילט אַ קוואַרטעט, אַ טריאָ, און אַ מאָל שפּילט סאָלאָ אַ פֿלייט, אַ וויאָלאָנטשעל, אַ פֿידל. און ווער קען זאָגן וואָס עס איז וויכטיקער אינעם מוזיקאַ־ליש־פּאָעטישן פֿאַנג? אָט איז אַ דראָבנער מוזיקאַלישער עטיוד:

אַ דינע שמייכלענדיקע האַנט
געצויגן האָט זיך מיר אַנטקעגן.
אַזוי קאָן אויסזען אַ בריליאַנט,
געשליפֿן זוניק פֿון אַ רעגן.

אַ האַנט זאָל שמייכלען מיט אַ בליק
פֿון אומפֿאַרמײַדלעכן באַצווינגער!
אַזוי קאָן ווײַזן זיך מוזיק,
ווען ס׳וואָלט מוזיק פֿאַרמאָגן פֿינגער.

דאַכט זיך אין פֿלוג אַ קלייניקייט, אַ מין מוזיקאַלישע שפּיל. אָבער וואָס איז שיינקייט בכלל? איר פֿרעגט: ווו פֿירט זי אָט די שיינקייט, וואָס איז איר ציל? איז דער ענטפֿער, אַז גוטע מוזיק לאָזט איבער שטענדיק אַ נאָך־מוזיק, אַ ווידער־קלאַנג, וואָס פֿירט שוין יאָ ערגעץ, דערשרעקט אונדז אַפֿילו, ווי עס דערשרעקט אונדז דאָס אייגענע פּנים אין שפּיגל און באַפֿעלט אונדז לאַנג זיך צו פֿאַרטראַכטן; ווײַל יעדע שלימות טראָגט שוין אין זיך די טראַגישקייט פֿון פֿונאַנדערפֿאַל און אַ גוט אויער דערהערט דעם טרויערמאַרש נאָך־זיך־אַליין, וואָס שפּילט אַרויס פֿון יעדער שלימותדיקער שיינקייט און אָט איז ער דער ניגון דערפֿון:

דער קליינער קבֿר, אויסגעבעט מיט געלן פּליוש,
איז ליידיק.
עס מאָנט אַ מענטש: "איך וויל ניט בײַטן מײַן לבֿוש —
פֿאַרטיידיק!"

דער מענטש בין איך, צי דו, צי עמעץ אין שפּיטאָל
אַ צאַנקער.
און יעדער שווימט צום טויט, און לאָזט אין מיר זײַן קול —
זײַן אַנקער:

"אַנטפּלעקט דעם זינגען דעם פֿונעם סוף, דעם רויטן מאָן
באַגינען.
אויב ענדציל איז די גרוב — איז אויך דער אָנהייב אָן
אַ זינען".

אַ רעגן וואָגלט צום בית־עולם, אים אַצינד
צו כאַוונען,
ווי ס׳וואָלט אַ וווּנדערקינד געשפּילט פֿאַר נאָך אַ קינד
בעטהאָווען.

און ווער איז דאָ געשטאָרבן? איך? דו? ער? — פֿאַר דער מוזיקאַלישער שיינקייט איז דאָס ניט וויכטיק. ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָ איז גאָר געשטאָרבן דער רעגן:

און ווען דער פּרילינג־רעגן ענדיקט זײַן קאָנצערט,
פֿאַרטרויט ער
זײַן לײַב דעם קבֿר: ס׳ליגט אַ רעגן אין דער ערד
אַ טויטער.

אַ טויטער? ניין, ס׳איז רעגן אין אַ רגע שוין
פֿאַרזונקען.
דער אָנהייב האָט קיין סוף ניט. איבער מיר — אַ קרוין
מיט פֿונקען...

איך שטיי דאָ ניט ווי איבער אַ וווּנדערקינד מיט התפּעלות: "אָ, וואָ, האָט ער געזאָגט!" איך וויל בלויז באַטאָנען אַז סוצקעווערס מוזיק פֿירט שטענדיק יאָ ערגעץ ווו. גוטע מוזיק גייט שטענדיק פֿון זיך אַרויס, קוקט ווײַטער, פֿאַראייניקט וואַנט מיט וואַנט. אָט איז נאָך אַ מוסטער פֿון סוצקעווערס מוזיק:

נעכטן, אין אַ נאַכטיקער מינוט,
האָב איך פֿון מײַן אינגעווייד
און זינגעווייד
פֿאַרנומען
קלאַנגען,
וואָס אַ מענטש האָט ניט אַרויסגעהאַקט פֿון גומען.
אַנדערש ניט: דאָס טרינקט זיך דער באַשעפֿער אין מײַן בלוט!

(ווי זאָל איך אים וואַרפֿן אין דער טיפֿעניש אַ בייגל?
אונטערגיין וועט באַלד אין מיר די לופֿט און דער פּלאַנעט...
אַלע פֿייגל,
אַלע טרעלן
וועלן
וועלן
אין מײַן האַרצן —
דעמאָלט שלאָגן זיך על־חטא!)

זעט איר דאָך שוין באַשײַמפּערלעך, אַז די סוצקעווער־מוזיק האָט שווונג, און ווי יעדע שיינקייט האָט זי געדאַנק, טיפֿע סענטענץ, חכמה, באַוווּנדערונג, פֿאַר־גאַפֿטקייט. אין "אַאַזיס" האָט דער גרויסער פּאָעט סוצקעווער אַראָפּגענומען פֿון זיך די טויט־ערנסטע אָפֿיציעלקייטן אין וועלכע ער איז געקליידט אין אַנדערע ביכער. דאָ איז ער ניט דער שליח־ציבור, דער פּאָעט־מקונן. דאָ איז ער מיט זיך אַליין. אַ יונג פֿאַרליבטער אין שיינקייט, אָן די ערנסטע אַדרעסן. ווײַל סוף־כּל־סוף זענען דאָך די אַדרעסן ניט וויכטיק; וויכטיק זענען די ציטערדיקע, סודות־דיקע בריוו אין די קאָנווערטן.

ישעיה ראַבינאָוויטש

# דער פּאָעטישער דרך פון אַבֿרהם סוצקעווער

## א

די חורבן־ליטעראַטור אין איר פּאָעטישער פֿאָרעם שעפּט זיך אַוודאי ניט אויס מיט דער כראָניק אין איר קינה־אַטמאָספער. יידישע און העברעיִשע דיכטערס האָבן אויף די פֿאַרשיידנסטע דרכים געפֿונען אין חורבן אַ יסודותדיקן מאָטיוו פֿאַר זייער ליד. צווישן די דרכים געפֿינט זיך אויך אַן עפּישער דרך כמעט, די פּאָעמע וואָס ווערט דערציילעריש געבויט, וואָס פֿאַרמאָגט אַ באַשטימטע חורבן־פּרשה צו דערציילן. און דאָך קען די דערציילונג ניט פֿאַררעכנט ווערן אין דעם כראָניק־נוסח, און דער דיכטער קען אַוודאי ניט פֿאַררעכנט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פֿון כראָניקערס, פֿון קאָלעקטיווע דיכטערס, פֿון די וואָס זענען ממשיך די פֿיל־דורותדיקע פּאָעטישע פֿאָלקסשאַפֿונג. ניט נאָר דאָס: עס זענען פֿאַראַן דיכטערס וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען דעם חורבן, אָדער האָבן זיך אַליין אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמף קעגן דעם שונא — און דאָך איז זייער פּאָעטיש־דערציילערישער אויסדרוק אַ גוואַלדיק אינדיווידועלער, אַ רעזולטאַט פֿון זייערע אייגענע פּסיכיש־עסטעטישע דראַנגען. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אינטעליגענטער לייענער וועט געהעריק אינטעלעקטועל אויפֿנעמען דאָס אויבן־געזאָגטע. עס מיינט דאָך ניט אַז דער דיכטער "עקספּלואַטירט", פּשוט, דעם חורבן־מאָטיוו פֿאַר "זײַנע אייגענע צוועקן", אַליין ניט גערירט ווערנדיק פֿון חורבן. עס מיינט ממש דאָס פֿאַרקערטע. עס מיינט אַז דער יחידישער דיכטער איז אין גאַנצן, אין זײַנע טיפֿסטע פּסיכישע לאַבירינטן, אַנגעשטעלט כּלפּי דעם חורבן: ער שאַפֿט דורך אים אַ נײַעם אוניווערס. ביאַליק האָט געזען דעם חורבן פֿון קעשענעוו, און דער גאַנצער עסטעטישער צאָרן, וואָס האָט שטענדיק אין אים געווירט און האָט אים שטענדיק געדרענגט, איז אויפֿגעריסן געוואָרן ניט נאָר דווקא אין די שטראָף־רייד פֿאַרן פֿאָלק וואָס האָט זיך "ווי מײַז באַהאַלטן", נאָר אין דעם מידבר־מאָטיוו וואָס האָט אים זײַן גאַנץ לעבן באַהערשט.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז ביאַליק האָט ניט איבערגעלעבט דעם פֿאָלקס־חורבן מיט אַלע פֿיבערן זײַנע. נאָר וואָס דען, ער האָט פֿון אים געשאַפֿן אַן אוניווערסאַלן מידבר לויט זײַנע אייגענע, יחידיש־עסטעטישע, פּאָעטישע דראַנגען. אויף דעם זעלבן דרך, אין דעם זעלבן יחידיש־פּאָעטישן פּראָצעס, קען געשען אַ ממש פֿאַר־קערטע דערשײַנונג: אַ דיכטער, וואָס האָט אַליין דעם חורבן איבערגעלעבט, קען פֿאַרוואַנדלען די חרובֿע וועלט אין אַ באַזונדער באַלויכטענעם אוניווערס, וואָס די שײַן איז זײַן אמתע, עקסיסטענציעלע עסענץ. ווײַל אַזוי איז דער דיכטער: ער לעבט אין זײַנע עסטעטיש־יחידישע טיפֿענישן, אין אַ געוועב פֿון ליכט ווי וואָרט און קלאַנג, און טאָט אַליין, גיסן זיך צוזאַמען אין ליכטיקייט־שטראָמען פֿון וועלט־און־באַשאַף. אַזאַ מין דיכטער קומט מער ניט ווי דעם חורבן אויפֿ־צוריכטן אין יחידישער שײַן. אַזוי טאַקע געשעט עס מיט אַבֿרהם סוצקעווערן אין זײַן כמעט־עפּישער פּאָעמע "געהיימשטאָט". ער ווייס דאָך אַוודאי וואָס ס'איז געשען און ווי אַזוי ס'איז געשען: ער איז דאָרט געווען, ער איז אַ פֿאַר־

טיזאַן געווען. זײַן דערציילונג וועגן דער גרופּע אין די קאַנאַלן איז דאָך געקנאָטן פֿון דעם וואָס איז געווען און געשען. דאָך געפֿינט ער פֿאַר נייטיק אין דער פּתיחה צו דער פּאָעמע אַזוי צו דערקלערן:

דו מאָרגנקינד, פֿאַרוועבט אין צײַט און רוים,
אין אָפּשײַן פֿון מזבח־ליכט באַפֿאַרבן —
וואָלטסט ניט באַלעבט די שטערן מיט דײַן טרוים,
ווען אונדזער דור וואָלט ניט געווען דער קרבן
פֿאַר אַל דײַן לעבעדיקער פֿרייד, אין טעג
פֿאַרהוילענע ווי ניט־דערגרייכטע שטראַלן.
אויס מענטשנאָויגן מיניעט זיך אַ שטעג
אַרויף־אַרויף דורך זוניקע קריסטאַלן,
און זעט מיט אַפּלען, זעזקער פֿון טויט,
דײַן יעדער טוונג אײַנגעקריצט אין דויער,
גאולה־וווּנדער וואָס דײַן ווילן בויט
פֿון וועלטנוויי און רעגן־בויגנס טרויער.
— — — — — — — — — — — — —
איך לעב! מיר איז באַשערט געווען צו זײַן
אַ גרויזיק־שטילער לאָקערדיקער עדות
פֿון פּײַן, וואָס מוז פֿאַרוואַנדלען זיך אין שײַן.

אין "געהיימשטאָט" האָט סוצקעווער געהאַט אַ באַשטימטע געשעעניש, אַ מעשׂה־שהיה, צו דערציילן. דער סיפּור־המעשׂה פֿון דער פּאָעמע ליגט אויף אַ רעאַליסטישן שטח. צען מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט פֿון נאַצישע הענט אין די ווילנער קאַנאַלן: דאָרט האָבן זיי געשאַפֿן אַן אייגענע לעבנס־פֿאָרעם. דערציילט וועגן זיי די פּאָעמע דעטאַלירט, זי פּרובירט פֿאַרשטעלן יעדן איינעם פֿון די צען לויט זײַן אייגענער געשטאַלט, לויט די אייגענע דראַנגען, און פֿאַרבינדט זיי אַלעמען אין געוועב פֿון קאַמף פֿאַר עקסיסטענץ און אין חלום פֿון אַ באַפֿרײַטן לעבן. אויף דעם שטח אַנטוויקלט זיך די פּאָעמע ווי אַ דינאַמישע גאַנצקייט וואָס זעט פֿאָרויס איר אולטימאַטיווע רעאַליזירונג. דאָ שאַפֿט זי פֿאַר זיך פֿאַרשיידענע קינסטלערישע כּלים וואָס זאָלן דינען דער קאָנסטרוקציע פֿון דעם דערציילערישן פּראָצעס. איר שורה איז אַ לענגלעכע; זי פֿליסט דירעקט און זיכער אין אירע פֿיר אַקצענטירונגען, ווײַל זי ווייסט וואָס זי האָט בדעה צו דערציילן.

אמת: פֿון צײַט צו צײַט ווערט דער אָביעקטיווער טאָן פֿון אָט דעם דערציילערישן שיכט אויך דורכגעדרונגען מיט אַ קורצן, שאַרפֿן געקלאַנג, ווי: "זיי צאַפּלען ווי סטרונעס געפּלאַצטע אויף האַרפֿעס" און ענלעכע אַזעלכע קינה־מעסיקע פֿאַרגלײַכן. אָבער תּוך־כּדי־דיבור פֿאַרשווינדן זיי, און דער סיפּור־המעשׂה פֿליסט זיכער ווײַטער.

דער דיכטער האָט בכלל דערציילערישע מאַנירן אַזעלכע, וואָס לאָזן דעם לייענער ניט פֿאַרגעסן אַז ער איז שטענדיק דאָ: דערציילנדיק וועגן יעדער איינציקער פֿון די צען געשטאַלטן אין די ווילנער קאַנאַלן, איז ער אין יעדער

איינער פֿון זיי דאָ. אָפֿט מאָל וועגדט ער זיך, פּשוט, צו זײַן לייענער מיט שאלות, מיט דערקלערונגען, מיט צוזאָגן אויף שפּעטער, מיט אויסרופֿן. אַ מאָל צעקלינגט זיך אינעם פּערז אַ ראָמאַנטיש געזאַנג, ווי וועגן די ציגײַנער, ממש ווי פּושקין האָט עס געטאָן: דער סיפּור־המעשׂה איז טאַקע אַ טרויעריקער — ער דערציילט וועגן חורבן־ציגײַנער — און דאָך איז ער מיטן פֿרײַען אָטעם צעעפֿנט און רופֿט בפּירוש אַרויס דעם גײַסט פֿון פּושקין אַלס עדות פֿון ציגײַנערישער פּראַכט. אָדער די פּאָעמע קײַקלט זיך גאָר אַרויף אויף הערויִשע טענער און אויף נבֿיאישן חורבן־ און תּוכחה־טאָן.

אַ מאָל וועקט זיך אויף אַ וווּנדערלעך געקלאַנג פֿון דעם וואָס דער דיכטער האָט אַרײַנגעזאַפּט אין זיך פֿון דאַנטעס "גיהנום". אין אָט דעם געקלאַנג ווערט דער דערציילערישער יסוד אָנגעפֿילט מיט אַ פּאָעטישער סובסטאַנץ, וואָס איז שוין גאָר נייטיק אַלס דער אמתער גרונט, פֿון וועלכן סוצקעווערס אייגענע פּאָעטישע ליכטשטראָמען זאָלן זיך עפֿענען. הערט זיך נאָר גוט אײַן אין דער קומענדיקער סטראָפֿע, וועט שוין דער דאַנטע־טראָט אײַך באַהערשן, און פּונקט אַזוי, וועט זיך אַ נײַע דערוואַרטונג, וואָס יוירט נאָך אין דעם אַרײַנפֿיר צו "געהיימשטאָט", אין אײַך דערוועקן:

זכּרון געדענקט ניט ווי לאַנג כ׳בין געשוווּמען
דורך כּלערליי רערן אי ברייטער, אי שמעלער,
אַ שעה צי אַ יאָר? נאָר מיר זענען געקומען
צו עפּעס אַן אָפּגעשיידט אָרט ווי אַ קעלער.
געווען איז עס דאָרטן אַן אַלטער קאַנאַל, ווו
עס קייטלט זיך מער ניט קיין וואַסער שוין יאָרן.
ס׳באַטויבן גאָר שטימען די דעמפּיקע שלווה
און וואָלקנגראָ נעמען געשטאַלטן זיך קלאָרן
ווי שאָטנס אַהינטער אַ נעפּל פֿאַרבאָרגן.
און זי, מײַן געבערענגערין, גריסט זיי: גוט מאָרגן!

אין די אויבנגעבראַכטע שורות איז פֿאַראַן אַ געדיכטקייט אַזאַ, וואָס מער ווי זי האָט צו טאָן מיט דער דערציילונג אַליין, מיט דעם סיפּור־המעשׂה־מאַטעריאַל פֿון צײַט און פֿון מענטשן און פֿון זאַכן, האָט זי צו טאָן מיט סוצקעווערס פּאָע־טישן מהות. עס איז אַן אָנגעלאָדנקייט אַ פּסיכיש־פּאָעטישע, אַן עסטעטישע אָנגעלאָדנקייט אַזעלכע וואָס אָדער זי פֿאַרשליסט טיר־און־טויער און פֿאַרהאַקט המשך פֿון עקסיסטענץ, אָדער זי רײַסט זיך אַרויס פֿון איר אייגענער גורלדיקער תּפֿיסה אין אַן אַנדער גורל — אין אייביק־זיך־באַוועגנדיקע ליכטשטראָמען, וואָס קרײַזן זיך אַן אויפֿהער אַרום יעדן איינעם פֿון די צען העלדן.

דער סאַמע קלאָרסטער צייכן, אַז דער פּאָעט רײַסט זיך באמת אַרויס פֿון דער דאַנטע־שטימונג, וואָס פֿאַרפֿילט דעם אונטערשטראָם פֿון דער פּאָעמע, איז דער פֿריידיקער אויפֿקום פֿון זײַן וואָרט כּלפּי דעם שאַגאַלישן באַנעם פֿון ייִדישן לעבן. פֿון דעם סאַמע תּוך פֿון יענער, כּמעט מאַנאַליטישער, דאַנטע־שטימונג, שפּראָצט דאָס וואָרט אַרויס אין דער "גאָלע התגלות" וואָס די קינדער־תּמימות־

דיקע שאַגאַל־געמעלן טראָגן אין זיך. די דערציילערישע געשעענישן זעען פּלוצ־לונג אויס ווי זיי וואָלטן פֿאַרלירן זייער וואָג; פֿון זייער עקסיסטענציעלער סובסטאַנץ, אָבער פֿאַרלירן זיי גאָרניט. ניט מער: זיי ווערן מיט אַ מאָל דינאַמיזירט פֿון אַלע ליכטקוואַלן וואָס עפֿענען זיך אין דעם דיכטערס פּסיכיק און ווערן כּמעט אַרויסגעהויבן פֿון דעם אַקטועלן שטראָם פֿון דעם ספּור־המעשׂה:

און העט ביי דער גראָטע מע האַלט נאָך אין טאַנצן
ביים פּריט׳ז לבֿנהוועבס פֿול מיט הנאה.
ביז וואַנען דער מולד צעפֿאַלט זיך אין גאַנצן
אין ליכטזיילן אָקערשט געבוירענע, בלאָע.
און זילבערנע כּרובֿימלעך פֿלאַטערן, טויכן
אין וואַסער, דערטרינקען זיך, שימערן ווידער.
זיי שמעלצן פֿונאַנדער מיט וואַרעמע הויכן
די פֿינצטערניש, טוען באַלייכטן די גלידער.
דאָס ציגעלע בלויז, וואָס די צייט אים עגאַל איז,
קראַצט ווייטער דאָס בערדל אין גאַלע התגלות.

אַנטקעגן אַזעלכע "אָפּנויגן", וואָס סוצקעווער מאַכט זייער אָפֿט אין דעם אַקטועלן ספּור־המעשׂה, ווערט די פּאָעמע צעכוואַליעט פֿון אינעווייניק. אַלע העלדן האַלטן אין פֿאַרלירן זייערע אַקטועלע דימענסיעס וואָס שאַפֿן דעם דערציי־לערישן, "רעאַליסטישן" שיכט אין דער פּאָעמע און קריגן אַ דורכזיכטיקייט, דורך וועלכער מע קאָן שפּירן אַ נייע ליכט־רעאַליטעט. אַזאַ שפּירונג צעקלאָרט זיך זייער, אַ שטייגער, אין דער שאַגאַלישער סטראָפֿע וועגן דעם פּרוש:

פֿון בערגל צו בערגל פֿאַרהוילן ער ציט זיך,
ווי איבער אַן אָפּגרונט אַ שפּין אויף אַ פֿאָדעם.
די שטערן זיי טראָגט ער אין האַרצן שוין מיט־זיך,
זיי לייכטן אַזש אונטער די פֿאַרמעטענע בגדים.
עס וויגט אין דער לופֿט זיך די בלאָע גאַלעריע
מיט ניט קיין פֿאַרגאַנגענע פֿידל און צימבל.
זי שפּילט פֿאַרן פּרוש אַצינד איר מיסטעריע
אויף חרובֿער יידישער גאַס, ווי אַ סימבאָל.
נאָר אונטן — די קלויזן, די שטיבלעך זיי ליגן
ווי קלאַנגען צעהאַקטע פֿון יענעם אַ ניגון.

ב

אַפֿילו ניט קיין געניטער לייענער קען תּופֿס זיין, אַז יענע ערטער אין "געהיימ־שטאָט", ווו סוצקעווער שניידט דורך דעם איבערשטן שיכט פֿון דערציילערישער אַקטואַליטעט, כּדי צו שאַפֿן אַ ניי־וויזיאָנערישע רעאַליטעט, ווערן צום מערסטן טאָקע קריסטאַליזירט און פֿאַרמירט אינעם יסוד פֿון זען, פֿון דער חוש הראיה. אַלע געבראַכטע ציטאַטן פֿון דעם ווערק, און פֿיל אַנדערע ערטער, ניט ציטירטע, קאָנסומירן זיך אין דער זעונג. די זעונג אָבער, דאָס זען ווי מיר באַנעמען דאָס

אין "געהיימשטאָט", שאַפֿט יעדעס מאָל אַ מאָדנעם אומרו בײַ די וואָס זענען פֿעיִק אין אַן אומרו זיך לאָזן פֿון אַ פּאָעטיש ווערק און פֿון קונסט בכלל. עס לאָזט זיך אויס, אַז אומעטום ווו סוצקעווער באַנוצט טאָקע בפֿירוש זײַן ראיה אין יענע אָפּנויגן פֿון דער אַקטועלער דערציילונג, טראָגט דאָס געזעענע בילד אין זיך אַן אינערלעכע מוזיקאַלישקייט וואָס באַרויבט דאָס נעמלעכע בילד פֿון זײַן באַשטענדיקייט, פֿון זײַן אָפּגעשטעלט־זײַן, פֿון פֿאַרבלײַבן קריסטאַליזירט. אַוודאי ווערט אויך דאָס בילד באַגלייט פֿון אַ רעיון פֿון באַוועגונג: דער זאַץ וואָס טראָגט דאָס בילד איז שטענדיק אַ באַוועגונג־זאַץ. אָבער צוליב־וואָס און צוליב־ווען וויקלט זיך שטענדיק דאָס בילד אין זײַנע אייגענע קולות: ניט אין די קולות וואָס די אַקטועלקייט פֿון דעם פּערז גיט אים צו מן החוץ, נאָר פֿון קולות וואָס ווערן געבוירן צוזאַמען מיטן בילד, וואָס זיי און דער געזעענער יסוד פֿון דעם בילד חד הוא. דאָס וואָרט אַליין זעט אויס ווי געבוירן מחוץ דעם דערציילערישן קאָנטעקסט און טראָגט זיך אין אַ דינאַמיש־מוזיקאַלישן געווירבל פֿון קול און קאָליר. אין "געהיימשטאָט" ווערט אָט דער פּראָצעס אפֿשר בלויז געשפּירט פֿון דער ווײַטן. אין דער פּאָעמע "אָדע צו דער טויב" אָבער קומט דאָס דיכטערישע וואָרט אָן אין אַן עסטעטיזיע וואָס איז זעלטן אין דער ייִדישער דיכטונג — און תּוך־כּדי־דיבור, איז עס אויך אַ מין "פּירוש" אָדער "אידעאָלאָגיע" וואָס דער פּאָעט שאַפֿט פֿאַר זײַן דראַנג, כּדי ער זאָל ניט פֿאַרבלאָנדזשען ערגעץ ווו אין אַן עסטעטיש־פּרימערן רעגן־בויגן.

די דאָזיקע כּפֿלדיקייט דעמאָנסטרירט זיך גלײַך אין די ערשטע שורות פֿון דער "אָדע צו דער טויב". מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפֿע פֿון דעם ערשטן ליד: לאָמיר צולייגן אַן אויער צו ערשט צו די ערשטע צוויי שורות פֿון דער סטראָפֿע, און נאָך דעם — צו די צוויי לעצטע:

> זעלטן, אַ מאָל אין דער קינדהייט, באַווײַזט זיך קאָליריק און בלענדיק
> אונטער די שטערן אַ מלאך, זײַן ניגון וועט נאָכשפּילן שטענדיק.
> האָט זיך באַוויזן — אַנטרונען אויף יענער זײַט וועלטישן גדר,
> איבערן היימישן קוימען אַ סימן געלאָזן — אַ פֿעדער.

ווען די ערשטע צוויי שורות זאָלן שטיין פֿאַר זיך אַליין, אָן דער ווײַטערדיקער פֿאַרבינדונג און שײַכות מיט דעם צווייטן טייל, וואָלטן זיי פֿאָרמירט אַ גאַנצקייט פֿאַר זיך. דער פֿולשטענדיקער אָפּשטעל זייערער וואָלט די שורות איבערגעלאָזן אין גוואַלדיק עסטעטישן פֿלי: די קינדהייט וואָלט אויסגעזען ווי באַהערשט פֿון "קאָליריקע", "בלענדיקע" און "זינגענדיקע" מלאך־וויזיעס "אונטער די שטערן". די וויזיעס וואָלטן זיך אומאויפֿהער באַוועגט פֿאַר־זיך און אין־זיך, זיך באַטראַכט ווי דער תּמצית פֿון קיין מאָל־ניט־קריסטאַליזירטער עקסיסטענץ, ניט האָבנדיק קיין אַנדער צוועק, ווי זיך אַליין. די ערשטע צוויי שורות צעזינגען זיך אַוודאי אין זייער דרויסנדיקער, געריטמירטער און געגראַמטער, מוזיק; זיי ווערן אָבער אויך געטראָגן פֿון אַן אינווייניקסט־היוליותדיקער "הימל־מוזיק" וואָס ווערט געשאַפֿן פֿון דער עצמדיקער געמיש־דינאַמיק פֿון קאָליר און קלאַנג.

די לעצטע צוויי שורות צעשטערן אָבער דעם אָפּשטעל: זיי דרינגען דורך,

ווי מיט אַ קוים־דערשפּירעוודיקן מעסער, די עסטעזיע־באַוועגונג און געמיש פֿון קאָליר־און־ניגון וואָס נעמען צו יעדע פֿאָרעם־געשטאַלטיקונג פֿון דעם מלאך אַליין. דאָס וואָס דרינגט אַזוי דין־שאַרף קומט אויך אָן פֿון ערגעץ ווײַט אינעווייניק אַלס אַ פּרימערער פֿאַרלאַנג, אַלס אַ טרוים וואָס איז אין ערשטן באַשאַף:

האָט זיך באַוויזן — אַנטרונען אויף יענער זײַט וועלטישן גדר,
איבערן היימישן קוימען אַ סימן געלאָזן — אַ פֿעדער.

די פֿעדער איז דאָס וואָס שנײַדט דורך די עסטעזיע־גלוסטונג: זי איז דאָס דער ערשטער צייכן פֿון באַשטענדיקייט, פֿון קריסטאַליזירטער פֿאָרעם, פֿון דער מחשבה וואָס איז קריסטאַליזירטע פֿאָרעם, פֿון געדאַנק־קאָנצעפּ־ציע וואָס רײַסט אַרויס דעם דיכטער פֿון ענדלאָזער עסטעזיע און פֿירט אים אָנצובינדן זײַנע זעונגען אין יחידישע און אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע דער־שײַנונגען: די פֿעדער איז "אַ טויב אין שנייען־מאַגנעט פֿון באַגינען". די טויב איז, סוף־כּל־סוף, דאָס פּאָעטישע וואָרט, וואָס קומט אויף ערגעץ ווו פֿון די גרענעצן צווישן באַוווסט־און־אומבאַוווסט־זײַן, איז אָנגעטרונקען מיט די היוליותדיקע גע־דראַנגען פֿון קלאַנג און קאָליר — און פֿון דעסטוועגן גיט עס דעם דיכטער אַ מין הערשערישן געפֿיל. ווײַל דאָס וואָרט באַהערשט דאָך, אין דער זעלבער צײַט, די זעלבע קאָלירן און קלאַנגען, צווינגט אויף זיי אַרויף אַ מין צוועקמעסיקייט, אַ שײַכות צום רעאַלן לעבן. עס איז מצמצם דעם דיכטערס היוליותדיקייט — און מאַכט אים פֿאַר אַ הערשער איבער זיך אַליין און איבער דער וועלט. אָט דער טויב זינגט עס דער פּאָעט די אָדע; צו איר איז ער אָפּט אויך מתפּלל.

דער פּראָצעס וואָס מאַניפֿעסטירט זיך מיט אַן אַלץ־אויפֿגייענדיקן כּוח אין דעם דיכטערס זעונג פֿון דער טויב — וואָס פֿון "יענער זײַט וועלטישן גדר" שנײַדט זי דורך די מלאכישע עסטעזיע פֿון קלאַנג־און־קאָליר — באַצייכנט די רעאַליטעט וואָס ווירקט אין אַלע ביכער סוצקעווערס. די "אָדע צו דער טויב" דינט טאָקע אַלס אַ מין אַרײַנפֿיר צו זיי אַלעמען. די וואָס באַהערשן דעם מיין פֿון דער "אָדע", פֿאַרמאָגן שוין די כּלים מיט וועלכע דאָס ניט־פֿאַרשטאַנענע ליד סוצקעווערס ווערט גאָר קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. ווײַל בעצם זענען אַלע קאַפּיטלעך פֿון דער פּאָעמע אָרגאַנישע טיילן פֿון איין, גוט־באַהאָפֿטענער, עקספּאָזיציע איבער דער פּנימיות־דיקער דינאַמיק פֿון זײַן פּאָעטישער שאַפֿונג. יעדער קאַפּיטל טראָגט אין זיך זײַן אייגענע אויפֿגאַבע; צו רעאַליזירן איין שריט אין דעם דינאַמישן פּראָצעס — און יעדער ווײַטערדיקער קאַפּיטל איז אַ שריט ווײַטער אין דעם פּאָעטישן בנין.

די גאַנצע פּאָעמע איז געשריבן אין לאַנגע שורות, מיט אַ זעקס־טאָניקער אַקצענטירונג. לויט איר אָרגאַנישן כאַראַקטער איז אַזאַ מין ריטמישע שורה אַ דערציילערישע — און ווי אַזעלכע טראָגט זי שוין אין זיך אַן אויסקריסטאַליזירטן פּאָעטישן מהות, אַ צושטאַנד פֿון אינערלעכער רײַפֿקייט און פֿון געלײַטערטער וויזיע: אַ הויכע דרגא פֿון חכמה וועלכע כאַראַקטעריזירט די קלאַסיש־פּאָעטישע שאַפֿונג. אַזאַ מין פּאָעטישע פֿאָרעם איז אייגנטלעך פּאַסיק אָנצוווענדן אויפֿן עבֿר, אויף דעם וואָס איז אַ מאָל געווען אין אַ פּסיכיש־ווירבלענדיקן צושטאַנד — און האָט זיך, נאָך לאַנגער שאַפֿנדיקער דערפֿאַרונג, "באַרויִקט" אין דער קלאָרער

פּאָעטישער מחשבֿה. סוצקעווער האָלט אָבער די שורה אין אַ באַשטענדיקער דיי־נאַמיק פֿון איצטיקייט: אין אַלע דרגות וואָס ער האָט ווען עס איז געמוזט דורכ־מאַכן, זינט ער איז צו ערשט באַנומען געוואָרן פֿון דעם אינערלעכן דראַנג פֿון צוזאַמענגעבוירענע און פֿונאַנדערגעוויגטע קלאַנגען און קאָלירן, ביז עס האָט זיך, ווי אַ ווונדער פֿון "יענער זײַט וועלטישן גדר", אים אַנטפּלעקט פֿון זײַנע באַהאַלטענע טיפֿענישן דאָס וואָרט — און ביז דאָס וואָרט, אין זײַן אייגענער פֿאָרעם געבוירן, האָט זיך אין דער גלאָריע פֿון שעפֿערישער מחשבֿה אויף "אַ בלעטל פּאַפּיר ווי אַ שפּיגל" איבערגעשפּרייט. פּונקט ווי אַלע דרגות מוז ער שטענדיק דורכמאַכן, ווען נאָר ער זעצט זיך אַוועק און שרײַבט אַ ליד. דעריבער דער טאָפּלטער כאַראַקטער פֿון "אָדע צו דער טויב": די פּאָעמע אַליין, אַלס אַ נײַ־געבוירן ווערק, גייט דורך אַלע דרגות פֿון פּאָעטישן קאַמף פֿאַר קינסטלערישער פֿאָרעם וואָס איז קינסטלערישע מחשבֿה; און אין דער זעלבער צײַט דערציילט זי וועגן זיך אַליין און וועגן די דרגות וואָס זי האָט דורכגעמאַכט.

עס וואָלט צו לאַנג געווען אַרויסצוהייבן אַלע עלעמענטן פֿון דער "אָדע" וואָס זאָלן אילוסטרירן דאָס אויבן־געזאָגטע. דעריבער וועט זײַן גענוג זיך אָפּצושטעלן בלויז אויף איניקע "ווענדונגען" וואָס דער דיכטער מאַכט. עס באַווײַזט זיך, ווי שוין באַוווּסט, אַ פֿעדער וואָס רײַסט דורך די בלענדנדיקע קאָלירן און געזאַנגען פֿון דעם מלאך "אונטער די שטערן", און דערנענטערט זיך צום פּאָעט שוין ווי אַ טויב. צו איר איז דאָס יינגל מתפּלל, אַז אַ מאָל וועט ער זי רופֿן "אין רעגן אין שניי און אין פֿײַער". אָט דער פּאָעטישער זאַץ אַליין, שוין אַן אַנגעשריבענער, איז נאָך אַלץ אַן אַנגעלאָדענער, פּשוט צוליב דעם וואָס דער דיכטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצושטעלן אַ קאָמע־צייכן צווישן "אין רעגן" און "אין שניי", כּדי אויך איצט ניט אָפּצוטיילן דעם געקלאַנג פֿון דעם געפֿאַרב. אָבער אַפֿילו ווען די טויב — דאָס וואָרט — טוט אים "אַ קוש זײַנע ליפּן" און "די שלעסער / שליסן אַליין זיך פֿונאַנדער, די שטומקייט צעשניטן פֿון מעסער", פֿאַלן די ווערטער אין געווילד פֿון "פּערל און פּערל, מיט ימיקע רוישן געהיימע, / רעגענען שוין פֿון די ליפּן, ס׳באַפֿאַלט מיך אַ פּערלנע אימה". און נאָך דעם ווערט דער ווונדער פֿאַרמערט: דאָס טײַבעלע שענקט אים "אַ בלעטל פּאַפּיר ווי אַ שפּיגל" און די ווערטער, "צווישן אָפּקלאַנגען רויע, פֿאַרזונקענע, לײַמיקע פֿאָרמען", — ווערן "זילבערנע זילבן" אויפֿן שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן "אייביק איז דאָס פּנים פֿון טרוימער".

אַזוי גייט טייל נאָך טייל אין דער פּאָעמע. מיר שטייען שוין איצט ביי דער דרגא, ווו די טויב בעט זיך בײַם דיכטער־יינגל: "באַפֿעל, זאָלן קומען די קאַרשן". דאָס וואָרט בעט זיך בײַם פּאָעט, אַז ער זאָל דאָס ניט בלינד צעוואַרפֿן אויף אַלע ווינטן, נאָר ער זאָל זײַן "די מאָס און דער מעסטער". די "זילבערנע זילבן" טאָרן זיך ניט צעטאַנצן אין "הימלישן פֿיבער" די לבֿנה טאָר זיך ניט צו פֿיל צעברענען, די טענצערין טאָר ניט פֿאַלן אויף דערנער: דער דיכטער מיט דער טויב מוזן בויען דעם טעמפּל "מיט זוניקן שׂכל".

אין דעם ליד נומער פֿינף, פֿון וועלכן די לעצטע ווערטער זענען געבראַכט, און אין דעם ליד וואָס נאָך דעם, ווערט געגעבן די גאַנצע ראַנגלעניש וואָס דער אמתער דיכטער מוז דורכמאַכן צווישן די דעמאָנישע "סיטרא־אחרא"־גלוסטונגען,

וואָס ווילן פֿאַנגען דאָס וואָרט און די שעפֿערישע כּוחות וואָס טוען אָן דעם דיכטער פֿליגל, אַז „אַנבלאָזן וועט זיך מיט פֿרײַהייט אַ ווײַסער געדאַנק ווי אַ זעגל“. אָבער דאָס וואָרט מוז אויך דאָ אויסשטײַן די עסטעטישע תּשוקה אָנטקעגן דער וועלט וואָס איר ניגון איז „כוואַליק און וואַלדיק און וועלטיק“. אויפֿן וועג פֿון וואָרט צעזינגט זיך דאָך מ ע כ ט י ק „מיט אַ רעגן טערצינען“ דאַנטעס אַליגיערי: אַ געזאַנג וואָס איז זיך מוסר־נפֿש אָדער דער אַבסאָלוטער, נאַכטיקער, שיינקייט פֿון שׂטן און גיהנום, אָדער דער, פּונקט אַזוי אַבסאָלוטער, מלאכישער ליכטיקייט ווו די הימלישע בעאַטריטשע שײַנט ווי זיבן זונען. סוצקעווער וויל זײַן וואָרט אַרויסרײַסן פֿון דער גיהנום־אַלעגאָריע, כּדי עס צו ברענגען צו מענטשן. זײַן געזאַנג גאַרט צו זינגען זײַן בענקשאַפֿט, אַזוי ווי עס „האָט הלוי געזונגען מײַן בענקשאַפֿט פֿון שפּאַניע“. זײַן טויב, וויס ער, איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו אים, כּדי מענטשן, אין זייער פֿרייד און אין זייער פּײַן, צו באַגלייטן „מיט אַ פֿלייט איבער לענדער“. ווײַל אין זײַנע טיפֿסטע מעמקים וויס דער דיכטער, אַז אָן דעם פּאָעטישן וואָרט „איז דאָס לעבן אַ דרעמל“, אַז די פּאָעטישע שאַפֿונג וואָרצלט אין שיכטן פֿון טיפֿסטער לעבנס־רעאַליטעט: אָן איר וואָלט לאַנג שוין דאָס לעבן „געקניט פֿאַרן טויט ווי אַ קעמל“.

אַזוי דערנענט זיך סוצקעווערס ליד צו זעלבסט־דיסציפּלין און צו דעם באַדײַט פֿון דער שעפֿערישער פּאָעטישער מחשבֿה. קייט נאָך קייט פֿון דער עבֿודה־זרה צום אַבסאָלוטן מאָדערניסטישן עסטעטיציזם פֿאַלן אַראָפּ פֿון זײַן אין היוליות־געבוירענעם וואָרט. די זעונג קומט איצט אָן אַ געלײַטערטע דורך דעם זינען פֿון מענטשלעכן לעבן. דער דיכטער איז מיט זײַן וואָרט אַרויס זיך אַליין צו זוכן — איצט קומט ער צוריק צו זיך און זײַן וואָרט קוועלט מיט אַלע נצחונות זײַנע: געצוימט מיט מחשבֿה און זינען און באַפֿרײַט פֿון פּרימערן געווילד. ווער עס וויל דעם קוואַל פֿאַרנעמען אין זײַן פֿולער אַנטפּלעקונג, זאָל עפֿענען זיין שעפֿערישע אָנונג כּלפּי דעם גײַנטן קאַפּיטל פֿון „אָדע צו דער טויב“. ערשט דעמאָלט וועט ער שוין געפֿינען דעם דיכטער „אונטער אַ בוים לעבן ים־סוף“. דאָרטן איז עס ווו „די כוואַליעס דערקלינגען מײַן אָדע“.

אַזוי קומט סוצקעווערס ליד אָן צו אַקטואַליטעט: צו יחידישע, אוניווערסאַלע און נאַציאָנאַלע תּחומים, ווו דאָס אַקטועלע איז אײַן־זיך אַנגעזאַפּט מיט די אַלע מעמקים וואָס דעם דיכטערס וואָרט מאַכט דורך אויפֿן וועג פֿון געדראַנג און אַנטפּלעקונג און ביז דער פֿינאַלער פֿאָרמירונג זײַנער. דאָס איז דער אַני־מאַמין, וועמענס פּאָעטישער אויסדרוק מאַכט אַליין דורך דעם גאַנצן וועג ביז ער קומט אָן צו זײַן פֿינאַלער פֿאָרעם. מיט דעם אַני־מאַמין באַוואָפֿנט וועלן מיר פּרובירן אַרײַנקוקן אין אַנדערע ערטער פֿון סוצקעווערס ליד.

ג

די מורא פֿאַר דעם פֿאַרסטאַטיזירטן וואָרט וואַכט שטענדיק איבער סוצקעווערס פּאָעטישן שאַפֿן: די מורא אַז די טויב זאָל ניט פֿאַרשטיינערט ווערן אין סאַמע מיטן פֿון איר אַנטפּלעקונג־פֿלי. סוצקעווער, אָבער, פֿאַרמאָגט אין דער זעלבער צײַט אויך אַ באַהערשנדיקן ווידערווילן צו דעם מאָדערניסטישן עסטעטיציזם און צו זײַן אַנטרונען ווערן פֿון מענטשן און פֿון זייער לעבן. זײַן ייִדיש־הומאַניס־

טישע און יידיש־נאַציאָנאַלע ירושה שטייט אים ביי אויף אַזוי פיל, אַז ער לאָזט זיך אַפילו ניט אַריין צו אָפּט אין שאַבלאָנישע מעטאָדן פון קינסטלערישן אויסדרוק. און אויב אַזוי, מוז ער שוין אין דער אַקטואַלישקייט, צו וועלכער זיין וואָרט האָט אים צוגעבראַכט, עפענען אַזעלכע רעאַליטעטן, וועמעס טיפקייטן זאָלן קיין מאָל ניט אויפהערן אָנצופילן די אייבערשטע פלאַכן פון מענטשלעכן לעבן. דעריבער טאַקע האָט אים זיין טויב צוגעפירט צו די אַפריקאַנער לידער אין "העלפאַנדן ביי נאַכט": צו דעם וואַנדער־גלגול, אין וועלכן די טויב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ העלפאַנד.

העלפאַנדן גייען אין דער נאַכט צו ברעגן פון וואַסערן אין אַפריקאַנער דזשונגלען. זייער טראָט איז אַ דירעקטער, אַן אַלץ־וויסנדיקער: זיי הערן ווי אָפּענע און באַהאַלטענע וואַסערן גיסן זיך ביינאַנדער: אַלץ אַבסאָרבירן זיי אין זייער אומ־געהייערן וויסן. אַזוי גייט אויך דעם דיכטערס וואָרט אין זיין אַפריקאַנער ליד, ווו גאָט און מענטש און חיה און געוויקס און שטערן פליסן אײנער אין צווייטן; ווו אויפגאַנג און אָפּגאַנג, קומען און אַוועקגיין, קלאַנג און קאָליר און געדאַנק און זאַך האַרכן זיך ביינאַנדער איין. דאָס פּאָעטישע וואָרט אין "העלפאַנדן ביי נאַכט" איז לרוב אַ כמעט דערציילעריש וואָרט. נאָר ווען עס רירט זיך אָן מיט זיין גוואַלדיק גרויסער און דירעקטער פשוטקייט, ווי עס רירט זיך אָן דער פליגל פון דער טויב, אָן לעבן, דעמאָלט עפענען זיך אין דעם אַלע ראשיתדיקע געהערן צו די אוראַלטע, טיף־שטראָמענדיקע וואַסערן וואָס באַגעגענען זיך און גיסן זיך צוזאַמען. פונקט אַזוי ווי דער ראיה־יסוד איז עיקרדיק אין "געהיימשטאָט" און "אַדע צו דער טויב", אַזוי איז — און אפשר נאָך פיל מער — דער שמיעה־יסוד עיקרדיק און באַהערשנדיק אין די אַפריקאַנער לידער. ווייל אין "העלפאַנדן ביי נאַכט" פאַרוואַנדלט זיך אַלץ, וואָס איז פריִער אין סוצקעווערס וואָרט געווען פאַר־אַלגעמיינערט אין אַ קאָנקרעטער מענטשלעכער איבערלעבונג, אין וועלכער אַלע גלגולים פון לעבן און טויט, פון ליבע און אונטערגאַנג, פון געוויקס און פון שטערן און פון גאָט און פון מענטש, האַרכן זיך צוזאַמען איין. דער געהער איז עס איצט וואָס דינאַמיזירט אין דעם ליד די קאָנקרעטע דערשיינונג, די אַקטואַליזירטע איבערלעבונג.

כ'וויס ניט ווער נאָך אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אַזוינס געטאָן. סוצקעווערס עראָטיש וואָרט וועגן מאַן און פרוי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגישן כוח, מיט וועלכן אַ מענטש הערט דעם קאָסמאָס אויפגיין און אָפּגיין אין זיינע אייגענע געבליטן. מיט אַ מאָל באַקומען טאַקע די פרימיטיווע אַפריקאַנישע פאַנ־טאַסמאַגאָריעס, וואָס זענען באַוווסט יעדן גוטן אַנטראָפּאָלאָג, אַ טיפן עקסיסטענצ־יעלן אמת. דעם לייענער ווערט געשענקט אַזאַ טיף־אמתדיקע רעאַליטעט, וואָס נאָר דעם דיכטער איז באַשערט זי הערן צו לאָזן:

פאָטער, זע:
דער טאָג ליגט אויסגעצויגן ביים געצעלט,
ווי אַ שטאַרבנדיקער העלפאַנד מיט די פיס צום הימל.
און ס'ברענען די פלאַמינגאָס אויפן טייך, ווו אונדז אַנטקעגן
שווימען אָקסן.

דרײַצן אָקסן ווי די יאָרן מײַנע.
דרײַצן אָקסן, מיטן מאַלפּע־סוחר אין דער שפּיץ,
אָפּצוקויפֿן דײַן געטרײַע טאָכטער.

פֿאָטער, הער:
די אָקסן קלינגען מיט די שווערע גלאָקן.
און דער מאַלפּע־סוחר אין דער שפּיץ
וויל מיט זיי צעאַקערן
די בייטן פֿון מײַן לײַב.

די טויטע מאַלפּעס וועלן אים ניט שווײַגן.
די לעבעדיקע —
וועלן אים פֿאַרשילטן פֿון די צווײַגן.

דאָס גאַנצע ליד ווערט דאָ געגעבן אין אַ פּערפֿעקטער ריטמישער קאַדענץ פֿון אויפֿגאַנג און אָפּגאַנג — אַ קאַדענץ וואָס אירע פּויזעס ווערן, ווי טײַכן, אָנגעפּילט מיט לעבנס־געפֿיל. הינטער דער קאַדענץ אָבער הויערט די גוואַלדיקע לעבנס־מחשבֿה וואָס קיין מאָל ווערט זי ניט פֿאַרקאַלכט. די מחשבֿה איז עס וואָס באַטרײַבט די באַשטענדיקע מוזיק אין דער אַקטועלער, פֿאַרקאָנקרעטיזירטער איבערלעבונג. דערפֿון נעמט זיך וואָס סוצקעווער באַהאַנדלט לחלוטין ניט די אַפֿריקאַנער, אַזוי גערופֿענע, פּרימיטיוון, ווי עס באַהאַנדלען זיי די מאָדערניסטן. אין קעגנזאַץ צו יענע, הערט ער אין זיי די קריסטאַליזירונג פֿון דער מחשבֿה וואָס אייביק דינאַמיזירט זי זיך פֿון אינערלעכע און דרויסנדיקע, זיך־צעזאַמענגיסנדיקע, קוואַלן פֿון שעפֿערישקייט.

אַזוי באַוועגט זיך דער גאַנצער ציקל "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט". אין אים האָט זיך סוצקעווער אַליין געשטעלט פֿאַרן קיומדיקן נסיון: וועט זײַן פּאָעטיש וואָרט, וואָס גאַרט אַזוי זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער בלימה פֿון קאָליר־און־קלאַנג עסטעזיע, כּדי זיך צו באַהעפֿטן מיט מענטשן און זייער לעבן, בײַשטיין די סכּנה פֿון קריסטאַליזירטן און אַקטואַליזירטן לעבן? דער ציקל אָבער באַווײַזט די גבֿורה פֿון אָט דעם וואָרט: דווקא אין דער קריסטאַליזירטער איבערלעבונג, אין דער אַקטואַליזירטער דערשײַנונג, האָט זיך עס דערגראָבן צו די טיפֿסטע וואָרצלען. אין די כּמעט עפּיגראַמאַטישע שורות זײַנע וויים דאָס וואָרט דעם זינען פֿון אייביקער פֿאַרוואַנדלונג:

קליינע קינדער פֿאַלן מיטן רעגן פֿון די וואָלקנס.
ניט די וואָלקנס האָבן זיי געבוירן.
וואָס וועט זײַן?
ס'האָבן זיי געבוירן וואָלקנפֿרויען —
יונגע מאַמעס, וועלכע האָסט פֿאַרשלונגען.

די יונגע מאַמעס זענען דײַנע. אונדזערע — די קינדער.
זײ פֿאַלן מיטן רעגן, מיטן שטורעם.
וואָס וועט זײַן?
זײ מישן זיך צוזאַמען מיט די קינדער פֿון דער ערד,
זײ ווערן יונגע מענער, שײנע פֿרויען.

די טויטע מאַמעס בענקען נאָך די קינדער.
און אַלע מענטשנליפּן זענען דײַנע.
וואָס וועט זײַן?
דערלאַנגסט אַ בלאָז —
אַט גראָען שוין ווי זאַלץ די שוואַרצע פֿאַרבן.

ס'דערנעענטערט זיך דער סוף. מיר אַלע שטאַרבן.

ד

די וואָס באַנעמען היקפּדיק סוצקעווערס פּאָעטישן דרך קענען אוודאי דערקענען אין אים אַ שטרענגע פּלאַנמעסיקייט. די פּלאַנמעסיקייט איז אַ פֿילפּאַכיקע. זי דעמאָנסטרירט זיך צו ערשט אין דעם גענבוי פֿון דעם איינצלנעם ליד וואָס איז אײַנגעשפּאַנט אין זײַן פֿעסטן קינסטלעריש־באַוווסטזיניקן ווילן. דאָס גאַנצע בוך אַנטפּלעקט זיך נאָך דעם ווי גוט "פֿאַרטראַכט": סײַ פֿון דעם אינערלעכן פּאָעטישן גורל וואָס סטימולירט סוצקעווערס פּען, סײַ פֿון פּאָעטס קלאָרן אויג וואָס דערקענט זײַן אייגענעם גורל און שאַפֿט פֿאַר אים די קאַנאַלן אין וועלכע ער ווערט געווענדט. אַזוי איז אויך דער גאַנצער היקף פֿון אַלע סוצקעווערס ווערק: זײ פֿאַרמירן גראַדועלע שטאַפּלען פֿון אַ גראַנדיעז־קינסטלערישן פּלאַן אין וועלכן דער קינסטלערישער גורל רעאַליזירט זיך. טיילווײַז קען עס שוין געזען ווערן, ווען מיר וואַרפֿן אַ בליק פֿון אַט די שורות אויף צוריק: אויף "געהיימשטאָט" און "אָדע צו דער טויב" און "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט". דער איבערגאַנג פֿון בוך צו בוך איז אַ גאַנג פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל אין דער געשיכטע פֿון סוצקעווערס שאַפֿונג.

זייער בולט אין אַט דעם פּלאַן איז דער ציקל "אין מידבר סיני". אַפֿילו ווען די ווערטער וועלן אויסזען סכעמאַטיש, מוז דאָך געזאָגט ווערן, אַז איידער סוצקעווער האָט געהאַט אָנגעשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט די "אָדע צו דער טויב" און די לידער אויף די אַפֿריקאַנער מאָטיוון, וואָלט "אין מידבר סיני" בכלל ניט געקענט אָנגעשריבן ווערן. בלויז נאָך דעם ווי דאָס פּאָעטישע וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן — אין "אָדע צו דער טויב" — פֿון זײַן קלאַנג־און־קאָליר־שטורעם, און נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעפּילט מיט אַלע אָפּענע און באַהאַלטענע לעבנס־געשטראָמען און גלגולים אין "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט" — קען עס שוין דירעקט און אָן חששות צוקומען צו ייִדיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון, און צו זײַן אידענטיפֿיצירונג מיט זײ. די אינערלעכע קינסטלערישע כּוחות וועלן זײַן וואָרט פֿאַרהיטן פֿון פֿאַרקאַלכט ווערן איבער דער אַקטועלקייט אין אַזעלכע מאָטיוון, פֿון וועלכע עס שרעקט דאָס

וועזן בײַ אַזעלכע פּאָעטן, וועמעס מורה־הדור עס איז דער מחבר פֿון גאָר אַן אַנדער מידבר — "וויסטלאַנד" — טאָמאַס עליאָט.

דער מידבר־מאָטיוו האָט שטענדיק געצויגן צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. אַזאַ דיכטער ווי חיים נחמן ביאַליק האָט אים געווידמעט דעם גאָר גרעסטן טייל פֿון זײַנע טיפֿסטע שאַפֿונגען, האָט אים אײַנגעזאַפּט אין זײַנע טיפֿסטע גלוסטונגען פֿון פּאָעטיש־קינסטלערישער דער־לייזונג. אויך סוצקעווער האָט אים כּלל וכלל ניט געקענט אויסמײַדן. אומדירעקט איז דער מאָטיוו פֿאַראַן אין "אָדע צו דער טויב": דער מידבר פֿון קלאַנג־און־קאָליר־געווילד וואָס ווערט דורכגעריסן פֿון דעם וואָרט — דער טויב — וואָס אין אים ווערט געשטאַלטיקט דער פּאָעטישער איך אין זײַן קאַמף פֿאַר שעפֿערישער מחשבֿה און איר באַוווסטזיניקן אויסדרוק. דירעקט, אָבער, און פֿול מיט קראַפֿט פֿון באַוווסטזײַן, קומט דער דיכטער אָן "אין מידבר סיני". די טויב פֿון אַ מאָל איז באמת געוועזן אַן אָפּקלאַנג פֿון אַן אייביקן זכרון. איצט איז זי אַן אָנקום פֿון אַן אוראַלטן אָנזאָג, אַ רעאַליזירונג פֿון אַ נצחדיקן, מעכטיקן וויסן וואָס איז פֿאַר־פֿעסטיקט אין מענטשלעכע טיפֿן און רײַסט זיך דורך אַלע מידברדיקע שטורעמס: אָ נ כ י —

א, גאָט מײַן גאָט, מיט וואָס בין איך דאָס זוכה,<br>
אַז איך, ביז־האַלדז־פֿאַרקנאָטענער אין גושן,<br>
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פֿון אָ נ כ י,<br>
זאָל קומען ווו די פֿליגל דײַנע רוישן!

די זכיה פֿאַרשטייט זיך, איז דאָ אַ פּאָעטיש־קינסטלערישע. ווײַל דער אָפּקלאַנג פֿון אנכי איז ניט נאָר אַ קולטור־היסטאָרישער און נאַציאָנאַלער — ער איז אויך אַ יחידישער, אַן אינערלעך־פּסיכישער. די גאַנצע קינסטלערישע דינאַמיק סוצ־קעווערס, ווייסן מיר שוין, צילט צו דערקענונג, צו זעלבסטדערקענונג, צו אַן אינדיווידועלער יציאת־מצרים וועלכע זאָל באַהערשן אַלע מידברדיקע קאַטאַ־קליזמען און זאָל זיי אײַנשפּאַנען אין אַן עקסיסטענציעלן מיין פֿון אַן אָנכי־פּערזענלעכקייט. דעריבער איז טאַקע דער ציקל "אין מידבר סיני" איבערפֿולט מיט אָט דער יציאת־מצרים־איבערלעבונג. אַלע צען טיילן זײַנע זענען באַהערשט פֿון פּאָעטישן אינטעלעקטואַליזם, אין וועלכן זײַן וואָרט גייט אויף אַ דערהויבנס מיט די אָפּקלאַנגען פֿון פֿליגלען. דאָס וואָרט דערנענטערט זיך דירעקט און אָפֿן צו ייִדיש־געשיכטלעכע דערשײַנונגען, נעמט אָן אויף זיך דעם לבֿוש פֿון דירעקטער ווענדונג צום אנכי פֿון באַרג סיני, און פֿאַרלירט קיין מאָל ניט די וויזיע פֿון זײַן אייגענער פּערזענלעכקייט. דאָס איז עס טאַקע: דאָס וואָרט איז איצט שוין ניט די טויב, און ניט די העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, נאָר מענטש אַ ייִדישער, וואָס הערט זײַן אייגענעם פֿליגל־גערויש אין דעם גאַנג פֿון פֿאָלקישע דורות.

מען גיט דיר נעמען: סערבאַל, דזשעבל מוסא...<br>
איך פֿיל דעם באַרג. פֿון אַלע איז ער שענער.

דו שטייסט מיט קופּערפּעלדזן בחבֿרותא —
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער.
איך האָב שוין ווען געהערט די זעלבע טענער,
אַ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפּן!
אַ טראָפּן בלוט ווײַזט אָן: ביסט יענער, יענער,
ווי ס׳נעדעלע מאַגנעט ווײַזט אָן דעם צפֿון.
עס שטעלט זיך אָפּ די זון. זי גייט ניט אונטער.
און אויף אַ שטיין־מזבח, דיר צופֿוסן,
אַ גלות־קינד, אַ זעלנער אַ פֿאַרוווּנדטער,
און שיקט פֿון דיר אַהיים די לעצטע גרוסן.

דאָ האָט זיך סוצקעווערס וואָרט דערנענטערט צום אויסדרוק פֿון אַן אָפּענער, קריסטאַליזירטער אידעע. די אינטעלעקטועלע אידעע קריגט אָבער איר גאַנצע גבֿורה פֿון די עסטעטישע וואָרצלען אין וועלכע דאָס וואָרט איז פֿאַרוואָרצלט. אָן אָט די וואָרצלען וואָלט דער וויזיע־כאַראַקטער פֿון דער אידעע פֿאַרלוירן געגאַנגען. די מוזיקאַלישע קאַדענץ פֿון יעדן ליד אינעם ציקל עפֿנט זיך שטענדיק מיט אַן אַרויסרוף, אַן אויפֿשטראָם פֿון געדאַנק ווי אַ ליכט־אַנטפּלעקונג, אין דער ערשטער שורה; און נאָך דעם גראָבט זי אין די טיפֿענישן וואָס ווילן שוין מער ניט זײַן פֿאַרשטורעמט פֿון קלאַנג־און־קאָליר, נאָר וואָס לײַטערן זיך אין דעם ליכט, ביז זיי קומען שוין אַרויס, אין די לעצטע שורות, געטובֿלט אין דורכ־זיכטיקער אידעיִשער קלאָרקייט. יעדער ליד ווערט איצט אַ לויב־געזאַנג צום סיני־אָפּקלאַנג אין מענטשלעכער מחשבֿה. און דער גאַנצער ציקל פֿאַרענדיקט זיך אין צענטן ליד מיט דער זעונג פֿון דעם גרויסן אויפֿליכט וואָס הילט אײַן דעם דיכטער אין דער עקסיסטענץ־אידעע פֿונעם פֿאָלקס דורות:

און פּלוצעם קומען אויפֿן באַרג די שטערן,
צונויפֿגעוואַנדערט פּונקט ווי מיר פֿון גלות.
באַנומענע פֿון ליכט, מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
און אויפֿן באַרג, דורך בליצנדיקער אימה,
אַ ייִנגל מיט אַ פֿאָן. ער גיט זי איבער
אַ האַנט, וואָס נעמט זי אויבן אַ געהיימע,
און זאַלבט מיט אייביקייט, און בענטשט דעם גיבור.
און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זײַן נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.

ה

דער טייל פֿון ״אין מידבר סיני״ וואָס הייסט ״געדאַנקען פֿון אַ הירש״ איז אפֿשר אַ צענטראַלער אין די ווערק וואָס סוצקעווער האָט ביז אַהער פֿאַרעפֿנטלעכט,

ווײַל אין דעם ציקל קרײַצן זיך, און באַהעפֿטן זיך, סײַ די פּרימערע עסטעטישע דראַנגען סוקצעוערס, סײַ די אַלע קאַטאַקליזמען וואָס רײַסן־אויף זכרונות פֿון סיביר און פֿון ווילנע, און סײַ זײַן סיני־מעמד, צוזאַמען מיט אַ יונגן סאָלדאַט פֿון צה״ל, וואָס האָט אַלע זײַנע באַגערן און זכרונות אַרײַנגעפֿלאָכטן אין אינטוי־טיווער אנוכי־וויזיע. דער ציקל ״געדאַנקען פֿון אַ הירש״ איז, קודם־כּל, פֿול־שטענדיק דורכגעשניטן מיט די שאַרפֿסטע קאָליר־זעונגען וואָס צײַטנווײַז דאַכט זיך, אַז זיי ווילן אַרויסברענגען אַ מין קדמונישן, שטומען געשריי בלויז צוליב־זיך־אַליין. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז שווער צו געפֿינען אין אַנדערע לידער־ציקלען סוקצעוערס אַזעלכע צעשטורעמטע און דאָך קינסטלעריש־ גע־פֿאַנצערטע פֿערזן:

אײנציקער שאָטן אין מידבר, שטורעם פֿון זײַדענע זעגן,
רויטער מיראַזש פֿון נקמה פֿלאַטערט דיר שטענדיק אַנטקעגן.
רויטער מיראַזש פֿון נקמה — פֿליישיקע זאַנגען אין הימל.
כ׳וויל מיטן זעלביקן הונגער שלינגען אַן אַלף, אַ גימל...

ס׳פֿאַלן די טויטע ווי האָגל. קינדער געבוירסטו אין פֿליִען.
קינדער ווי זײַדענע זעגן זינגען אַרויס דײַנע זיִען.
ס׳הוידען זיך וויגן אין פֿײַער, הינטערן פֿײַער — אַ רעגן.
רויטער מיראַזש פֿון נקמה פֿלאַטערט דיר שטענדיק אַנטקעגן.

היישעריק, איצט ווען איך זע דיך איבער די זאַלצבערג די סדומער,
זשומעט אין מיר מײַן שגעון, בין איך אַ טייל פֿון דײַן יאָמער.
האָט דיך געבוירן אַ נביא, צווישן אַ האָרדע גזלנים?
יאָ, ביסט אַליין ווי דער נביא, מיט אַ פֿאַרלענגערטן פּנים...

פֿינצטערניש קלינגט פֿון די פֿעלדזן. כ׳ליג מיט דײַן שאָטן צוזאַמען.
רויטער מיראַזש פֿון נקמה זעגט מיט געזאַלצענע פֿלאַמען.
זאָלץ וועט ניט שטילן מײַן הונגער, סײַדן — אַן אַלף, אַ גימל...
היישעריק, לאָז מיך ניט איבער, ס׳בליִען שוין זאַנגען אין הימל.

מיט אַזעלכע לידער, ווו קאָלירן רײַסן זיך אויף מיט קדמונישער פֿריידיקייט, איז דער ציקל ״געדאַנקען פֿון אַ הירש״ דורכגעוועבט. דער היישעריק קומט אַן ווי אַן אַפּאָקאַליפּטישע וויזיע וואָס האָט פֿאַרלאָרן איר אולטימאַטיוון גאולה־גלויבן. און ניט נאָר דווקא ווען דער קאָליר איז אַ צאָרנדיקער, ווי עס איז דער פֿאַל אין דעם היישעריק־ליד.

אויף אַן עפּל־רויטן דאַך אין קאַטאַמאָן — אַ לייטער
אויסגעבאָרגט פֿון יעקבֿס חלום. און אַ ייִד פֿון פּוילן,
ווי אַן אַלטער אָדלער אין זײַן הימלנעסט פֿאַרהוילן
אויבן יאָמערט. און עס קלעטערט נײַגעריק אַ צווייטער.

די סטראָפֿע וואָס איז געבראַכט פֿון דעם ליד "יעקבֿס לייטער" אָטעמט מיט שאַגאַלישן באַנעם; און פּונקט ווי די ראיה די שאַגאַלישע, האָט זי ניט קיין אַנדער זאַך אין זינען ווי בלויז איר אייגענעם אויסדרוק. זי איז פֿול מיט ליַיכט־קייט — דער היפּוך אין שטימונג פֿון "אָדע צום היישעריק". אָבער, פּונקט אַזוי ווי יענע, זעט זי אויס ניט צו האָבן קיין אַנדער "תּכלית" ווי צו פֿאַרפֿלייצן ביז איבער די ברעגעס דאָס קינסטלערישע וואָרט. אַזוי אויך, אין אַן אַנדער קאָליר־שטימונג — אין גרוי — קומט פֿאָר די זעלבע עקספּרעסיאָניסטישע נייגונג:

עס קומט דער טויט אים אויסהיילן פֿון לעבן.
אונטערן קופּאָל פֿון שאַרבן גייט און פֿאַלט אַ רעגן
אויף ברענענדיקע לאַנדשאַפֿטן.
ער פֿילט
דעם שיינעם זעלבסטמאָרד פֿון אַ מינדסטן טראָפּן.
אַ דאָקטאָר, ווי אַ וואָלקן אַ פֿאַרקלערטער,
בלוטיקט אַ רעצעפּט בײַ אים צוקאָפּן:
דרײַ מאָל טעגלעך צו אַ לעפֿל ווערטער.

"דער קראַנקער דיכטער"

עס איז מערקווערדיק ווי אַזוי דער אויפֿשטראָם פֿון קאָליר, וואָס קומט דאָך פֿון די אינערלעכע פּסיכישע באַגערן פֿון דעם פּאָעט סוצקעווער, באַהערשט דעם אויסערלעכן ריטעם און באַצווינגט אים אָנצונעמען זײַן אָפּגלאַנץ. דער קלאַנג פֿון די לאַנגע סטאַקאַטאָ־שורות און די "ז"־אַליטעראַציעס אין "אָדע צום היישעריק": יעדע שורה שטעלט זיך אָפּ בײַ איר סוף און נעמט אירע ווערטער צוזאַמען ווי אַן אָנגעגליטן וואָלקן: יעדע שורה קומט זיך צוזאַמען מיט דער צוויטער, ווי אָנגעגליטע וואָלקן־מיט־וואָלקן. די ריטמישע קלאַנגען פֿון דעם ליד אָטעמען מיט דער קאָלירן־באַגער פֿון דעם ליד. אין "יעקבֿס לייטער" אָבער באַוועגט זיך די שורה מיטן ליכט־אָפּגלאַנץ וואָס "שטייט ניט אײַן". שורה שפּיגלט זיך אין שורה ווי ליכט רעפֿלעקטירט זיך אין ליכט און פֿילט אַפֿילו אַן דעם געיאָמער פֿון דעם פּוילישן ייִדן וואָס איז "אין זײַן הימלנעסט פֿאַרהוילן" מיט ליכט־געקלאַנג. און אין דעם ליד "דער קראַנקער דיכטער" פֿילט די שורה זיך אָן מיט גרוי, הילט זיך אײַן אין גרוי, באַגייט איר אייגענעם "שיינעם זעלבסטמאָרד" אין דעם גרוי־געקלאַנג. די מוזיק אין אַלע דרײַ געבראַכטע בײַשפּילן באַדינט עפּעס אַ קדמון־ניותדיקן קאָלירקולט.

אויך דאָ מאַכט דורך סוצקעווער עטוואָס וואָס איז ענלעך צו דעם וואָס אין דער "אָדע צו דער טויב". ווידער מוז ער זײַן שעפֿעריש וואָרט אַרויס־רופֿן, כּדי מיט דעם צו באַקעמפֿן די עקספּרעסיאָניסטישע זעלבסטהערשאַפֿט פֿון קאָליר־און־קלאַנג, און זי באַוווסטזיניק דיסציפּלינירן מיטן כּוח פֿון דער אידעע. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס אין "געדאַנקען פֿון אַ הירש" קומט ער שוין אַן גוואַלדיק געשטאַרקט מיט דער אָנוכי־וויזיע פֿון דער פּאָעמע "אין מידבר סיני". די אָנוכי־וויזיע איז איצט די וויזיע פֿון דעם דיכטער וואָס ווערט דער בעל־הבית איבער זײַנע אייגענע עקספּרעסיאָניסטישע באַגערן. דאָס

וואָרט זײַנס איז שוין אָנגעפּילט מיט דער סיני־ירושה וואָס סובאָרדינירט דעם אימאַזש־און־זײַן־קלאַנג דער אידעע פֿון ייִדישער און מענטשלעכער צוקונפֿט. ער מאַכט ניט צו נישט דעם קאָליר און זײַן קלאַנג. גראָד פֿאַרקערט: ער באַשענקט אים מיט ווײַטע האָריזאָנטן פֿון שעפֿערישע וויזיעס. אין דעם זינען קען מען אין סוצקעווערס שאַפֿן אַוודאי דערקענען די תּנכישע ירושה: דאָס וואָרט דאַרט שיילט זיך אַרויס פֿון די עסטעזיע־גלוסטן פֿון עשתּורת־און־בעל־קולטן און סובאָרדינירט דעם קאָליר און געקלאַנג דער לעבנס־אידעע וואָס איז די סיני־אידעע.

דאָס וואָרט — דער הירש. אַלע קאָלירן פֿון סיביר און פֿון ווילנע און פֿון סיני און פֿון ירושלים בליצן צוזאַמען אין זײַנע גרויסע תּמימותדיקע אויגן. די קאָלירן גייען אויף אין זײַנע אויגן באַגלייט פֿון זייערע אָפֿענע און באַהאַלטענע געקלאַנגען — און ער איז זייער וואָרט. "באַגינען קניט ער פֿאַר די טריט" דעם דיכטערס, ווײַל די טריט זענען דער נסיונותפֿולער וועג אויף וועלכן דאָס וואָרט אַנטפּלעקט זיך פֿון זײַנע מעמקים. די טריט דאָס זענען די "געדאַנקען" פֿון דעם הירש. אָן זיי קען דאָס וואָרט בכלל ניט אויפֿקומען: דער הירש — דאָס וואָרט וואָס בײַ נאַכט האָט אַ שנײַ פֿון סיביר "פֿאַרכּישופֿט זײַן פּורפּורנע מדינה". איבער אָט דעם כּישוף פֿון שנײַ אויף פּורפּור איז דערהויבן דעם הירשס קאָפּ, וואָס באמת איז ער "אַ קרישטאָלענע, אַ נאַסע קאַנדעלאַברע", און זײַנע אויגן, אין וועלכע עס בליט דער כּישוף פֿון שנײַ און פֿון פּורפּור, זענען באמת געהויבן צו "אַ בינטל שטערן [וואָס] צוויטשערט אויף אַ סאַברע".

דעם דרך קענען מיר שוין כּמעט נאָך פֿון פֿריִער. אַזוי איז דער לשון סוצקעווערס: דער לשון וואָס קודם־כּל רעאַליזירט ער זיך אין זײַן אומגעהײַער־דינאַמישן זע־יסוד. דאָס וואָרט אָבער פֿון אָט דעם לשון איז שוין דורכגעדרונגען מיט לעבן און מיט אַקטואַליזירטן אינהאַלט און אידעע פֿון לעבן. דער אינהאַלט און די אידעע ווערן אַלץ בולטער מיט זייערע מידבר־סיני־ און הר־סיני־אַסאָציאַציעס און מיט די פּראָיעקטירונגען פֿון די אַסאָציאַציעס אין ייִדישן לעבן פֿון מיזרח־אייראָפּע. די קאָלירן און זייערע געקלאַנגען אין "געדאַנקען פֿון אַ הירש" זענען שוין לחלוטין ניט אויטאָנאָמיש: זיי קומען שוין מער ניט צוליב "זיך אַליין". דער פּאָעט ווייסט שוין, אַז ער איז ניט "דער זעלבער וואָס ער איז". זײַן וואָרט איז נאָך געפֿאַנגען סײַ פֿון שנײַ פֿון סיביר, סײַ פֿון ברען פֿון מידבר — אָבער שוין ניט פֿאַר זיך אַליין.

דעריבער בלײַבן ניט די אויסצוגן וואָס זענען אויבן געבראַכט געוואָרן אין זייער עקספּרעסיאָניסטישן צושטאַנד. די אָנגעגליטע, קוים־אײַנגעהאַלטענע קאָלירן פֿון "אָדע צום היישעריק" "שלינגען" מיט זייער הונגער "אַן אַלף, אַ גימל" פֿון דעם סיני־מעמד. דורך די פּאָר ווערטער "אַלף, גימל", ווערט די גאַנצע היישעריק־אַפּאָקאַליפּטיק אַ פּאָליטיקע, אַ תּכליתדיקע, אַן אידעיִשע. אַוודאי געשעט דאָס אויך מיט דער ערשטער סטראָפֿע וואָס איז אויבן געבראַכט געוואָרן פֿון "יעקבֿס לייטער". דער יאָמער וואָס פֿאַרגיסט זיך מיט ליכט, באַהעפֿט זיך סוף־כּל־סוף מיט "אַזוי פֿיל שטערן" וואָס "אײַלן פֿון די בערג אויף שבת אין ירושלים", מיט די שטיינער וואָס "בליִען", מיט דער שלווה וואָס "בליט", מיט ירושלים וואָס "בליט" — אַלע קוקן זיי אויפֿן געפֿאַנגענעם כּותל וואָס בלוטיקט אין ירושלים". פֿון דער ווײַטנס באַהעפֿטן זיי זיך אַלע מיט אים —

און צוזאַמען מיטן ייִד אין הימלנעסט פֿאַרהוילן
שווימען מײַנע אויגן איבער גלײַענדיקע חומות,
צו דער וואַנט פֿון טרערן, צו דעם כּותל פֿון חלומות,
און דער כּותל ציט זיך אַ געפֿאַנגענער ביז פּוילן.

אַט אַזוי ווערט פֿאַרוואַנדלט די ריינע, פֿאַר־זיך־אַליינִיקע, עקספּרעסיאָניסטיש־שאַגאַלישע ראיה פֿון דער ערשטער סטראָפֿע אין אַ באַשטימטן אידעיִש־אַקטואַליזירטן געוועב. אַזוי דערגרייכט סוצקעווערס וואָרט זײַן הויכע מדרגה: אַ מדרגה וווּ דער עסטעטיש־פּאָעטישער יסוד איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין ייִדישן לעבן און ווערט רעאַליזירט מיט איר גאַנצן כּוח אין ייִדישן לעבן. זײַן וואָרט, וואָס צו ערשט איז עס געווען מער ניט ווי אַ פֿעדער געוואָרפֿן אין רעגנבויגן־שטורעמס, האָט זיך דורכגעריסן און איז געוואָרן אַ טויב: זי האָט עס דעם פּאָעט געגעבן דאָס "שטיקל פּאַפּיר", די ערשטע קאָנסאָלידירונג פֿון וואָרט, די ערשטע דרגה פֿון שעפֿערישער קאָנסאָלידירונג. דערנאָך האָט די טויב זיך פֿאַרוואַנדלט אין די העלפֿאַנדן אין וועלכע עס שטראָמען אַרײַן אַלע אינסטיקטיווע לעבנס־שטראָמען. און נאָך דעם — דער הירש: דער הירש פֿון סיביר און פֿון מידבר און פֿון ירושלים און פֿון פּוילן. איצט קען שוין דאָס וואָרט זײַן דער מענטש אַליין, אין וועלכן אַלע געווירבלען פֿון פּרימערער עסטעזיע האָבן זיך אונטערגעגעבן דער טיפֿער לעבנס־חכמה פֿון שטילן געדאַנק. דאָס וואָרט קען שוין איצט דערציילן מיט דער פּשוט־קייט וואָס בלויז גאָר גרויסע קינסטלערס האָבן זי באַנומען. אַזוי דערציילט דאָך סוצקעווער וועגן עלזע לאַסקער־שילער:

געבויגענע ווײַנען די אייזלען אין ירושלים,
ניטאָ מער די הייליקע זקנה, די זינגערין עלזע.
ניטאָ ווער ס'זאָל קאָרמען די אייזלען מיט בליציקן צוקער
און העלפֿן זיי שלעפּן די וווּנדיקע שטיינער פֿון קאַסטעל;
די שטיינער וואָס פֿאַלן אַראָפּ מיט אַן "אוי" פֿון די הערצער
בײַ אַלע וואָס קומען אין לאַנד — אַ מאַיאָנטעק מיט שטיינער! —
צו בויען אַ היים פֿאַרן הימלאָזן מלך משיח.

ו

פֿון "געהיימשטאָט" ביז "גײַסטיקע ערד" איז אַ געוואַלדיקער מהלך ניט נאָר אין געאָגראַפֿישע מאָסן און אין ביאָגראַפֿישע מאָסן, נאָר אַוודאי אויך אין פּאָעטיש־קינסטלערישע מאָסן. לאָמיר זיך דערמאָנען: אין "געהיימשטאָט" האָט סוצקעווער געהאַלטן אין איין אויפֿרײַסן דעם דערציילערישן געוועב פֿון אַקטועלע געשעענישן, כּדי צו שאַפֿן אַן אַנדער "אוניווערס", אַן עסטעטיזירטע לעבנס־דימענסיע, פֿאַר די העלדן אין די ווילנער קאַנאַלן. כּדי צוצוגעבן עפּעס אַן עקסיסטענציעלן זינען יעדן איינעם פֿון די געשטאַלטן אין דעם וויסטן קאַנאַל־לעבן, האָט דער פּאָעט אַרויסגעריסן בײַ איטלעכן פֿון זיי זײַן טאָג־טעגלעכקייט און זיי אַרײַנגעפּאַסט אין באַזונדערע עסטעטישע יסודות: יעדער איינער פֿון זיי איז באַשיינט און באַקריינט געווען מיט זײַן אייגענער גײַסטיקער גבֿורה וואָס

האָט געשטעקט אין דעם יסוד פֿון גבֿורה שבתּפֿארת. ווײַל סוצקעווערס וואָרט האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט הוילן כראָניק־וואָרט: עס האָט אים ניט צופֿרידן געשטעלט די אויבנאויפֿיקייט פֿון דער מעשׂה וואָס באַוועגט זיך אין דעם ריטעם פֿון דער קינה. זײַן עסטעטיש־אָנגעדרענגט וואָרט האָט זיך דאָרט ניט געקאָנט אויפֿהאַלטן און האָט זיך געריסן אין די קאָליר־ און געקלאַנג־תּחומים, וווהין ער איז אַוועק נאָך "געהיימשטאָט". צוזאַמען מיט דער עס־טעטישער דערהייבונג, מיט וועלכער סוצקעווער האָט באַשענקט די געשטאַלטן פֿון "געהיימשטאָט" האָט זיך זײַן וואָרט אַרויסגעריסן פֿון דעם עפּיש־נאַציאָנאַלן תּחום אין כּף־הקלע אַרײַן פֿון היוליותדיקע עסטעזיע־דראַנגען.

אָבער די גאַנצע שאַפֿונג זײַנע איז באַהערשט פֿון אַ קאַמף פֿאַר אומקער צו דעם זעלבן עפּישן תּחום. די אַלע דרגות וואָס זײַן וואָרט גייט דורך — די טויב, די העלפֿאַנדן, דער הירש — זענען דאָך סטאַדיעס אין זײַן קאַמף פֿאַר דער ווידער־רעאַליזירונג פֿון זײַן שאַפֿונג. דאָס אומקערן זיך צו דעם דערציילערישן יסוד אין דעם ליד — האָט געקענט פֿאָרקומען בלויז ווען דאָס וואָרט האָט אָנגע־הויבן דורכגעדרונגען צו ווערן פֿון אַן עקסיסטענציאַנעלן זינען פֿון לעבן, פֿון יידישן לעבן בפֿרט. זײַן וועג האָט זיך געצויגן פֿון ווילנער קאַנאַלן און פּאַרטיזאַנער־וועלדער צום מידבר סיני, און פֿון דאָרט קיין ירושלים, און פֿון דאָרט אין נגבֿ. אויף אָט דעם וועג איז זײַן וואָרט געוואַקסן אין טיפֿער פֿאַרשטענדעניש: עס האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופֿילן מיט אַ לעבנסמייך, מיט אַ רעאַליטעט מיט וועלכער עס איז אים באַשערט זײַנע קאָליר־און־געקלאַנג־דראַנגען אויסצולייזן. דערפֿון נעמט זיך עס, אַז וואָס ווײַטער מיר גייען אין סוצקעווערס פּאָעטישער שאַפֿונג, אַלץ מער דערקענען מיר אין איר ווידער דעם דערציילערישן יסוד. דאָס ליד האָט מער ניט קיין מורא פֿאַר אַ באַשטימטן דערציילערישן אינהאַלט. דערפֿון נעמט זיך עס אויך, וואָס אַלץ ווײַטער ווערן די לידער אַפֿילו מער "פֿאַר־שטענדלעך" — פֿאַרשטענדלעך לגבי די וועלכע פֿאַרמאָגן ניט קיין כּוח זיך אויפֿצוציפֿענען כּלפּי די טיפֿענישן פֿון אַ קינסטלעריש־קאָמפּליצירטן ליד. אַ גוטער לייענער קען דערשפּירן די פֿרייד מיט וועלכער דער פּאָעט אַליין גייט אַנטקעגן זײַן אייגענעם דערציילערישן וואָרט. אַזוי קומען מיר אָן צו "גײַסטיקע ערד". אין אַ גאַר גרויסן גראַד איז די פּאָעמע אַ קאָנסומירונג פֿון אָט דעם פּראָצעס.

פֿאַרשיידענע קלאַנגען פֿון דער רוסישער פּאָעזיע הערן זיך אין דער פּאָעמע. אין דער צײַט וואָס דער ריטעם פֿון "געהיימשטאָט" איז אויסערלעך אַ רויִקער און מיט פֿיר אַקצענטירונגען, איז דער ריטעם פֿון "גײַסטיקע ערד" כּמעט אַן אָנלויפֿנדיקער אין זײַן דערציילשטראָם און פֿון צוויי אָדער דרײַ אַקצענטירונגען. אויבן־אויף זעט עס דעריבער אויס, אַז "געהיימשטאָט" זאָל מער דערציילעריש זײַן ווי "גײַסטיקע ערד". דאָס איז אָבער אַ געהער־אילוזיע. דער ריטעם אין "געהיימשטאָט" איז אָנגעטראָגן מיט אינערלעכע דערוואַרטונגען אויף דער עסטעטישער ענדערונג וואָס קומט פֿאָר אין דער פּאָעמע. דעריבער איז איר ריטעם אַ שטאַרק־אײַנגעהאַלטענער אין זײַן אָטעם. "גײַסטיקע ערד" אָבער לאָזט איר דערציילונג אין פֿולן שווונג, ווײַל דאָס דערציילטע ווערט דער עיקר, און קײַן אַנדערע דערוואַרטונגען, אויסער דער

אַנטוויקלונג פֿון די דערציילערישע געשעענישן, זענען אין איר ניט פֿאַראַן. די פּאָעטישע שורה איז אַ קורצע, איר ריטעם אַ שנעלער, איר דערציילערישער אָטעם אַ דינאַמישער פֿון האָבן זייער פֿיל צו דערציילן.

עס זענען פֿאַראַן ערטער אין דער פּאָעמע וואָס ריטמיש וועקן זיי אויף אַסאָ־ציאַציעס, אַ שטייגער — פֿון "יעווגעני אָניעגין" פּושקינס. אָבער דאָס איז בלויז אין דעם שטח פֿון דעם דרויסנדיקן ריטעם, און אפֿשר אויך אין דעם שטח פֿון באַהאַלטענעם דיכטערישן פֿאַרלאַנג צו דערציילן. אין תּוך אָבער איז די פּאָעמע פֿון איר אייגענעם שטאַם אַן אַרויסגעוואַקסענע. זעונגען פֿון קאַלירן דאָמינירן נאָך אַלץ אין דעם געזאַנג וועגן דער מדינה פֿון ישׂראל. נעמט דאָס ליד זעקס און דרייַסיק וועט איר גלייַך דאָס דערזען:

די סאַברעס בלי̇ען. סאַפּענדיקע רויטן.
די לופֿט איז ראָז פֿון שטעכיקער שאַטירונג.
אַ בליק האָט זיי אַ צונד געטאָן די קנויטן
און מיטגענומען איינע פֿאַר אַ צירונג.
די קנויטן זייגן זידנדיקן בוימל.
באַלויכטן מיט דער בלי̇ונג זענען מייַלן.
אַן אָדלער וואָלט געמעגט הייַנט בענטשן גומל —
די סאַברעס האָבן אים געשאָסן פֿייַלן.

אַזעלכע מינים לידער זענען אין "גייַסטיקע ערד" פֿאַראַן אַ היפּש ביסל. זיי זענען אָבער סובאָרדינירט דעם פּלאַנירטן דערציילן פֿון געשעענישן אין באַשטימטער צייַט און אויף אַ באַשטימט אָרט. אַזאַ ליד, ווי דאָס וואָס מיר האָבן נאָר וואָס ציטירט, וויל שוין מער ניט ווי נאָר באַלויכטן דאָס קאָנקרעט־אַקטואַ־ליזירטע פֿון אַ געשעעניש אין דער באַפֿרייַונג־געשיכטע פֿון דער יִדישער מדינה.

אַנטקעגן, אין אַ ליגשטול, צווישן עולם,
אַ יי̇נגל. זייַנע ביידע פֿיס — פֿאַרגיפּסטע.
די ווייַסקייט בלענדט. זייַן ברוסט איז אָפֿן, הויל אים.
אַ מיידל, צי זייַן שוועסטער, צי זייַן ליבסטע,
פֿאַרקעמט זייַן פּאַטליע האָר מיט אירע פֿינגער.
און מאַניע זאָגט: "אַ טאַנק איז דאָ אַנוסטן
אַרייַן אין דאָרף, אַ טאַנק פֿון דעם באַצווינגער.
געשפּרונגען איז דער יי̇נגל דורך די קוסטן,
מיט זייַנע אַכצן יאָר געוואָלט פֿאַרהאַלטן —
צעמורשט האָט אים דער טאַנק די ביינער מיטן מאַרש דעם קאַלטן".

מאַניע איז אַ היסטאָרישע געשטאַלט, אַזוי ווי דער טאַנק און דאָס יי̇נגל זענען היסטאָריש. די עסטעטישע וויזיעס־אין־קאָלירן סוקצעווערס אין דער פּאָעמע קומען ניט מער ווי פּסיכיש צו דראַמאַטיזירן די אויסערלעכע געשעענישן. צוליב

דעם שאַפֿט זיך שוין איצט דער פּאָעט אַ געוווינהייט אַליין מפֿרש צו זײַן זײַן דרך. דער גיפּס אַרום דעם פֿאַרוואונדטן יינגלס פֿוס "צינדט אָן מײַן זעונג: ס'איז אַ שניי אַ צוויטער": דער שניי פֿון חרמון איז פֿון דער "שניי־לאַווינע וואָס קײַקלט זיך אין ציון". שנייען פֿון סיביר און פֿון ווילנע און פֿאַרטיזאַנער־וועלדער לייזן זיך סוף־סוף אויס אין דעם "לעצטן שניי" פֿון דעם יינגלס פֿאַרגיפּסטן פֿוס. אַזוי איז אויך די וויזיע פֿון די בלײַענדיקע סאַבּרעס. דער עסטעטישער יסוד איז שוין מער ניט קיין פּאָעטישער תּכלית פֿאַר זיך, נאָר ער באַדינט די נאַציאָנאַלע אידעע פֿון יידישן לעבן. דאָס איז זײַן זינען. ווײַל איצט, נאָך זײַן ווײַטן דרך, וויס דער דיכטער אַז "פּאָעזיע איבער אַלע צײַטן זוכט אַ לײַב, אַ פֿאָרעם".

ווייסנדיק אָט דעם אמת שטרעבט סוצקעווער אים צו פֿאַרקערפּערן אין עפּישער פֿאָרעם. נאָך קען ער ניט — אָדער ער וויל נאָך ניט — אָנשרײַבן אַן עפּישע פּאָעמע וועגן איין וויכטיקן "העלד". די קריסטאַליזירונג פֿון יחידישער געשטאַלט שרעקט אים נאָך דערווײַל אָפּ. איז דערווײַל בלויז צײַט זײַן הערא‌ָישער העלד. די צײַט באַזינגט ער און וועגן איר דערציילט ער. די צײַט לאָזט זיך ניט קאָנסאָ־לידירן אַזוי געשטאַלטיק, אַזוי פֿאַרקערפּערט אין אַ קאָנקרעטער באַשטענדיקייט, ווי די געשטאַלט פֿון אַ יחיד. די פּאָעמע, וועמענס העלד איז צײַט, און ניט בלויז די באַשטענדיקע געשטאַלטמעסיקייט פֿון אַ מענטשן אַ יחיד, דערלויבט אים אַלערליי "דיגרעסיעס" אין קאַליר־וויזיעס וואָס שטענדיק יוירן זיי אין זײַנע קינסטלערישע מעמקים. אָבער זיי אויך זענען שוין שפּראָצונגען פֿון דער צײַטס אַ ק ט ו ע ל ע ר  פּ ר אָ ב ל ע מ אַ ט י ק: זיי בליצן אויף די צײַט און אירע פּראָב־לעמען אויך פֿון אינעווייניק, פֿון דעם פּסיכיש־קינסטלערישן געשפּיר סוצקע־ווערס. סוצקעווער אַליין איז וועגן דעם אַזוי באַוווסטזיניק־קלאָר, אַז אָפֿט מאָל ווענדט ער זיך צו זיך אַליין, זיך אַליין דערקלערנדיק דעם זעלבן פּראָצעס. כּדי ניט צו פֿאַרלירן זײַן באַלאַנס אָבער, פֿילט ער אָן די פּאָעמע מיט קאָנקרעטע עפּיזאָדן און באַשרײַבונגען אויף יעדן זײַטל — און דער לייענער קען זיי שטענ־דיק באַמערקן.

אָבער נאָך אַלעמען איז "גײַסטיקע ערד" אין אַ גאַנץ באַשטימטן זינען דער עפּאָס וועגן איר מחבר, דעם פּאָעט אַליין וואָס האָט זי געשאַפֿן. אין די ערשטע צוויי שורות פֿון ליד איינס, איז ער אויף איר מרמז ווי זײַן "אָדיסייע". באמת איז ער עס דער העלד פֿון דער גאַנצער פּאָעמע. פֿון צײַט צו צײַט דערציילט ער אָפֿן וועגן זיך, ווענדט זיך צו זיך אַליין און צו זײַן וואָרט, ווי עס פֿלעגן אַ מאָל טאָן פּאָעטן אין אַלטע צײַטן. אָבער דאָס איז אַזאַ מאַניר: אפֿשר כּדי מרמז צו זײַן דעם לייענער אויף זײַן מיטבאַטייליקונג אין דער פּאָעמע. דער אמת איז אָבער, אַז ער איז דאָרט באַשטענדיק דאָ, אַז באַשטענדיק האַלט ער אין איין דערציילן וועגן זיך און וועגן זײַן אָנטייל אין דער צײַט. גוטע לייענער וועלן מסתּמא טאַקע קענען באַהויפּטן, אַז דער הויפּטהעלד פֿון "גײַסטיקע ערד" דערציילט וואָס ער און זײַן וואָרט האָבן דורכגעמאַכט פֿון "געהיימשטאָט" אָן ביז ער איז אָנגעקומען אויף דער גײַסטיקער ערד. ווי זײַן אייגענער גײַסט, אין גלות פֿון זײַנע אייגענע וויזיעס, איז געקומען אויסגעלייזט צו ווערן אויף דער ערד פֿון ישראל. אין דעם זינען איז "גײַסטיקע ערד" אַ קאָנסומירונג פֿון אַלע פֿריערדיקע ביכער זײַנע, פֿון אַלע זײַנע אָדיסיי־וואַנדערונגען אין יידיש־

דיכטערישער שאַפונג. ווײַל ערשט איצט קען ער אויפנעמען דעם ליכטצינדער פון ירושלים וועגן וועמען ער דערציילט כמעט פּראָזאַיש:

אַ ליכטצינדער, אַליין פון וואַקס און קנייטלעך,
געגעגנט צו מיר און פרעגט, צי זאָל ער צינדן
אַ ליכט — — —

און דאָך אים זען אַרומגיין אין דער "בלויער שטילקייט" וואָס אויף איר פרעגט ער מיט טיף־זעעריש באַגײַסטערונג:

ווי קאָן אַ שטילקייט זײַן אַזוי געלאָדן
מיט בלויען אינהאַלט? וווּ זאָל איך דאָ לאָזן
אַ וואָרט, אַז בלוי פון תּפילות איז דער באָדן
און ס׳זענען רחמימדיקער בלוי די גראָזן?

אַזוי איז ער שוין איצט אַרײַנגעפלאַנצט אין דער ערד וואָס האָט אים דערלויבט זײַן גײַסטיקייט ברענגען צו אַ קיום. דערמיט לייזט ער אויך אויס אַלע זײַנע געשטאַלטן פון "געהיימשטאָט". זיי אַלעמען האָט ער ווידערגעבראַכט אויף דער "גײַסטיקער ערד".

געבראַכט האָט ער אויך מיט זיך די טויב, די העלפאַנדן און די געדאַנקען פון דעם הירש. דאָס וואָרט זײַנס פילט איצט אָן זײַנע עסטעטישע זעונגען מיט יידישער ירושה, מיט אַ לעבנס־רעאַליטעט וואָס פאַראייניקט אַלע אונדזערע דורות און וואָס שענקט דעם קינסטלערישן דראַנג אַ גרויסן קיומדיקן מיין.

קוקנדיק פון "גײַסטיקע ערד" אויף צוריק, אויף די פריערדיקע שאַפונגען סוצקעווערס, קען מען אַוודאי שפּירן דעם באַשער זײַנעם און דעם באַשייד זײַנעם. אין אָט דעם ליכט איז סוצקעווערס גאַנצע פּאָעטישע שאַפונג פון אַ גאָר גרויסן ווערט: סײַ אין דער יחידישער בחינה פון דעם פּאָעטס קינסטלערישער דערגרייכונג אַליין, סײַ אין איר נאַציאָנאַלער בחינה — אין דער געשיכטע פון אונדזער קיבוצדיקער קינסטלערישער שאַפונג.

י. זרבבל

# דער פּאָעט

אַזוינס לאָזט זיך ניט פֿאַרגעסן. ס׳איז אַ מין אַנטפּלעקונג. ווערסט פּלוצעם אָפּגעגאָסן מיט ליכטיקייט, און דו שפּירסט בחוש ווי זי דרינגט אין דיר אַרײַן, נעמט דיך אַדורך און דו ווערסט אין גאַנצן דורכגעליכטיקט. אַזוי ווירקן קען בלויז אַן אמתער פּאָעט.

אַזוי האָב איך דערקענט אַבֿרהם סוצקעווערן ניט לאַנג צוריק, בײַ זײַנעם אַן אויפֿטריט וועגן ה. לייוויק.

יאָרן אַז מיר קענען זיך. איך האָב אים געהערט מערערע מאָל. ניט נאָר בעת ער האָט פֿאָרגעלייענט זײַנע אייגענע לידער, כ׳האָב אים געהערט רײדן. וועגן ליטעראַטור בכלל. אָבער באַזונדערס וועגן אומגעקומענע אָדער אומגעבראַכטע שרײַבערס — אין דעם היטלער־הוראַגאַן, צי אינעם סטאַלינישן טירוף.

האָב איך תמיד געפֿילט, אַז ער קומט פֿון דאָרט, אַז ער האָט זיך געטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיט יענע שרײַבערס, זיי דורכגענומען אין זייער תּוכיקייט. דערקענט זייער קינסטלערישע דערהויבנקייט, צוגעזען זייער מענטשלעכע צעבראָכנקייט און געווען אַן עדות פֿון זייער מאָראַלישן פֿונאַנדערפֿאַל. דאָס האָט געמאַכט אַ טיפֿן קריץ אין זײַן נשמה. פֿון דאַנען — דער וויברירנדיקער אויפֿציטער אין זײַן שטים, דער נערוועזער צוק אין געזיכט און דער פֿאַרוואָלקנטער פֿלעמל אין אויג.

ער טראָגט אין זיך וועלטן חרובֿע, זעט כּסדר מענטשן־רויִנעס, פֿילט מען ווי ער קומט אַרויס אַ געלײַטערטער פֿון דעם, וואָס ער איז זיך מתייחד מיט דער פֿאַרזונקענער תּקופֿה.

דאָס מאָל איז ער אײַפֿגערופֿן געוואָרן אויף דער סעסיע פֿונעם ראַט פֿון יד־ושם אין ירושלים צו כאַראַקטעריזירן דעם נאָר וואָס פֿאַרשטאָרבענעם ה. לייוויק, וואָס זײַן פֿאַרטרעט האָט מען איצט אויפֿגעהאַנגען אינעם זאַל פֿון יד־ושם.

אַזאַ האָט ער זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר דאָס ערשטע מאָל.

דאָס איז ניט געווען קיין הספּד און ניט קיין ליטעראַרישע אָפּשאַצונג. דאָס האָט גערעדט אַ פּאָעט וועגן אַ פּאָעט. אויף אונדזערע אויגן ממש האָט זיך אויסגעשפּונען אַ מערקווערדיקע, לויטערע פּאָעמע: לייוויק.

ער האָט גערעדט ניט מער ווי פֿופֿצן מינוט, אָבער ס׳איז ניט געווען קיין איבעריק וואָרט און קיין פֿרעמדער קלאַנג. שטריך נאָך שטריך האָט זיך געפֿורעמט די לייוויק־געשטאַלט, און באַלד איז זי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ניגון, דורכגעווייטיקט מיט עצבֿות און דורכגעשטראַלט מיט זוניקער חדווה. מיר האָבן זוכה געווען אַרײַנצוזאָטעמען אין זיך דעם געבענטשטן ליריזם פֿונעם דיכטער, וואָס אויך נאָכן טויט שפּאַנט ער אַוועק ווײַטער...

ציטערדיק אין אָפּגעהיט האָבן זיך פֿון סוצקעווערס מויל געשנירלט ציטאַטן פֿון לייוויקס לידער — פֿון ווײַטן סיבירישן אַמאָל און פֿון דער ערשט נעכטן

אויסגעשטומטער תּפֿילה. און ס׳האָט אויף אַלעמען אַ הויך געטאָן מיט לייוויקישער אייביקייט.

ס׳איז געווען אַן אויסגעזונגענע לייוויק־געשטאַלט אין איר פּאָעטישער דורכזיכטיקייט און מאָראַלישער דערהויבנקייט.

איך האָב זיך איינגעגעסן אין סוצקעווערס פּנים, אין זיינע אויגן, איינגעזאַפּט דעם טאָן פֿון די ווערטער און דעם אַראָמאַט פֿון זיין געזאַנג.

ד אָ ס א י ז ע ר!

אין סוצקעווערן האָב איך פֿון דאָס ניי דערקענט לייוויקן; און דורך זיין לייוויק־פּאָרטרעט האָב איך פֿון דאָס ניי דערקענט סוצקעווערן.

כ׳האָב אויפֿגענומען אַ נ י י ע ם סוצקעווער.

ס׳האָבן זיך געצויגן איבער מיין באַק טרערן און כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען טרערן פֿון אַ באַזונדערער, דערהייבנדיקער איבערלעבונג.

מסתּמא איז סוצקעווער תּמיד אַ זאַ, אָבער א י ך האָב אים איצט דערזען אַן אַנדערן. זיין איצטיקער אויפֿטריט האָט מיר געהאָלפֿן, אָדער געצוווּנגען צו דערזען א י ם, ווי ער איז אין דער אמתן.

ס׳איז געווען ז י י ן ליד, אין וועלכן ער האָט ז י ך אויסגעזונגען.

ס׳האָט אין מיר אַריינגעריזלט פּאָעזיע פֿון קלאָרסטן קוואַל.

כ׳האָב אומדערוואַרט געפֿונען דעם שליסל צו סוצקעווערס שאַפֿן. אומעטום און שטענדיק איז ער פּ אָ ע ט. דאָס איז ז י י ן מאָס צו מעסטן אים: ער איז תּמיד ג ע ז אַ נ ג.

עס איז געזאַנג וואָס רודערט אויף, רויבט אַוועק די געמיטלעכקייט, צינדט אַן פֿלאַמען פֿון אומרו און פֿיינערט־אויס די מחשבֿה.

*

״געהיימשטאָט״, ״יידישע גאַס״, ״אין פֿייער־וואָגן״, ״אין מידבר סיני״ — ס׳איז די בייע יידישע פּאָעטישע מאָזאַיק, אין וועלכער עס קומען זיך צונויף מזמורים פֿון ווייטן תּנכישן עבֿר, אָפּהילכן פֿון געטאָ־קאַמפֿן, גסיסה־כאָרכלען פֿון פֿאַרמישפּטע אין חשכות פֿון אונטערערדישע קאַנאַלן, וויזיעס פֿון מאָדערנע בעלי־חלומות און למנצח־געזאַנגען צו הײנטצייטיקע פֿאָטערלענדישע העלדן; ס׳איז די יצירה פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז אויסגעהרגעט געוואָרן, אויפֿגעשטאַנען פֿון אַש, ניי־געבוירן, און נתעלה געוואָרן אין פֿייער־וואָגן צום אויסגעשטערנטן הימל פֿון אייגענעם באָדן.

ס׳האָט אָפּגעגליקט סוצקעווערן, וואָס ער איז פֿון געטאָ־אָפּגרונט עולה געווען אַהער, ווו אים איז באַשערט צו פֿאַרנעמען דעם נייעם פּאַטאָס פֿון יידישן שאַפֿן; ס׳האָט אָפּגעגליקט אונדז, דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איר איז באַשערט, אַז סוצקעווער זאָל זיך אַריינלעבן אין אונדזער ישׂראלדיקער אַטמאָספֿער און צושטייערן צו דער שירה פֿון בוי און געראַנגל זיין, סוצקעווערישן, פּרק פּאָעזיע.

דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער באַרייכערט און פֿאַרטיפֿערט די שאַפֿונג פֿון דעם ישׂראלדיקן יידישן מענטש.

דבֿ סדן

# אַ קליינע לעקציע

**מיר עפֿענען דעם בוך פֿון אַבֿרהם סוצקעווער "אין פֿײַער־וואָגן" (תּל־אָבֿיבֿ, 1952) און לייענען דאָרט אַ ליד, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, טראָגט אויף זײַן שטערן אַ שטערנדל, און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, און איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1948. מיר לייענען עס סטראָפֿע־סטראָפֿע און קלערן זיך אַרײַן, כּדי די באַזונדערע סטראָפֿעס און אַזוי אַרום דאָס גאַנצע ליד צו פֿאַרשטיין.**

I

פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט מיט מתמיד און מיט מאָניש,
מיט כּלה־ייִדיש אויסגעפּוצט אין פֿאָלקסלידער באַהאַרצטע.
אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען אימהדיק־האַרמאָניש,
באַגלייט מיט שפּילנדיקע פֿידלען — קינדערלעך די צאַרטסטע.

דער לייענער שטעלט זיך קודם־כּל אָפּ אויף ווערטער, וואָס חזרן זיך גאַנץ אָדער כּמעט גאַנץ איבער, און דאָס איז דער סוביעקט פֿון דער סטראָפֿע און זײַן פּרעדיקאַט: 1. פֿאַרגאַנגען איז אַ ייִדנוועלט, 2. אַ ייִדנוועלט איז אויסגעגאַנגען — דער חילוק איז אַ קלאָרער: פֿ אַ ר ג י י ן פֿאַרגייט בילדלעך די זון, באַגריפֿלעך די צײַט, עפּיגראַמאַטיש אַפֿילו אַ פּאַטש; א ו י ס ג י י ן גייט אויס קאָנקרעט דער אייל, כּמעט קאָנקרעט דער אָטעם, אַבסטראַקט אַ נשמה; דאָ פֿאַרגייט און גייט אויס אַ וועלט, אַ ייִדנוועלט (נישט פּרוגס אַ וועלט מיט ייִדן, נאָר בפֿירוש אַ ייִדנוועלט), און זי פֿאַרגייט ווי אַ סובסטאַנציע, דורך צוויי אַטריבוטן אירע: מתמיד און מאָניש, ווי צוויי גײַסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פֿון צוויי דורות — נישט מחמת דעם גראַם נאָר מחמת אַ מהותדיקער טעם גייט דער מתמיד פֿאַר מאָניש, דען כאָטש י. ל. פּרץ האָט זײַן מאָניש געלאָזט אָפּדרוקן ווען ביאַליק איז נאָך געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן און האָט נאָך געהאַט אַ היפּשע פּאָר יאָר ביז צו זײַן מתמיד, איז אָבער דער מתמיד, בפֿרט אין זײַן טיפּישן באַנעם, אַ פֿריִערדיקער פֿון מאָניש, בפֿרט אין זײַן מער אינדיווידועלן באַנעם. הייסט עס, אַז די פֿאַרגאַנגענע־אויסגעגאַנגענע ייִדנוועלט באַזירט זיך מענטאַל און באַוווסטזיניק אויף די צוויי געשטאַלטן, וואָס שטייען בײַם טויער פֿון דער ייִדישער מאָדערנע און אירע וואַקלענישן. אָבער שוין די צווייטע שורה באַנוגנט זיך נישט מיט אַזאַ באַזע און פֿאַרווײַזט אויף אַ טיפֿערער — די ייִדנוועלט קומט דאָ אויס אַ באַהאַרצטע מיט כּלה־ייִדיש אין פֿאָלקסלידער. לוינט זיך קודם־כּל צו פֿאַרשטיין די עבֿרי פֿון דער שורה — אַ כּלה און באַהאַרצן זענען כּידוע פֿאַראַנקערט אין שיר־השירים; לבבתּיני אחותי כּלה, ווערט געטײַטשט: דו האָסט מיך באַהאַרצט מײַן כּלה, און ווערט, אין אונדזער געשמאַק, פּאָזיטיוו פֿאַרשטאַנען ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מײַן האַרץ געשטאַרקט, דערפֿרישט, כאָטש גרונטיק האָט עס אַ נעגאַטיוון באַטײַט, ווי מען וואָלט אַ שטייגער זאָגן: דו האָסט מיר מײַן האַרץ געשוואַכט, אָפּגענומען, און עלטערע און ייִנגערע טײַטשן ווייסן עס גאַנץ גוט — פֿאַר לבבתּיני אחותי כּלה האָט ר' יקותיאל בליץ: דוא האָשט מיר

מײַן האַרץ גנומען מײַן שוועסטיר אויך ברויט; ר׳ יוסף וויצנהויזן: דוא האָשט מיר דאָש הערץ גינומען מײַן שוועסטער [ליבה] (כלה), ווײַטער יהואש: האָסט ס׳האַרץ מיר געפֿאַנגען, שוועסטער מײַן כּלה. אָבער אין אונדזער ליד גייט באַהאַרצט ווי אין זײַן סוביעקט, דעם פֿאַלקסליד — ממש ווי מיר האָבן אין פֿאַלקסליד אַ צווילינג: האַרצעניו קרוינעניו, איז דאָ באַהאַרצן געפֿורעמט ווי באַקרײַנען, באַשיינען, מיט האַרץ אַרומרינגלען: נאָך זעען מיר אין ליד אַז די כּלה איז אויסגעפּוצט, איז עס סײַ כּדרך הטבע, סײַ כּדרך המנהג (קישוטי כּלה), סײַ כּדרך הכּתוב. אָבער מען דאַרף געדענקען אַז די געפּוצטע כּלה, איז נישט דער באַציכן פֿאַר דעם מיידל וואָס שטייט אונטער דער חופּה, און וואָס איר חתן אין די לעצטע דורות איז [דער] מתמיד אָדער מאַניש, נאָר בפּירוש דער באַצייכן פֿאַר דעם מיידל־ייִדיש, וואָס שטייט אויסגעטעסטראַיעט אין פֿאַלקסלידער, ווי איר חתן איז אויסגעסטראַיעט מיט תּורה, וואָס ווערט אין אונדזער ליד נישט דערמאָנט, און דאָס מסתּמא מחמת צוויי טעמים — איינער, ווײַל ער וואָלט פֿאַרטיילט דעם אַקצענט צווישן ייִדיש און לשון־קודש, דער אַנדערער, וואָס איז געבונדן מיטן ערשטן, ער וואָלט פֿאַר־אײַלט דאָס וואָס געהער בעצם צו די ווײַטערע סטראָפֿעס. אויב מען מעג זיך דערוועגן אַן השערה, וואָלטן מיר אויך געפּרוווט זען די כּלה, ווי אַ סימבאָל פֿון דער נשמה, בעיקר פֿון דער אויסגייענדיקער נשמה, ווי עס ווערט געבראַכט אין הספּד איבער ר׳ הונא: קצף אל על עולמו, וחמס ממנו נפשות, ושמח בהם ככלה חדשה, וואָס ביאַליק גיט איבער (ווי אַלע פּאָעטישע איבערזעצן אין פֿאַרייִדישטן "ספֿר האַגדה" פֿון ביאַליק־ראַווניצקי, נעם איך אָן, אַז עס איז בלויז ביאַליקס האַנט דערבײַ): ווי גרויס מוז זײַן פֿון גאָט דער צאָרן אויף זײַן וועלט, אַז אָפּגערויבט האָט ער איהר בעסטע צירונג: די ריינסטע און די שענסטע זעעלען. אָבער מיר קערן זיך צוריק צו דער אויסגעפּוצטער כּלה־ייִדיש, וואָס ווי אַ כּלה אונטער דער חופּה ווערט באַ־גלייט פֿון כּלי־זמר, און אַזוי איז די חופּה אַ שוואַרצע חופּה, ווי אַ ייִדנוועלט גייט אויס, און גייט אויס אין אַ סתּירה, וואָס דער דיכטער פֿאַרבינדט אין אַן אַדווער־ביאַלן שכנות: אימהדיק־האַרמאָניש, און בויט די סתּירה אויס ווי אַ משל און אַ נמשל, דער משל איז די האַרמאָניע: שפּילנדיקע פֿידלען, דער נמשל איז די אימה: קינדערלעך די צאַרטסטע.

II

נאָר ווען דאָס לעצטע פֿאַלקסליד האָט געצאַפּלט אויף אַ תּליה,
און מיט אַ גרינעם איילבערטבלאַט קיין טוב איז ניט געקומען;
ווען טויט־לבֿנה האָט פֿאַרבײַטן שוין געוואָלט די שקיעה —
אַ ריס געטאָן האָט זיך פֿון מויל דעם אויסגעקרימטן, שטומען,

אַ גאָלדענע נשמה, איז געפֿלויגן איבער ימען — —

צווישן דער ערשטער און דער צווייטער סטראָפֿע זענען אַלע קישוטי כּלה, די באַהאַרצטע פֿאַלקסלידער, אויסגעגאַנגען אין עינויים, אויף דער תּליה, און איצט צאַפּלט פֿאַר אונדז דאָס לעצטע פֿון זיי, און בלויז אַ נס קען עס אָפּראַטעווען, און דאָס נס מאָלט זיך אויס אין גײַסט און בילד פֿון דער אַלטער, עלטסטער

אונטערגאַנג־מסורה, דעם מבול, ווו דאָס גרינע איילבערטבלאַט אין מויל פֿון דער טויב, זאָגט אָן דעם נס פֿון דער צוריק־אַרויסשטאַרצנדיקער יבשה; אָבער נישט בלויז וואָס דאָס נס חזרט זיך נישט איבער, נאָר אַנשטאָט דער דערוואָרטער גרינקייט, ווי אַ סימן פֿון שפּראָץ און אויפֿגאַנג, שפּרייט זיך אויס אַ ווײַסקייט ווי אַ סימן פֿון אָפּלעב און אונטערגאַנג (טויט־לבֿנה) וואָס נעמט פֿאַרבײַטן די שקיעה, אין איר טאָפּלזיניקייט, איינס בדרך משל: די גאָלדיקייט פֿון דער אונטערגייענדי־קער זון, דאָס אַנדערע בדרך נמשל: די לעצטע פּראַכט פֿון אויסגייענדיקן ייִדנ־פֿאָלק, פֿאַרבילדלעכט אין צאַפּל פֿון לעצטן פֿאָלקסליד. און דאָ געשעט פֿאַרט דאָס נס, — ער געשעט נישט דורך דער ממשותדיקער טויב, נאָר דורך דער סימבאָ־לישער טויב — די גאָלדענע נשמה, דער תּמצית פֿון דעם גערשאָטעוועטן שקיעה־גאָלד, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון מויל, און סײַ דער מיטאָס, סײַ די לעגענדע, סײַ די פֿאָלקס־מעשׂה מאָלן זי ווי אַ טויב, אָדער אַ פֿלאַטערל. דאָס עצם בילד פֿונעם אַרויסריס פֿונעם מויל — דאָ איז עס אויסגעקרימט פֿון יסורים, און שטום פֿון רציחה — געפֿינען מיר אין אַזאַ פּלאַסטישקייט בײַ ביאַליק און נסתּר, און דעם פֿלי פֿון דער נשמה, עלעהיי אַ פֿויגל, געפֿינען מיר בעיקר אין דער פֿאָרעם פֿון דער גאָלדענער פּאַווע בײַ איציק מאַנגער און י. י. סיגאַל.

III

א גאָלדענע נשמה, איז געפֿלויגן איבער ימען,
און אויפֿגעלעבט אָט דאָ, אין לאַנד פֿון חלום, יענע אַלע,
וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַשן מיט דער פֿאָן צוזאַמען,
און ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מיר נתגלה.

די גאָלדענע נשמה וואָס מיר האָבן געזען אירע טיפֿערע שיכטן, איינע אַ מער איבערשטע (מתמיד, מאַניש) איינע אַ מער אונטערשטע (ייִדיש, פֿאָלקסליד) ראַ־טעוועט זיך אַרויס און אַריבער אין דער טיפֿסטער שיכט, אין דער ערשטער היים, וואָס ווערט דאָ אָנגערופֿן דאָס לאַנד פֿון חלום, און זי, די גאָלדענע נשמה, לעבט דאָ אויף אַלעס וואָס איז דאָרט פֿאַרגאַנגען און אויסגעגאַנגען. מעגלעך אַז דער זאַג: אַלע, וואָס האָבן אויסגעצאַנקט אין אַשן, מיינט נישט בלויז דאָס אויס־צאַנקען פֿון אַ פֿײַער, אַ ליכט, אַ פֿונק וואָס איז אין אַש אויסגעלאָשן, נאָר אויך, און אפֿשר בעיקר דאָס אויסצאַנקען, דאָס אויסקעמפֿן, דאָס דורכראַנגלען זיך אין אַש און פֿונעם אַש אַרויס, אַ רמז פֿון קאַמף, געראַנגל איז, דוכט זיך די פֿאָן, און אַן אַסמכתּא דערויף איז דאָס שכינות פֿון דער נשמה און דעם אַש — דאָס בילד פֿון דעם פֿויגל וואָס שטייט אויף פֿון זײַן אייגענעם אַש, האָט די דיכטערישע פֿאַנטאַזיע אָנגערעגט צו אַן אַנאַלאָגן באַשרײַב ווי מיר האָבן אים דאָ פֿאַר אונדז: דער אַרויסריס זײַנער פֿון מויל, אַזוי אַז דער ניט־דערמאָנטער, אָבער בסתר פֿאַראַנענער אַש־פֿעניקס איז עס דאָס קעגנשטיק פֿון דער תּיבֿה־טויב. דען נאָר אַ באַנעם ווי ער האָט זיך אַרויסקריסטאַליזירט אין דער לעגענדע איבערן חול, דעם פֿעניקס, קאָן אויסטײַטיקן אַזאַ זיכערן און שלימותדיקן זאַג: און ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מיר נתגלה. דאָס וואָרט נתגלה איז פֿאַר זיך אַן איבערגע־

לאַדנס: עס פּאַסט גוט צום באַגריף לאַנד פֿון חלום, אָבער עס פּאַסט אויך צום אַנטפּלעק פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם.

IV

נבֿיאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאַנענדיקע עולים,
ווי קאָנען זיין פֿון אייביקייטן איינליגן דערנעבן?
עס נידערן פֿון הימל מתים... און ס'באַגלייט דעם עולם —
אַ וואָלקנזייל פֿון אומקום און אַ פֿלאַמענזייל פֿון לעבן.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין דערגרייכט טיפֿערערע שיכטן, ווי מיר האָבן זיך געריכט לויט דער ערשטער סטראָפֿע, קאָנען זיך שוין, אָדער בעסער געזאָגט, מוזן זיך שוין, די גאָר אייבערשטע און די גאָר אונטערשטע שיכטן, נישט בלויז קאָנפֿראָנטירן, נאָר זיך באַגעגענען און האַרט צוזאַמענשליסן — די נבֿיאים, דער ווייטער עבֿר פֿונעם לאַנד, און די עולים, דער נאָענטער הווה אירער, גיבן זיך די הענט, אַ מין בריק צווישן צייט און רוים, און די דורות צווישן דעם ווייטסטן און דעם נאָנטסטן ווילן און קאָנען נישט פֿעלן ביי אַזאַ באַגעגעניש, זיי, וואָס הייסן דאָ: די זיין פֿון אייביקייטן, קאָנען נישט איינליגן אין זייערע קבֿרים, און מיר זענען גרייט צו אַ בילד פֿון זייער אויפֿוועק און אויפֿקום פֿון זייערע קבֿרים, אָבער וואָס עס געשעט איצט איז אַנדערש — פּונקט ווי מיר זעען אַ האָריזאָנטאַלן צוזאַמענבונד — נבֿיאים און עולים; זעען מיר אויך אַ ווערטיקאַלן צוזאַמענבונד — די מתים וואָס קאָנען נישט רוען אין די קבֿרים, נידערן אַראָפּ פֿון הימל, און אויבן און אונטן ווערן איינס.

איצט קערן מיר זיך אום צום אָנהייב ליד, ווו מיר האָבן געהאַט אַ באַגלייט, אָבער שטאָט אַן אַקוסטישן: שפּילנדיקע פֿידלען, האָבן מיר אַ וויזואַלן, אַ וויזיאָנאַרן, אַפֿילו אַפּאָקאַליפּטישן: אַ וואָלקנזייל און אַ פֿלאַמענזייל; דאָס הייסט מיר שפּאַנען אין מידבר און האָבן פֿאַר זיך דעם עמוד־הענן און דעם עמוד־האש, אָבער אין אַן אַנדערן סימבאָליש־פֿונקציאָנאַלן פֿאַרטייל: דער וואָלקן, וואָס אין מידבר גייט ער ביי טאָג, איז דער סימבאָל פֿון אומקום און דער פֿלאַם וואָס אין מידבר גייט ער ביי נאַכט, איז דאָ דער סימבאָל פֿון לעבן, און דער דיכטער גייט דאָ, אפֿשר בלא יודעין, אויף דער ליניע פֿון אַ נייערן אויסטייטש פֿון די צוויי זיילן, וואָס האָט זיך שוין זיין אייגענע געשיכטע. על־כּל־פּנים חתמענען די צוויי זיילן לאַפּידאַר אָפּ די יסודות וואָס זענען אין ליד אויפֿגערודערט געוואָרן: דער מבול און זיין טויב, דער פֿעניקס און זיין אַש, תּחיית המתים.